STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09360

ALE VERK

Isaac Leib Peretz

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

י. ל. פרץ

אדם וחוה

אַרויסגעגעבן פון דער „מאָרגן-פרייהייט"

מיט דער דערלויבעניש פון ב. קלעצקין פאַרלאַג, פוילן

Published by the Morning Freiheit

---

by permission of
B. Kletzkin Publishers, Poland

PRINTED IN U. S. A.
BY PROMPT PRESS 209

אינהאַלט

	זייט
דער פעטער שכנא און די מומע יאכנע	5
מענדל ברײנעס	16
א כעס פון א אידענע	25
האשה מרת חנה	33
וואָס הייסט „נשמה"	80
ווענוס און שולמית	97
אין פּאָסט־וואַגאָן	104
די אלמנה	125
חתונה געהאַט	127
קלאָץ־געשיכטן	154
נאָך קבורה	167
צוזאַמען	176
אָן מזל	182
פון וועג אַראָפּ	188
אין קעלער־שטוב	191
מוסר	200
פאַר דער טיר	208
אין סקווער	213
שוועסטער	221
ער און זי	226
א ליבע	230
גיי נישט מיט מיר	338
דער שטראַל	242
עס זיינען קיין וואונדער געשען	256
דער זיווג	274
פדיון שבויים	283
לבנה, פערל און אלטווארג	288
צוריק אין דער אַלטער היים	294
טרויער	301

דער פעטער שכנא
און די מומע יאַכנע

(אן אויסגעפלוידערטע מעשה, נאָר פאַר דאָס אן אמתיע מעשה)

מיין פעטער האָט געהייסן שכנא און די מומע יאַכנע.

צי איז דאָס געווען אָנגעגרייט אומישנע פון דער השגחה פרטית, איך זאָל מיך נישט דאַרפן קווענקלען, ביים אויסזוכן א גראַם צו זייערע נעמען, אויב איך וועל זיי וועלן באַזינגען? אָדער עס איז אַזוי געוואָרן על פי מקרה? דאָס ווייס איך נישט! אמת דאָס מוז מען זאָגן: די השגחה פרטית זאָל מיך אין זינען האָבן, און שטענדיג מיך פאַרזאָרגן מיט גראַמען, וואָלט איך קיינמאָל קיין פּראָזע נישט געשריבן; שטענדיג גראַם—שטראַם... עס וואָלט דערפון קיין לעטניק נישט אַרויסגעקומען, דער עולם וויל דוקא נישט קיין גראַמען, נאָר פּראָזע און דוקא פשוט „כדבר איש אל רעהו", דאָס הייסט: עס זאָל נישט זיין וואָס צו פאַרשטיין... ווייל לעזן האָט מען ליב, דאָס האָט מען שוין בירושה... נאָר עפּעס וויסן איז נישט כדאי... פונדעסטוועגן—כבוד איז כבוד!

נאָר לאָמיר צוריק גיין צום פעטער שכנא און דער מומע יאַכנע.

נישט מיט די נעמען אליין זיינען זיי געווען ווי געפּאַסט! זיי האָבן געהאַט אפילו איין וואוקס, איין דיק, גלייכע נעז מיט אויגן!

איך בין אייך אפילו נישט מחויב צו זאָגן, פון וואַנען איך ווייס עס. א שרייבער האָט דאָס רעכט צו וויסן אַלץ, אפילו, וואָס עמיץ האָט אונטער'ן נאָגל, בפרט אין מח און האַרץ... דער מנהג איז זאָגאַר, אַז ער דערציילט אפילו דאָס, וואָס מען טאָר גאָר נישט אויסזאָגן... זיינען אָבער אויף דער וועלט פאַראַנען אַזוי פיל נאַרישע און שלעכטע פּראַוועס, אַזוי פיל אידיאָטישע, קראַטישע מנהגים, אַז עס איז א חרפּה און א בושה, אַן אָרנטלעכער מענטש זאָל זיך פאַררופן אויף א פּראַווע אָדער פאַרטיידיגן זיך מיט א מנהג.

דעריבער מוז איך אייך זאָגן, אַז זיי זיינען ביידע צוזאַמען געשטאַנען ביי מיין חופּה! און, ווייל איך האָב חתונה געהאַט צו דרייצן יאָר, און, ווייל איך האָב דעם חזן מיט דעם רב מיט טאַטע־מאַמע געקענט, די כלה איז געווען פאַרשלייערט און קיין יונגען זיינען ביי דער חופּה נישט געווען, ווייל עס איז געווען א גרויסע רעוויע אונטער דער שטאָט — האָב איך מיך פּאַרקוקט אויפ'ן פעטער שכנא מיט דער מומע יאַכנע, וואָס זיינען מיר געשטאַנען פּונקט געגנאיבער, — און דערזען, אַז זיי האָבן ביידע פּונקט גלייכע אויגן; קליינע, לויפנדיגע, גלייך זיי וואָלטן שטענדיג געזוכט אַן אָרט, צו באַהאַלטן זיך פאַר פּחד אָדער פאַר בושה. עס האָט מיר אַזוי קאָמיש אויסגעזען, אַז איך האָב מיך אונטער דער חופּה צעלאַכט, און דער טאַטע, עליו השלום, האָט ארויפגעלעגט א פינגער אויפ'ן נאָז, נאָך וועלכן עס פלעגט שטענדיג קומען אַן אויערן־דרייעניש אָדער עפּעס ערגערס...

מיין מערכה איז געווען, וואָס דער מסדר קדושין האָט אָנגעהויבן זיין שפּרוך.

ביי דער גילדענער יויך איז מיר איינגעפאַלן, אַז איך האָב א גרייטן אָנהויב צו'ן א שיר:

מיין פעטער שכנא,
מיין מומע יאַכנע,

און איך קען אזא שיר אוועקשיקן אין דער ווארשעווער צייטונג אריין, פון וועלכער איך האָב בסוד סודות געוואוסט.

איך וואָלט עס בעסער געשריבן אויף לשון הקודש:

דודי שכנא,

דודתי יאחנאָ,

נאָר דעמאָלט זיינען נאָך די „הנצנים" נישט געווען...

אז זיי האָבן בײדע אַקוראַט איין גרויס, בין איך אויף זיכער געוואויר געוואָרן ערשט דעם צווייטן טאָג.

מעשה שהיה כך היה ביי'ן טאַטן אין דירה איז זייער ענג געווען. איך האָב, ברוך השם געהאַט א זיידן, טאַטע־מאַמע און זיבן שוועסטער און ברידער; און געבליבן בין איך דאָך ביים טאַטן אויף קעסט! מיין טאַטע האָט געהאַט זיין אייגן הויז! מיט 10 רובל אייגנס און 290 רובל געבאָרגטע אויף וואָכער, האָט ער אָפּגעקויפט ביי א מיעשציאַן אַ שטוב מיט א חזיר־שטעלכל. פון שטוב איז געבליבן שטוב; פון חזיר־שטעלכל האָט מען געמאַכט א האָליץ־קאַמער. אז מען האָט מיך אויס נאָר נישט אַרויס געגעבען האָט מען געהאַט א קורצן ישוב, אז דאָס האָליץ קען פראַנק און פריי ליגן אויפ'ן הויף, בפרט אַז נישט שטענדיג איז האָליץ געווען — מערסטנטיילס דרענגלעך און טייל מאָל—גאָר נישט... סיי ווי סיי וועט עס נישט געפרוירן ווערן, און טריקענען אין באַקאויוון איז לייכט, און, אַז אויב מען וועט נאָר אַרויסנעמען דאָס האָליץ, קענען שטיין אין קעמערל צוויי בעטן, מען וועט קענען דורכגיין אויך. און צוויי בעטן איז לכל הדעות גענוג פאַר א פּאָר פּאָלק.

דעם פּלאַן האָט אויפגעגעבן דער שדכן; וואָרום דער טאַטע האָט זיך איינגעשפּאַרט, „יענער" זאָל אָפּגעבן פריער די קעסט, דערווייל וועט ער אויסצאָלן די 290 רובל חוב פאַר'ן הייזל און וועט זיין בכח צוצושטעלן א שטיבל.

און גלאַט, ווי האַלט מען קינדער, וואו עס זיינען חזירים געשטאַנען?

דער מאַמען האָט עס ווייניגער געאַרט.

— באַ, — האָט זי געזאָגט, — זעסטו שוין! דריי יאָר קעסט איבערקומען! אויך אַן עסק!

און עס איז אַזוי געבליבן.

דעם צווייטן טאָג האָט מיין אשתי חוה'לע באַין אופן נישט געוואָלט אַרויסקריכן פון חזיר־שטעלכל אויף דער ליכטיגער שיין. אַרויסגייענדיג דאַוונען, האָב איך אַן אויג געוואָרפן אויף איר בעט, געזען די קאָלדרע מיט די קישן, נאָר אָן אַ פּיצל פּנים.

און געגלוסט האָט זיך מיר שטאַרק צו זען, ווי מיין אשתי חוה'לע זעט אויס, כאָטש נאָך נעכטן ביי דער גילדענער יויך איז עס מיר נישט איינגעפאַלן; מיר איז די גרויסע רעוויע געלעגן אין קאָפּ. רופן זי, האָט זיך מיר עפּעס נישט געלעגט אויף דער צונג: „חוה" איז צו פיל פּאַן־בראַט, „ווייב" איז צו גראָב... יע־דערער דאַרף וויסן? וואָס?

דעם אמת זאָגנדיג, געפעלט מיר נישט עד היום דער מנהג ביי די דייטשן, מאַן און ווייב זאָלן שטענדיג שפּאַצירן צוזאַמען און דוקא אונטער די הענט, עס זאָל חס ושלום קיינער קיין טעות נישט האָבן, יעדערער זאָל וויסן כהויה, ווער — מיט וועמען — ווייס איך דאָרט! און זיי לאַכן נאָך פון אונזער כיור אין בית־המדרש, וואָס מען וואַשט זיך די הענט בריש גלי...

נאָר איך פּאָר שוין אַראָפּ אין אַ זייט; איך האָב זי חשק צו רופן, און ווייס נישט, ווי אַזוי. „הער נאָר—זי!" האָט מיר אויך פון האַלז נישט געוואָלט אַרויס; אַזוי רעדט מען צו אַ דינסט, נישט צו אַ ווייב.

איך בין געשטאַנען און געשטאַנען און געקלערט, ביז דער טאַטע האָט אַריינגעשריען: גייסט?

איך האָב געכאַפּט אַ ציטער און בין אַרויס מיט גאָרנישט.

לויט דעם עגול, וואָס די קאָלדרע האָט בולט געמאַכט אין דער הויך, האָב איך דאָך פאַרשטאַנען, אַז מיין אשתי חוה'לע האָט זיך איינגעצויגן ווי אַ קנויל, איבערגעדעקט זיך און ליגט מיט'ן פּנים אין קישן אַריין.

עס פאַלט מיר איין אויפ'ן וועג אין בית־המדרש אַריין, אַז זי

מוז בענקען אהיים; באַלד נאָך דער וועטשערע זיינען מיין שווער און שוויגער און איר טאַטע־מאַמע אַוועקגעפאָרן.

ער איז געוועזן א שמש אין א נאָענט שטעטל און צו מאָרגנס איז דאָרט פונקט געווען א גביר׳ישע חתונה; זי האָט געהאַט א שטעלעכל מיט בענדלעך און קנעפּלעך. און „קוים דרייט זי אַוועק דעם קאָפּ, שטעלן זי די שנירן בדיל הדל"...

ביים אַוועקפאָרן האָט זיך מיין אשתי חוה׳לע צעוויינט אויף א קול. דער פאָטער דער רגזן האָט א געשריי געטאָן: סמאַרק! די מוטער האָט איר צוגעזאָגט צו שיקן א מתנה, דאַכט זיך מיר— א פּאָר איילן שליסעלבורגער געדרוקטן ציץ...

און מען האָט זי קוים איינגענומען.

אַצינד בענקט זי אודאי—טראַכט איך—אהיים; און האָב אויף איר שטאַרק רחמנות.

דאָס רחמנות האָט מיך ביים גאַנצן דאַוונען נישט אָפּגעלאָזט. איך האָב געוואָלט ווי אַם געשווינדסטן אהיים לויפן. זען צי אשתי חוה׳לע וויינט שוין נישט; איך האָב אָבער געמוזט וואַרטן אויפ׳ן טאַטן.

אין דער טיר, האָט אונז די מאַמע באַגעגנט מיט א ירגזון:

— א שיינע פּריצה האָט „עטץ" מיר איינגעהאַנדלט! ווי געפעלט זי דיר? זי וויל דאָך נישט ארוים פון בעט! אָט מוז איך איר צוטראָגן קאַווע אין בעט אריין!

מיין מאַמע האָט ליב געהאַט „אמת" ווי דאָס לעבן, נאָר דעם „אמת!" פלעגט זי פון מיר פאַרלאַנגען, אז איך בין אהיים געקומען מיט א צעדראַפּעט פּנים אָדער א צעריסן היטל... צום טאַטן פלעגט זי האָבן אייביג פאַלשע פּרעטענזיעס. וואָרום משדך זיין זיך מיט ר׳ יאָקעלע־יענטע־בריינעס (אַזוי האָט מיין שווער געהייסן) האָט זי דער עיקר געוואָלט. דער טאַטע האָט נאָך געהאַלטן ביי׳ן א ישוב און זי האָט געהייסן „צושלאָגן". „אָן עס זאָל זיין!" האָט זי געוואָלט. און א באַשטענדיגע שוואַכקייט האָט זי געהאַט צו זאָגן „קאַווע" אויף ציקאָריע.

איך, נאַטירלעך, בין נישט אריינגעגאַנגען אהין, דער טאַטע

אויך נישט, כאָטש אשתי חוה׳לע האָט נישט געוואָלט די קאַווע טרינקען, שפּעטער זיינען געקומען דער פעטער שכנא און די מומע יאַכנע, און, אַז מען האָט זיי דערציילט, דאָס די „שנור וויל נישט אויפשטיין״, זיינען זיי ביידע גלייך אַריין אַהין. און—ווייל די טיר איז געווען אַ נידעריגע, ווי עס פּאַסט פאַר אַ חזיר־שטעלכל— האָבן זיי זיך ביידע אָנגעשלאָגן מיט די נעז אָן דער אויבערשטער לייסט, און איך האָב אַליין געזען מיט מיינע אויגן, אַז ביידע האָבן באַקומען די צייכנס אַקוראַט אויף איין אָרט, — אויף דער שפּיץ נאָז...

האָט איר דעם בעסטן באַווייז, אַז מיין פעטער שכנא און מיין מומע יאַכנע האָבן געהאַט איין גרוים.

אַזוי זיינען אויך זיי זיך ענלעך געווען, ווי שוועסטער און ברודער!

מען דערציילט אַזאַ מעשה:

מיין מומע יאַכנע קומט אַרוים פון האָצעפּלאָץ און האָט נאָר אַהער חתונה געהאַט צום פעטער. ווען דאָס איז געווען ווייס איך נישט נאָר די מעשה איז אָן אמת.

דעמאָלט איז ביי אונז געווען אַ בורמישטש אַ צורר יהודים, וואָס האָט זיך איינגעשפּאַרט, אַז מען זאָל נישט חתונה מאַכן אָן אַקטן. מען זאָל וועלן מאַכן אַקטן, וואָלט מען שוין געמוזט וואַר־טען ביז 17־18 יאָר, ווי דער דין איז. און אַ איד, וואָס קינדלט און קינדלט, זאָל וועלן וואַרטן מיט׳ן בכור ביז 18 יאָר, וואָלט ער שוין קיין נחת אינ׳ם מעזיניקל נישט דערלעבט! נאָך אַ ברית דאַרף מען זיך נישט אָפּרוען, אָבער נאָך חתונה מאַכן אַ קינד מוז מען שוין וואַרטן אַ שיינע פּאָר יאָר, איידער מען קומט צוריק צו די כחות אויף אַ נייער חתונה...

קורץ פון דער זאַך — דער ימח־שמו׳ניק האָט דאָך דאָס נישט געוואוסט, פלעגט ער שיקן רופן די געקומענע חתנים און כלות, פרעגן, מכלומרשט, אויף פּעסער און אין איינוועגס חוקר ודורש זיין, צי עס איז נישט געווען אַ שטילע חופּה. איר פאַרשטייט אַן עסק?

מן הסתם איז ער נישט געוואויר געוואָרן.

די חתונה־געהאַטע קינדער האָבן געקוועטשט מיט די דאַרע פּלייצעלעך אויף: „איני יודע". און צוריק געשמועסט, ווער האָט פאַרשטאַנען פּויליש? און אַז דער „פּאָליציי", וואָס האָט געקענט אידיש, האָט איבערגעפרעגט, האָט מען אים געענטפערט: ווער? ווען? וואָס? האַ! וויים איך!

און גאָרנישט.

נאָר דאָס איז רעכט — אַ חתן... שיקן די כלה צום בורמישטש איז דאָך נישט קיין שטיגער! פלעגט מען נעמען אינגלעך, באַ־האַלטן די פּאה'לעך אונטער די אויערלעך, אָנטאָן אין קליידלעך און אַהין שיקן אויפ'ן אָרט פון די כלות! פאַר „לא תלבש אשה שמלת גבר", האָט מען קיין מורא נישט געהאַט, ווייל עס איז דאָך נישט, חס ושלום, לשם עבירה.

איינמאָל האָט מען שיר נישט געפּלאַצט פאַר געלעכטער: עפּעס אַ כלה איז אַזוי געפעלן געוואָרן דעם בורמישטש, אַז ער האָט זיך, מחילה, צעשפּרייט די וואָנצעס און דערלאַנגט איר אַ קוש אין שטערן אַריין און געשענקט נאָך אַ קאַרמעלקע!

אַז עס איז געקומען דער גורל אויף דער מומען, איז געבליבן אַז דער חתן אַליין זאָל זיך פאַרשטעלן פאַר דער כלה. אַז דער בורמישטש וועט אים נישט דערקענען, איז מען זיכער געוועזן, ווייל מיין פעטער שכנא פלעכט זיך נישט ווייזן אין גאַס אַריין מיט אַלע אינגלעך צוגלייך; ער איז געוועזן, לא עליכם, נישט קיין געזונטער און איז שטענדיק געזעסן און געלערנט. פון וואַנען זאָל ער אים קענען?

דער בורמישטש האָט אים לאַנג נישט געהאַלטן. ער האָט אים — „געלויבט איז זיין ליבער נאָמען!" תוך כדי דבור גע־הייסן אַרויסוואַרפן: „וואָן, דאָס פּאַסקודסטוואָ"... „טאַקע זכות אָבות — פלעגט די באָבע זאָגן — איז געשען, וואָרום דער פעטער שכנא איז נישט איבעריג קלוג און ווער ווייסט, וואָס ער וואָלט אויסגעפּלאַפּלט!"

אַז ער איז צוריק אַהיים געגאַנגען, האָבן אַלע געשריען אין

גאַס, אַז ער איז „די כּלה אויסן אויג!" טאַקע — „כהויה". אין שטוב, איידער ער האָט צייט געהאַט זיך איבערצוטאָן, האָט דער מחותן — אַ פאַרטראַכטער איד געווען! — אַ טעות געהאַט און דערלאַנגט אים אַ מתנת יד: „יאַכנע! פאַרוואָס ווישטו דיר נישט אָפּ די נאָז?!"

דערנאָך האָט זיך געטראָפן אַזאַ מעשה:

אַז עס איז אַרויסגעקומען די גזירה פון די בערד, האָט די ערשטע קויל געטראָפן מיין פעטער שכנא. ער איז געגאַנגען אין מאַגיסטראַט אַריין צאָלן אַ פּאָדאַטעק, האָט מען אים געכאַפּט און צורעכט געמאַכט באָרד און פאות. אַז ער איז אַראָפּ אין גאַס אַריין, איז געוואָרן אַ געשריי פה אחד, אַז יאַכנע איז משוגע געוואָרן, און האָט זיך פאַרשטעלט פאַר'ן פעטער שכנא!

ער האָט פאַר שרעק און בושה צוזאַמען, געמאַכט פליטה אויס דער שטאָט אַרויס.

יונגען און ווייבער יאָגן אים נאָך: ער אויפ'ן פעלד, זיי אויפ'ן פעלד; ער אין וואַלד אַריין, זיי אין וואַלד אַריין, ביז ער איז זיי פאַרלוירן געוואָרן צווישן די ביימער.

אַז זיי זיינען צוריק אין שטאָט אַריין, און געטראָפן די אמת'ע מומע יאַכנע — וואָס קלערט איר? — מען האָט איר אין מיטן גאַס אָפּגעריסן די קאָפּקע. ווען נישט די פּאָליציי, וואָס איז איר געקומען צו הילף, וואָלט פון איר קיין שריד ופליט נישט געבליבן.

ביידע זיינען קראַנק געוואָרן פאַר שרעק און בושה. און אַז מענער און ווייבער זיינען געקומען מבקר חולה זיין, האָבן זיי נישט געוואוסט, צו וועלכן בעט צוצוגיין. אונטער די איבערבעטן, האָט מען נישט דערקענט, וואו עס ליגט שכנא און וואו יאַכנע.

נאָר דאָס אַלץ זיינען אַלטע זאַכן... היינט איז זיי שוין לייכט צו דערקענען: דער פעטער שכנא האָט אַ באָרד ביז אין גאַרטל, און כאָטש די מומע יאַכנע וויל אים נאָכמאַכן און עס שפּראָצן איר עטלעכע הערעלעך פון דער גאָמבע, קען זי זיך גאָר נישט פאַרגלייכן מיט זיין בעזעם, מיט וועלכן מען האָט געקענט אויס־קערן אַ בית המדרש.

הכלל — זיי זיינען זיך זייער ענלעך געווען. אויב דער בורא־מישטש מיט זיין גוי'אישן געשמאַק האָט געזאָגט אויף איר פּאַס־קודסטווא, וואָלט ער דאָס אייגענע געזאָגט אויף איר. פאַר מיר, ווייטער, זיינען זיי ביידע שיין געווען; נאָר דאָס גייט אייך נישט אָן. איך וועל דעריבער נאָר רעדן פון זייער ענלעכקייט, איר מוזט וויסן, אַז זיי האָבן געהאַט אפילו א גלייך קול! אַז זיי זיינען אריין צו דער כלה, האָב איך געהערט צוויי גלייכע גראָבע קולות און איין וויינענדיגן קול, וואָס האָט זיך ערשט שפּעטער אָנגערופן:

— חוה'לע — האָב איך געהערט — וואָס איז דאָס פאַר א שטייגער?

— חוה'לע! טוסט אָן עגמת נפש שווער און שווינגער!

— קינד און קייט וועט אוים דיר לאַכן!

— ווי הייסט? פאַרוואָס?

— ווער טוט אזוי?

— געסט וועלן קומען?

— צאַצקע מיינע, נחת מיינס, הער עלטערע קרובים, זיי ווילן נאָר דיין גוטס!

— ביזט דאָך שוין נישט קיין קינד!... א מענטש!

אזוי האָבן ביידע געשיט מיט שאלות, עצות און געבעט און איך האָב קיין איינציג מאָל נישט דערקענט, ווער עס רעדט: דער פעטער שכנא צי די מומע יאַכנע!

דערנאָך ערשט האָט זיך אָנגערופן א וויינענדיג דין קול, א ביסל א געדעמפּטס פון אונטער דער קאָלדרע:

— איך שעם מיך!

נאָר דאָס געהער אויך נישט צו דער זאַך.

און א לעבן צווישן זיי איז געווען ווי אונטער דער זון. האָט די מומע יאַכנע געזאָגט: באָם, האָט ער „ליתר תוקף ועוז" גע־זאָגט: ביב־באָם! האָט דער פעטער שכנא געשאָקלט מיט'ן קאָפּ אויף „יאָ", האָט די מומע יאַכנע געזאָגט: אודאי יאָ! ווי דען?

אויף ברית'ן און חתונות פלעגן זיי זיך איבערוואַרפן מיט די אויגן פון איין טיש צום צווייטן, און גאַנץ אָפּט עצות געבן:

— שכנא, כאַפּ א מיטל־שטיקל!

— יאַכנע, ווילסט א ביסל כריין?

ביי מיין עלטערנ'ס ברית. אַז די מומע יאַכנע איז נישט נע־ווען בקו הבריאה, האָט דער פעטער שכנא געגעסן אָן אַפּעטיט, און האָט אַהיים געטראָגן דער מומע יאַכנע'ן א האַלב שאָק מאַ־קאַראָנען.

ביים צווייטן האָט זיך געטראָפן פאַרקערט: דער פעטער שכנא איז געווען ניט אינגאַנצן, און זי האָט אַהיים געטראָגן א קעפּל פון א צוויי־פונטיג העכטל...

און איינס איז פאַר'ן אַנדערן געווען די לעצטע אינסטאַנץ.

דער פעטער שכנא, אַז מען האָט אים שוין גאָר איבערגע־שפּאַרט, אַז ער האָט שוין קיין וואָרט אין מויל נישט געהאַט, פלעגט דאָך בלייבן ביי דעם זייניגן; „מיין יאַכנע זאָגט אָבער אַזוי!" איז געווען זיין לעצטע תשובה, געגן דעם העלפט שוין קיין שכל און קיין יושר.

די מומע יאַכנע, ווייטער, פלעגט אָנהויבן יעדן זאַץ: „מיין שכנא זאָגט"... אָדער — „שכנא מיינער קלערט" און וואָס איר שכנא האָט געזאָגט און געקלערט אויף דעם איז געווען מויערן צו שטעלן...

מיט איין וואָרט—עס איז געווען א לעבן ווי אונטער דער זון. איך פלעג אָפּשיקן מיין אשתי חוה'לע צו דער מומע יאַכנע אויף דער לערן, זי זאָל זען ווי אַזוי מען דאַרף באַהאַנדלען א מאַן; זי, ווייטער, פלעגט מיך אָפּשיקן צום פעטער שכנא, זען ווי א מאַן באַהאַנדלט א ווייב.

כל זמן דער פעטער שכנא און די מומע יאַכנע זיינען געזונט געווען, פלעגן זיי אָפט אריינקומען און שלום מאַכן צווישן מיר און אשתי חוה'לע. דערנאָך, אַז זיי זיינען שוואַך און עלטער גע־וואָרן, פלעגן מיר אַלע מאָל אַהין גיין דין־תורה'ס האָבן, און דאָס האָט אונטערגעהאַלטן אונזער שלום בית!...

א והא ראיה, א פּאָר יאָר נאָך זייער פּטירה (אין איין וואָך

זיינען זיי געשטאָרבן!) האָט אונזער „שלום־בית" איינמאָל פאַר אַלעמאָל געפּלאַצט...

איך האָב מיר מיט אשתי חוה'לע גע'גט; זי האָט צוגענומען צוויי און איך צוויי קינדער... זי האָט חתונה געהאַט, איך האָב חתונה געהאַט; מיר וואוינען אין פאַרשיידענע שטעט... עס גייט אונז ביידע נישט ווי אַמבעסטן... נאָר דאָס איז נישט אייער געשעפט.

דער עיקר איז, אַז דער פעטער שכנא מיט דער מומע יאַכנע, ליגן זיך באַרוט אין קבר.

און — הערט אַ מעשה — ביידע מצבות האָבן זיך אויסגעדרייט און צוגעבויגן איינס צום צווייטן.

פון צווישן די קברים איז אַרויסגעוואַקסן אַ בוים, און האָט די מצבות מיט די צווייגן אַרומגענומען, אַרומגעוויקלט, גלייך ער וואָלט זיי געוואָלט פעסטער צוזאַמענשליסן...

און מיט דער צייט זיינען אָפּגעריבן געוואָרן ביידע מצבות, שוין נישט צום איבערלעזן.

דער פּנקס פון חברה־קדישה איז פאַרברענט געוואָרן ביי דער דריטער שריפה, און קיינער געדענקט נישט, ווער עס ליגט רעכטס און ווער לינקס, דער פעטער שכנא, צי די מומע יאַכנע ?—

איך און מיין געוועזענע אשתי חוה'לע, וועלן מיר נישט ליגן אויף איין בית־הקברות... נאָר דאָס איז שוין ווייטער נישט אייער דאגה...

מענדל ברײנעס

מענדל ברײנעס (קײן פאמיליען־נאמען איז נאך דעמאלט נישט געװעזן), איז געװען א יושב אהל, דאס הײסט: א שטיק שײנער איד; קײן גרױסער למדן נישט, נאר — תהילים פאר'ן דאװנען, עין־יעקב נאכ'ן דאװנען, און בײנאכט—א פרק משניות. —ער פלעגט גאנץ אפט אהײם נעמען אן אורח, יעדן פרימארגן ארײנװארפן אין מאיר בעל הנס, האלטן מפטיר יונה, האבן א גרױס חלק אין דער קאנסארציע פון פתיחות, און דערצו פלעגט ער גלאט זײן א מתעסק במצות: א מגיד איז געקומען, מען דארף ארומגײן צוזאמענגעמען פאר ארימע לײט, אויף מצות, אויף האלץ און קארטאפל; מען דארף ערובין, אימיצן אן אהל שטעלן וכדומה — טוט ר' מענדל ברײנעס אן די ברײטע תבונה, נעמט דעם גראבן שטעקן מיט דער מעשענער גאלקע און גײט מיט'ן רב, מיט'ן דאזארצע אדער אזױ מיט א שײנעם באלעבאס, ער האלט זיך פאר א מצוה אלײן צו טראגן די פושקע, כאטשי הינטן גײט נאך דער שמש.

װינטער האט ער קײן מינוט צײט נישט געהאט: תהילים זאגען, דאװנען, עין יעקב לערנען, א נדבה מאכן, מנחה־מעריב, א פרק משניות און װעטשערע — און קריאת־שמע לײענען, שלאפן, חצות, װײטער שלאפן... עס איז אים פון טאג קײנמאל קײן רעשט נישט געבליבן. פאר דאס זומער־צײט פלעגט אים בלײבן א נאך־װארעמעס, א גרױסער נאך־װארעמעס, ער פלעגט אים אויך פאר־ברענגען אין בית־המדרש, נאר רעדן שױן פון װעלט־זאכן, פון נײע המצאות, פון פאליטיק...

מענדל ברײנעס איז נישט קלוג געװעזן. אין חדר פלעגט מען

אים רופן מענדל שוטה; אַז ער האָט חתונה געהאַט, איז די אָפּיניע ווייכער געוואָרן און ער פלעגט שוין הייסן: „מענדל תם". ערשט דערנאָך, אַז ער איז אַראָפּ פון קעסט, געוואָרן אַ באַלעבאָס פאַר זיך און ברייַנע, זייַן ווייַב, האָט זיך געמאַכט אַ שפּייַז־געוועלב און געלייזט „שטיקער גאָלד",—האָט מען אים געקרוינט אויף „מענדל ברייַנעס". און ווייל מענדל ברייַנעס איז קיינעם אין וועג אַרייַן נישט געגאַנגען, קיינעם אַ שלעכט וואָרט נישט געזאָגט, און בית־המדרש און קהל האָט געהאַט פון אים, האָט קיינער נישט דער־מאָנט וואָס אַמאָל איז געווען, האָט קיינער הויך נישט געלאַכט, אַז ער פלעגט צווישן אַלע פינף ווערטער זאָגן: אָבער וואָר איך בין קיין נאַר נישט? אַ־יאָ איך בין קלוג?

— אמת, איך בין קיין נאַר נישט! — זאָגט אַמאָל ר' מענ־דעלע, — און פונדעסטוועגן פאַרשטיי איך נישט, ווי אַזוי מען אַרבעט אויס אַזאַ דין און געלעכערט שטרוי אין די שעניקעס אַרייַן! איך האָב אומישנע אַרויסגעשלעפּט אודאי פערציג שטרוי, איינס נאָכ'ן אַנדערן, אַלע זייַנען הויל, — אַלע חלולים, חלולים. איך האָב געוואָלט פרעגן מייַן ברייַנע'ן, זי איז שוין אָבער געווען אין געוועלב.

און איידער אימיצער האָט צייט געהאַט צו לאַכן, האָט ער זיך שוין אַליין געענטפערט:

— דאָס שטרוי מוזן אודאי די פויערים ברענגען פון ענג־לאַנד!

פון ענגלאַנד האָט מענדל ברייַנעס אַ סך געהערט און געהאַלטן טאַקע עולם ומלאה.

עס איז געווען נאָך דער סעוואַסטאָפּאָלער קריג; דאָס גאַנצע בית־המדרש האָט נאָך געקלונגען מיט ענגלישע המצאות. די מעשיות האָבן דערציילט אויסגעדינטע זעלנער, וואָס האָבן עס אַליין געזען, מיט אייגענע אויגן.

טאַקע גבורות הבורא, דערציילט נאָך אַ בית־המדרש באַלע־באָס: למשל אַן האַרמאַט! וואָס טויג, רבותים, אַן האַרמאַט? די האַרמאַט שיסט אויס אַ קויל; נו וואָס איז? דאַרף מען דאָך

ערשט פועל׳ן, אז דער שונא זאָל וועלן שטיין אונטער׳ן חלול! און דער שונא איז דווקא גאָר קיין נאַר נישט, ער לאָזט זיך נישט צנרעדן צו אזוינע זאכן. אמאָל נארט ער גאָר אָפּ, ער שטייט, דו שיסט און ער גנב׳עט זיך אוועק! עס האָט געהאלטן ביי בלה כל הקיצין! די ממזרים, די ענגלענדער, האָבן דאָך אָבער גע־הערט די מעשה פון צפרדע של מצרים, האָבן זיי זי נאָכגע־מאַכט! זיי האָבן ממציא געווען אזא גרויסע הארמאט, וואָס שיסט ארויס פון זיך, נישט קוילן, נאָר גאַנצע הארמאטן, און יעדע פון די הארמאטן, אז זי פאלט אראָפּ, גיט זי א טראַסק אין דער ערד, צעפּלאצט, און עס שפּרינגען פון איר ארויס צען נייע האר־מאטן, און די הארמאטן ערשט שיסן מיט קוילן!! נו גיי היט דיך פאר דעם! אצינד קענט איר פארשטיין וואָס פאר א מין שחיטה דאָס האָט אָנגעמאַכט!

און איר מיינט כשוף? חלילה, א פּראָסטע ספּרענזשינע!

און אז מען האָט געפּרעגט: פאַרוואָס נאָך דער קריג האָט זיך מלכות־רוסיא ניט נאָכגעמאַכט אזוינע הארמאטן, האָט מען גע־ווואוסט צו ענטפערן, אז באלד נאָך דער מלחמה זיינען זיך די מלכיות׳ן צוזאמענגעגאנגען, און כדי מען זאָל נישט חרוב מאכן די וועלט, האָט מען געמאַכט מיט „זייער בחרם" אז מען זאָל שוין מער נישט שיסן נישט מיט פּלאַכטעס קאָכעדיגער הירזש און נישט מיט אזוינע הארמאטן.

פון דעמאָלט אָן האָט מענדל בריינעס געהאלטן עולם ומלואה פון ענגלאנד, און וואָס ער האָט עפּעס געזען, און זיין שכל האָט נישט געקענט משיג זיין, איז אַלץ געווען פון ענגלאנד. אז דער זייגער קומט ארויס פון ענגלאנד, פון דעם איז נישט געוועזן וואָס צו קלערן, נאָר די ערשטע ספּרענזשינע האָט אויך געמוזט מאכן אַן ענגלישער שמיד! און ער האָט גערעדט מיט גרויס התלהבות פון ענגלאנד, פון אירע חכמים, פון אירע קאָוואַלעס:

— זיי מוזן דאָרט זיין שיינע חכמים!

מענדל בריינעס וואָלט געוואָלט לעבן אין ענגלאנד, נאָר שטאַר־בען, איבער הונדערט און צוואַנציג יאָר, אין ארץ ישראל, ערש־

טענם פאַר פרומקייט; צווייטנס גלאַט, האָט ער במבע זייער ליב געהאַט מנוחה, און ווען ער פלעגט זיך דערמאָנען אין גלגול מחילות, האָט ער אויף דריי טעג פאַרלוירן דעם אַפּעטיט, און ווייל ער האָט פאָרט נישט אויפגעהערט צו עסן, האָט ער געהאַט זעקס טעג בויכווייטאָג! מחיה האָט ער זיך געוועזן, אַז ער איז געוואויר געוואָרן פון אַ זיכערן מענטשן, אַז ארץ ישראל איז ווייטער ווי ענגלאַנד.

— גוט, — טראַכט ער, און קלערט שוין פון דעמאָלט אָן אויפ'ן רעכטן אמת צו פאָרן קיין ארץ ישראל, וואָרום „דער וועג מוז דאָך גיין דורך ענגלאַנד!"

ער וואָלט שוין לאַנג פאַרקויפט דאָס געוועלבל מיט'ן כלי־בית און געפאָרן, ווען נישט ברײַנע.

ברײַנע האָט גאַנץ ערלעך געהאַלטן איר מענדל'ען. זי האָט זיך געוואונטשן צו זיין זיין פוס־בענקעלע אין גן־עדן; זי האָט אים געקעכלט און געשטאָפּט, געאַרבעט ווי אַן אייזל, מפרנס צו זיין, צו שוכן און צו קליידן מענדל'ען מיט די 4 קינדער: דריי מיידלעך און איין אינגל. איר גאַנצער עולם הזה איז געוועזן, אַז זי האָט געזען פון געוועלב אַרויס איר מענדל'ען גיין מיט דער צדקה־פושקע אין דער לינקער און מיט'ן שטעקן מיט דער מעשע־נער סקיפּקע אין דער רעכטער האַנט! זי האָט פאַרקויפט בחצי חנם איר שטאָט אין עזרת נשים, ווייל די פענצטער גייען אין שול אַריין, און באַצאָלט „ממון קרח" פאַר אַ שטאָט לעבן בית־המדרש פענצטער, זי זאָל זען ווי מענדעלע איז עולה לתורה און מאַכט די זיסע ברכה. עס האָט איר געקוואָלן דאָס האַרץ, ווען מענדעלע האָט אונטערגעזאָגט דעם חזן, „האשה ברײַנע בת מורנו"... און מנדר געווען פאַר איר געזונט ח"י פּעמים ח"י; זי איז געווען גליקלעך, אַז זי פלעגט שבת און יום־טוב גיין מיט אים דאַווענען צוזאַמען; און אַז זיי האָבן זיך צעשיידט ביי די צווייערליי טרעפּ, פלעגט זי בלייבן שטיין אויפ'ן ערשטן שטאַפּל און איבערדרייען זיך און זען ווי איר מענדעלע הויבט די פיסלעך אויף די מענער־רישע טרעפּ. נאָכ'ן דאַווענען האָט זי אים אָפּגעוואַרט ביי דער

שוועל, און אז זי האָט אים דערזען, און זי האָט דערהערט זיין „גוט שבת", איז זי רויט געוואָרן, גלייך ווי זי וואָלט ערשט פון אונ־טער דער חופּה אַפּער. פונדעסטוועגן האָט זי געוואוסט, אַז מענ־דעלע איז נישט קלוג אין די „וועלט נאַרישקייטן", אַז ער איז נאָר א חכם אין די קליינע אותיות, א מוח אין בית־המדרש, אָבער אַזוי, אין עולם הזה זאַכן, גאָר לא!... דאָס איז שוין איר זאַך!

— ניין, מענדעלע, — זאָגט זי אים געלאַסן, — מען פאָרט נישט אַזוי, מען פארקויפט נישט קיין מחיה! אפשר שפּעטער, אַז מיר וועלן חתונה מאַכן אַלע קינדער, אָפּגעבן קעסט, דערלעבן כאַטש אן אייניקל, און אפשר אן אור־אייניקל, דעמאָלט, זעסטו, מהיכי תיתי, איבערגעבן די קינדער די מחיה...

און מענדל האָט געוואוסט, אַז ביינע איז אין וועלט־זאַכן א „ווילדע חכמה" און האָט געוואַרט! ווארום נאָך ירושלים און ענגלאַנד, איז אים ביינע געווען פאַרבאַקן אין האַרץ.

ער האָט דערווייל נישט אַלע קינדער חתונה געמאַכט, און ער קומט איין מאָל אהיים זייער טרויעריג:

— זעסטו ביינע, — מאַכט ער, — א פּאָוויעסטקע צום בית־דין של מעלה! — ער ווייזט איר א גראָע האָר אין דער באָרד.

ביינע טרייסט אים:

— רעד נישט קיין נאַרישקייטן, מענדעלע, דו ביזט נישט קלאָר אין אַזעלכע זאַכן... מיין טאַטע, עליו השלום, איז גראָ געוואָרן צו 50 יאָר, און דיר צו לענגערע יאָר...

— אונז צו לענגערע יאָר, — פאַרבעסערט מענדל.

— און אונז צו לענגערע יאָר האָט ער נאָך געלעבט אודאי א יאָר דרייסיג!

— היינט אָבער שוואַכע דורות, נישט די פאַרצייטיגע כוחות! —זאָגט מענדעלע און לאָזט אַראָפּ די אויגן.

ביינע האָט אים אויסגערעדט דאָס עגמת נפש און אים אָנגע־הויבן בעסער צו קעכלען: נעמט ביים קצב נאָך א האַלב פונט פלייש צום וואַרמעס...

— איי, ברײַנטשע, — זאָגט דער קצב, — איר האָט אודאי מחותנים צום טיש, זאָל אײַך זײַן צו מזל!

— ניין, — ענטפערט ברײַנע... — הײַנטיגע שוואַכע דורות...

און ביים עסן לעגט זי אַלע מאָל צו מענדעלע'ן נאָך א שטיקל, נאָך א פּיצל... „עס דאָס, דאָס איז א מחיה", און האָט, קוקנדיג אויף מענדעלע'ן אין זינען געהאַט: זאָל אים זײַן צו געזונט... הײַנטיגע שוואַכע דורות!...

זי האָט מיקלאָמפּערשט „געכאַפּט א זעמעל אין געוועלב, גע־וואַשן זיך ביי דער שכנה", אמאָל — האָט איר א קרובה געקאָכט א נייע מאָדע קילישע און איר געברענגט א פּאָר לעפל צו פאַר־זוכן; אמאָל איז זי געוועזן אויף א ברית, כאָטש זי האָט פאַר־געסן ווי די יולדת הייסט, — אַבי זי איז נישט הונגעריג געוועזן ביים עסן און נאָר געבעטן זיך,

— עס, מענדעלע, עס, וואָס גלײַכסטו דיך צו מיר? תורה תתיש כח!

— מתיש כח, מיינסטו ברײַנע.

— זאָל זײַן מתיש כח... אָדער ווי אין פּרק שטייט: אם אין תורה אין קמח, אז מען לערנט, מוז מען עסן!

מענדל שמייכלט אויפ'ן נייעם גרײַז.

— אָבער איך, וואָס טו איך? איך גיי א גאַנצן טאָג לעדיג, אָדער זיץ איבער'ן פּייער־טאָפּ. קומט אַרײַן א קונה מעסט איך אָפּ א קוואָרט באָבעלעך, צי קאַשע, צי מעל, נישט—נישט! דעריי־בער דאַרף איך ווייניגער עסן.

און מענדל גלויבט אין דער געכאַפּטער זעמעל, אין דער קילי־שע, אינ'ם ברית, כאָטש ער האָט תהנון געזאָגט. א קשיא אויף א מעשה, אודאי ביי א מנין... ער דאַרף טאַקע — גלויבט ער — מער עסן, א קאַטאָוועס — יעדן טאָג צוויי יום תהילים, א פּרק משניות, עטלעכע בלאַט עין יעקב, הײַנט־זשע — דאַוונען, פּושקע טראָגן, שטעקן שלעפּן, ער ווייסט?...

און ער איז שטאַרק צופרידן, וואָס זײַן כשר'ע ברײַנע האָט אַזא רואיג לעבן, וואָס זי זיצט לעדיג אין געוועלבל איבער'ן פּייער־

טאַפּ, פאַרלעגט די הענט און וואַרט אויפ'ן קונה, קומט ער—קומט ער, נישט—נישט! זייער גלייך! זאָל זי כאָטש נישט אַזוי פיל אַרבעטן ווי ער, זאָל זי זיך כאָטש אויסרוען די ביינער. און מענדע־לע שטאָפּט אין זיך אריין וואָס אמאָל מער, אבי ער זאָל האָבן כח מאריך ימים צו זיין ער זאָל דערלעבן צו זען ענגלאַנד און צו שטאַרבן דערנאָך אין ירושלים.

אחוץ פון ברײַנע'ן האָט מענדעלע נאָך נחת פון קינער: אַן עלטערן זון האָט ער חתונה געמאַכט אין דער פרעמד; ער עסט שוין קעסט ביים שווער! געלויבט איז גאָט. זייט ער האָט חתונה געהאַט איז נאָך פון אים קיין בריוו נישט געווען, א סימן עס גייט אים גוט, אז ער איז בקו הבריאה. ווער עס קומט צופאָרן, ברענגט א גרוס... נאָך אים גייט א חתן־בחור—א חדר־אינגל. ברײַנע באַ־שטעלט מלמדים, צאָלט שכר־לימוד, זעט—ער זאָל לערנען מיט זיינס גלייכן. ער פאַר דאָס פאַרהערט אים אלע שבת... נאָר פאַר'ן עסן האָט מענדעלע פיינט צו פאַרהערן. נאָכ'ן עסן איז בעסער, מער רחבות. דעריבער דרימלט ער טאַקע באַלד איין, און כאַפּט זיך ערשט אויף ביים מלמד'ס לחיים, גיט דעם זון א קניפּ אין בעקל און שוין!

ער האָט נאָך דריי טעכטער, יונגע קינדער, צייכן מיידלעך, נאָר וואוילע קינדער אלע. דרך־ארץ'דיגע קינדער, שטילע קינ־דער. שטענדיג ריינע, אָפּגעוואַשענע, א מחיה!... ער זעט אפילו נישט, ווען מען וואַשט זיי, ווען מען קעמט זיי, ווען ברײַנע לאַטעט און פאַרריכט! ער קען כמעט נישט פאַרשטיין ווי אזוי דאָס ווערט קלוג און פיין געבוירן!...

— טאַקע מיינע קינדער! — טראַכט ער זיך מיט גאוה, אין מיר אריין געראָטן! — ער דאַנקט און לויבט זיין ליבן נאָמען דער־פאַר, וואָס ברײַנע האָט אזא רואיג לעבן, נישט ווי אנדערע מאַ־מעס; וואָס די קינדער דרייען איר נישט אָפּ דעם קאָפּ! און ווי די קינדער פאָלגן! ער הייסט זיך, למשל, ברענגען א טרונק וואַ־סער (ברײַנע האָט א טבע אלץ וואָס ער זאָגט, איבערצוזאָגן) און קוים חזר'ט זי איבער: ברענגט דעם טאַטן וואַסער, לויפט דאָס

קינד שוין און ברענגט; א מחיה אַזוינע קינדער! ער קומט אין שטוב אַריין און ברײנע זאָגט נאָר: דער טאַטע גייט — איז שוין שטיל!

געלויבט איז גאָט, מען רעדט שוין דעם צווייטן זון א שידוך, און א גוטן שידוך. ברײנע וויל טאַקע פאָרן אָנקוקן די כלה. חגאות צייט וועט זי עס טאָן, אַזוי האָט זי אים געזאָגט. און ווייל ער איז געוואָיר געוואָרן, אַז צום מחותן פאָרט מען נישט דורך ענגלאַנד, איז ער איר מוחל דעם כבוד, זאָל זי זיך א ביסל איבער־פאָרן. פאַרוואָס נישט? זי פאָרט אין גאַנצן פיר מאָל אין יאָר נאָך סחורה, אויך קומט זי צוריק מיד און מאַט פון לויפן, באַקוקן, דינגען... זאָל זי איין מאָל כאָטש פאָרן און קומען מיט נחת, זאָל די וועלט זען, וואָס פאַר א ווייב ער האָט! ער אַליין וועט זיך ווייזן אויף די תנאים! אפילו ביי דער חופּה איז אויך גענוג! דעם ערשטן זונ׳ס כלה האָט זי אויך אָנגעקוקט; זי איז שוין מזל׳דיג צו אַזעלכע זאַכן... ער וועט זיך נאָך גענוג אָנפאָרן...

עס זיינען ווייטער אוועקגעגאַנגען א פּאָר יאָר. אַז גאָט בענטשט, בענטשט ער מיט אַלעם, אפילו מיט מנוחה — דער צווייטער זון האָט אויך חתונה געהאַט, און גוט חתונה געהאַט, ער עסט שוין אויך קעסט.

מענדעלע האָט אפילו גאַנץ ווייניג געוואוסט ווער און וואָס; עס איז אים איבערגעגאַנגען כמעט ווי אין א חלום. ער האָט אפילו קיין איינציגן טאָג קיין יום־תהילים נישט פאַרפעלט... עס האָט אים דער קאָפּ נישט ווי געטאָן, אויסער אין דער פרי, נאָך דער גרויסער נאַכט, פון ווייניגער שלאָפן!

און מענדעלע פרייט זיך. — נאָך איינגאַנצן דריי מיידלעך חתונה צו מאַכן (ביי ברײנע׳ן גייט עס געשווינד), און דערנאָך: שוין! איבערגעבן די מחיה, געדונגען א ברייטן וואָגן, מען זאָל זיך קענען אויסציען, אָנפּאַקן מיט ענגליש שטרוי און וויאָ!

נאָר עפּעס פילט ער, אַז די פיס זיינען אים נישט בקו הבריאה, אַז פון א קורצער צייט איז אים דער אָטעם שווער. נאָר ברײנע לאָזט אים נישט צו קיין עגמת נפש, זי טרייסט אים און קעכלט אים

אַלע מאָל מער! זי איז אים מבטיח, אז ער וועט נאָך אַלץ דער־לעבן!

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

איינמאָל זיצט ער אין בית־המדרש ביים עין יעקב און דער־הערט א געשריי; עס דאכט זיך אים — זיין טאָכטער; נאָר ניין, ווי קומט זי אויפ׳ן שול־הויף? און א כלה־מיידל וויינט נישט... עפּעס לויפט מען אויף די טרעפּ, מען שרייט: טאטע! טאטע! טאטע! פּאַרט איר קול; עס איז אָבער דאָך נישט מעגלעך!

ער וויל איבערקלערן, נעמט ארוים א שמעק טאבאק, נאָר איי־דער ער האָט אים אריינגעזעצט אין די נאָזלעכער, האָט אים שוין די טאָכטער געריסן ביי די לאצן:

— טאטע! די מאמע איז אוועקגעפאלן, געוואלד!

און איידער ר׳ מענדעלע איז צו זיך געקומען און אהיים גע־לאָפן, איז שוין ברײנע געלעגן טויט!

אין איין טאָג איז מענדעלע באמת גרייז־גראָ געוואָרן, דער אָטעם טאקע שווער און די פיס טאקע געשוואָלן... ער האָט זיך נישט גערעכנט, אז ברײנע זאָל אים נישט איבערלעבן... ביי אזא מאַן, ביי אזוינע קינדער, ביי אזא וואוילטאָג...

און ברײנע, אזוי ווי מען האָט זי נישט ארויסגעזען ביים לעבן, האָט מען זי קוים אָנגעזען אויף דער מטה... אזא דארעניש...

א כעס פון א אידענע

דאָס קליינע שטיבל איז פאַר'חושכ'ט ווי אין אים דער דלות, אויף וועלכן עס וויינען אַלע פיר ווענט... אינ'ם אָפּגעריסענעם סופיט שטעקט א האקן — א יתום נאָך א געוועזענעם הענגל־לייכ־טער. דער גרויסער, אָפּגעשיילטער אויוון איז „אַרומגעגאַרטלט ביי די לענדן" מיט א גראָבן זאַק, שטייט איבערגעבויגן אין א זייט, און קוקט אַריבער צו זיין פינצטערן שכן — צום לעדיגן שוואַרצן קוימען, אויף וועלכן עס ליגט אַן איבערגעדרייטער טאָפּ מיט אַן אָפּגעבראָכענעם ראַנד, און אין א זייט, אַן „עליו השלום", א צעבראָ־כענער לעפל. דער בלעכענער גבור האָט געהאַט אַן ערלעכן טויט: ער איז געפאַלן אין דער מלחמה מיט אויסגעדאַרטער, איינגע־שפּאַרטער, נעכטיגער קאַשע!

דאָס שטיבל איז איבערפולט מיט כלים; עס שטייט א הימל־בעט, פאַרהאַנגען מיט צעריסענע פאַרהענגלעך... דורך די לעכער קוקט אַרויס דאָס בעטגעוואַנט. אָן ציכלעך, מיט רויטע פאַרפאַ־דערטע אויגן. עס שטייט א וויגל, פון וועלכן עס שיינט אַרויס א גרויס געלבלעך קעפּל פון א שלאָפעדיק קינד... עס שטייט א קאַס־טען, באַשלאָגן מיט בלעך, מיט אַן אָפענעם הענגל־שלאָס, — עס מוז שוין דאָרט קיין גרויס עשירות נישט זיין, — עס שטייט נאָך א טיש מיט דריי בענקלעך! דאָס הילצערנע מעבל איז אַמאָל רויט

געפּאַרבט געוועזן, היינט איז טונקל ברודיג... רעכנט נאָך צו: א שאַף, א פּאָמיעס־שאַף, א פּאַס וואַסער, א קאַציובע מיט א לאָפּאַטע, וועט איר פאַרשטיין, אז מען קען שוין, אין שטיבל פון ד׳ על ד׳, קיין שפּילקע ניט אריינוואַרפן...

און דאָך זיינען דאָ: אן ער און א זי.

זי—א אידענע אין די מיטעלע יאָרן—זיצט אויפ׳ן קאַסטן, וואָס פילט אויס דעם אָרט צווישן הימל־בעט און דער וויג.

זי האָט אין דער רעכטער האַנט דאָס איינציגע, קליינע, פאַר־גרינטע פענצטער; לינקס — דעם טיש. זי אַרבעט א זאָק, שאָ־קעלט צו דאָס וויגל מיט׳ן פוס און הערט זיך איין, ווי ער לערנט ביים טיש. און ער לערנט מיט א זינגענדיג־וואָלאַכיש־וויינענדיג קול. ער לערנט און באַוועגט זיך אומרואיג, אָפּגעריסן און נער־וועז. טייל ווערטער שלינגט ער, טייל ציט ער, טייל כאַפּט ער, טייל היפּערט ער איבער; טייל אָקצענטירט ער און דריקט אויס מיט ליבשאַפט, טייל שיט ער גלייכגילטיג אַרויס, ווי אַרבעס פון א זאַק; דערביי רוט ער נישט א רגע: דאָ כאַפּט ער אַרויס פון קעשענע אן אָמאָל רויט און גאַנץ־געוועזענע פאַטשיילע, ווישט זיך די נאָז, דעם שוויים פון פּנים און שטערן, באַלד לאָזט ער זי אַראָפּ אויף דער שויס און כאַפּט זיך קרייזלען די פּאות, צופּן דאָס שפּי־ציגע, ערטערווייז קוים גראָליכע, בערדל... אָט, באַהאַלט ער אן אויסגעצופּטע האָר אין ספר און הויבט זיך אָן פּאַטשן אויף דער קני, די הענט דערפילן דערווייל די פּאַטשיילע, כאַפּן זי און וואַרפן א שפּיץ אין מויל אַריין; ער בייסט, וואַרפט איבער איין פוס אויפ׳ן צווייטן און טווישט אַלע מינוט די פיס.

ביי דער גאַנצער צייט קנייטשט זיך אים זיין בלאַסער שטערן אין דער לענג און אין דער ברייט, עס קנייטשט זיך אויס א קמץ איבער דער נאָז. די לאַנגע ברעמען ווערן, אונטער דער איבער־געלעגטער הויט פון שטערן, כמעט פאַרלוירן, דערווייל גיט אים—דאַכט זיך—עפּעס א שטאָך אין דער ברוסט; כאַפּט ער און דער־לאַנגט זיך מיט דער רעכטער האַנט אויף דער לינקער זייט אן „על־חטא”... ראַפּטום פאַרלעגט ער דעם קאָפּ לינקס, דריקט צו

מיט א פינגער די לינקע זייט נאָז, מאַכט מיט דער רעכטער זייט א קינסטלעכע פאַנטאַנע, וואַרפט איבער דעם קאָפּ רעכטס, די פאָנטאַנע שפּריצט פון דער לינקער זייט נאָז!... אין מיטן כאַפּט ער א שמעק טאַבאַק, צעהוידעט זיך בעסער, דאָס קול קלינגט, דאָס בענקל קנאַקט, עס רודערט דער טיש!

דאָס קינד וועקט זיך נישט! עס איז געוואוינט צו דער מוזיק.

און זי, דאָס יונגערהייט איינגעשרומפּטע ווייב, זיצט און שעפּט נחת פון מאַן, זי לאָזט פון אים קיין אויג נישט אַראָפּ; איר אויער פאַרלירט קיין איינציגן טאָן פון זיין מויל.... אַמאָל זיפצט זי: ער זאָל אַזוי — טראַכט זי — טויגן צו דער וועלט ווי צו יענער, וואָלט איר דאָ אויך וואויל געווען... דאָ אויך...

— מאַ! — טרייסט זי זיך — ווער שמועסט פון א כבוד! נישט יעדער איז זוכה צוביידע טישן.

זי הערט זיך איין... איר איינגעשרומפּן פּנים ענדערט זיך, דאָס אויך וואָס א מאָל; זי איז אויך נערוועז:

ערשט איז דערויף אויסגעגאָסן געווען א ווילדע הנאה; אַזוי פיל נחת האָט זי פון זיין תורה געשעפּט... דערמאָנט זי זיך, אַז היינט איז דאָך שוין דאָנערשטאָג, אַז עס איז דאָך קיין דרייער אויף שבת נישטאָ, און דאָס גן־עדן ליכט אויפ׳ן פּנים, ווערט וואָס אַמאָל טונקעלער און טונקעלער, ביז דער שמייכל פאַרשווינדט פון גאַנצן פּנים... דערנאָך וואַרפט זי א בליק דורכ׳ן פאַרגרינטן פענצטער, קוקט אויף דער זון — עס מוז שוין זיין שפּעט און עס איז נאָך אין שטוב קיין לעפל וואַרעם־וואַסער נישטאָ, — און די שפּיזלעך בלייבן איר שטיין אין דער האַנט, א טונקעלער שאָטן האָט שוין דאָס פּנים באַדעקט. זי וואַרפט אַן אויג אויפ׳ן קינד; עס שלאָפט שוין אומרואיג, עס וועט זיך באַלד אויפכאַפּן, עס איז פאַר׳ן קראַנקן קינד קיין טראָפּן מילך נישטאָ — און פון שאָטן איז שוין א וואָלקן געוואָרן, די שפּיזלעך הויבן אָן אין דער האַנט צו ציטערן, צו וואַרפן זיך...

און אַז זי דערמאָנט זיך נאָך, אַז אויסער דעם, גייט צו פּסח... אַז די אוירינגלעך מיט די בענטש־לייכטער זיינען פאַרזעצט, דער

קאסטן — —לער, דער הענגל־לייכטער — פארקויפט, — הויבן אָן די שפּיזלעך גאָר מערדעריש צו טאנצן! דער וואָלקן אויפ׳ן פּנים ווערט טונקל־בלאָ, אָנגעלאָדן... אין די קליינע, גראָע אויגן, וואָס מען זעט קוים ארויס פון אונטער׳ן טיכל אויפ׳ן קאָפּ, באוויי־זען זיך—בליצן:

ער—זיצט נאָך אַלץ און לערנט; ער באַמערקט נישט, אז עס מאַכט זיך א געוויטער, אז עס ווערט אַלע מאָל געפערלעכער... אז זי לאָזט ארויס דעם זאק מיט די שפּיזלעך פון דער האנט און הויבט אָן קנאַקן די אויסגעדאַרטע פינגער, אז זי קנייטשט איין דעם שטערן פאַר ווייטאָג, איין אויג ווערט צוגעמאַכט, און דאָס צווייטע קוקט אויף אים, מעסער־שפּיציג אויפ׳ן מאַן, דעם למדן, אז עס וואָלט אים, ווען ער זאָל עס זען, קיל געוואָרן אין אַלע אברים; דאָך ער זעט נישט, ווי אירע בלאָע ליפּן ציטערן, ווי די גאָמבע ציטערט, ווי עס קלאַפּט איר א צאָן אָן א צאָן... ווי זי האַלט זיך איין מיט אַלע כחות, נישט אויסצובערעכן... ווי דער דונער רייסט זיך און רייסט, און עס דאַרף נאָר א קלייניגקייט, ער זאָל ארויס פון מויל.

דאָס קלייניגקייט האָט זיך געטראָפן:

ער לערנט און זאָגט! „שמע מיניה — — — תלת...” און טייטשט זיך אויס בנעימות: „איז פון דאַנען געדרונגען...” ער וויל זאָגן: דריי — נאָר דאָס וואָרט „געדרונגען” איז שוין גענוג געוועזן... אין דעם וואָרט האָט זיך אָנגעכאַפּט דאָס פאַרביטערטע האַרץ, דאָס איז געוועזן דער פונק צום פולווער!

איר שטאַרקער ווילן פּלאַצט. דאָס אומגליקלעכע וואָרט האָט געעפנט אַלע פאַרהאַמערטע טויערן, אויפגעהאַקט אַלע ריגלען... אויסער זיך איז זי צוגעשפּרונגען צום מאַן פּיענע אין מויל, מיט נעגל אין פּנים אריין.

— געדרונגען, זאָגסטו, געדרונגען? אוי! א דרינגעניש זאָל אויף דיר קומען, רבונו של עולם! — האָט זי אויסגעשריען פון א הייזעריג קול פאַר כעס — א דרינגעניש, רבונו של עולם! יאָ! יאָ! האָט זי ווייטער מיט א שלאַנגען־קול געסיטשעט:

פאַר פסח... דאַנערשטאָג... ס'קינד קראַנק... קיין טראָפּן מילך! האַ!

עס פּאַרפעלט איר אָטעם, די איינגעפאַלענע ברוסט שלאָגט כוואַליעס, פון די אויגן יאָגן בליצן.

ער בלייבט ווי פאַרשטיינערט. בלייך איז ער אויפגעשפּרונגען פון בענקל, אָן אָטעם פאַר שרעק, און האָט זיך הינטערוויילעכטס געריקט צו דער טיר.

זיי שטייען איינס געגן אַנדערן און קוקן זיך אָן; ער מיט גלעזערנע אויגן פאַר שרעק, זי — מיט ברענענדיגע — פאַר כעס... ער באַמערקט דאָך באַלד, אַז זי האָט פאַר כעס קיין שליטה נישט, נישט איבער דער צונג, נישט איבער די הענט. די אויגן ווערן אים אַלע מאָל קלענער; ער כאַפּט אָן עק פּאַטשיילע אין מויל אַריין, רוקט זיך נאָך אַ ביסל אָפּ, אָטעמט טיפער אָפּ און מורמלט:

— הער, דו, אשה... ווייסטו, וואָס איז? בטול תורה, נישט לאָזן דיין מאַן לערנען, האַ? אַלץ פּרנסה, האַ?! און ווער גיט דעם פייגעלע? אַלץ נישט גלויבן אין גאָט! אַלץ יצר־הרע, אַלץ נאָר די וועלט... נאַרישע אשה... מרשעת! נישט לאָזן לערנען אַ מאַן... דערפאַר קומט גיהנום..."

אַז זי ענטפערט נישט, ווערט ער שטאַרקער ביי זיך! איר פּנים ווערט בלייכער און בלייכער, זי ציטערט אַלע מאָל מער, און וואָס מער זי ציטערט און ווערט בלייכער, — פעסטער און ראַשער ווערט זיין קול:

— גיהנום! פייער! הענגען אויף דער צונג! ארבע מיתות בית־דין!

זי שווייגט, דאָס פּנים אירס איז שוין ווי אַ קרייד.

ער פילט, אַז ער טוט נישט גלייך, אַז ער דאַרף זי נישט אַזוי קרענקען, אַז ער רעדט נישט ערלעך; נאָר איינהאַלטן קען ער זיך שוין נישט. אַלעס שלעכטע וואָס ער האָט ביז אַהער אין זיך גע־האַט, שיטן זיך אים אַרויס, ער קען זיי נישט איינהאַלטן.

— ווייסט וואָס טייטש? — גייט זיין קול איבער ווי אין אַ בייזן דונער: סקילה — דאָס הייסט: וואַרפן אין גרוב אַריין און

פארשיטן מיט שטיינער! שרפה — פירט ער ווייטער און וואונ־
דערט זיך אליין אויף זיין העזה — שרפה, דאס הייסט: ארייג־
גיסן אין די נעדערים א לעפל הייס־קאכעדיג־זידנדיג בליי! הרג
איז בסוף... דאס הייסט: מען האקט אפ דעם קאפ מיט א
שווערד... אט אזוי! און ער מאכט א באוועגונג מיט דער האנט
ארום האלז, היינט — חנק... ווערגן... הערסט — ווערגן! פאר־
שטייסט — בטול תורה! אלץ פאר בטול תורה!

דאס הארץ טוט אים שוין ווי פאר רחמנות אויף זיין קרבן,
נאר עס איז אים דאס ערשטע מאל, ער זאל אזוי גובר זיין... עס
פאר'שכור'ט אים! אזא נארישע אידענע! ער האט ביז אהער
גאר נישט געוואוסט, אז מען קען זי אזוי איבערשרעקן.

— אט דאס איז בטול תורה! — שרייט ער ענדלעך אויס.
ער האקט דאך אפ, זי קען דאך צו זיך קומען און כאפן א בעזים!
ער שפרינגט צו צום טיש, פארמאכט די גמרא און לויפט ארויס...

— אין בית המדרש גיי איך! — שרייט ער צו איר, שוין מיט
א ווייכערער שטימע און פארמאכט נאך זיך די טיר.

דאס געשריי מיט'ן קלאפ פון דער טיר, האט אויפגעוועקט
דאס קרענקלעכע קינד. עס הויבט לאנגזאם אויף די שווערע ברע־
מען, דאס וועקסן־געל פנים פארקרימט זיך, און עס הויבט אן צו
פייפן אונטער'ן געשוואלענעם נעזל. נאר זי שטייט אלץ אויף איר
ארט, אויסער זיך, ווי פארשטיינערט און הערט נישט דעם קינד'ס
קול.

— הא! — רייסט זיך איר ענדלעך א הייזעריג קול פון דער
פארענגטער ברוסט ארויס — אזוי — נישט די וועלט, נישט יענע
וועלט... הענגען — זאגט ער — ווער — זאגט ער — הייסע סמא־
לע — בליי — זאגט ער! בטול תורה!

— גארנישט... מיר גארנישט... — העשעט איר אין צעריסע־
נעם הארץ: דא הונגער... אן א קלייד... אן א בענטש־לייכטער...
אלץ נישט... דאס קינד הונגעריג... קיין טראפן מילך... און דארטן
—הענגען... הענגען אויף דער צונג... בטול תורה—זאגט ער.—

— הענגען... כא! כא! כא! — רייסט זיך ראפטום אויס איר

פאַרצווייפלט קול... הענגען, יאָ. נאָר דאָ! — באַלד! אַלץ איינס! נאָך וואָס וואַרטן?

דאָס קינד הויבט אָן העכער צו וויינען, נאָר זי הערט אַלץ נישט.

— א שטריק! א שטריק! — שרייט זי אויסער זיך, און זוכט מיט פאַרבלאָנדזשעטע אויגן א שטריק אין אַלע ווינקעלעך.

— א שטריק וואו נעמט מען! זאָל ער שוין מיין געביין דאָ נישט טרעפן! לאָמיך כאָטש דאָס גיהנום פּטור ווערן! זאָל ער וויסן! זאָל ער זיין א מאַמע! זאָל ער! א כפרה בין איך! א מלאך המות! אַן עק! אַן עק זאָל זיין! א שטריק!

און דאָס לעצטע וואָרט רייסט זיך איר פון האַלז אַרויס ווי א רוף אויף הילף ביי א שרפה.

זי דערמאָנט זיך, אַז עס ליגט ערגעץ א שטריק... יאָ, אונ־טער'ן אויוון... מען האָט געזאָלט אויפ'ן ווינטער דעם אויוון אי־בערבינדן, ער מוז נאָך דאָרט ליגן...

זי לויפט צו און געפינט דעם שטריק: א פרייד — זי האָט געפונען דעם אוצר! זי וואַרפט אַן אויג אויפ'ן סופיט — דער האַקען זיצט... זי דאַרף נאָר אויפ'ן טיש אַרויף.

זי שפּרינגט אַרויף —

נאָר פון דער הויך דערזעט זי, אַז דאָס דערשראָקענע, פאַר'־חלש'טע קינד איז אויפגעזעצט, עס בויגט זיך איבער'ן וויגל; עס וויל אַרויס! אָט, אָט, פאַלט עס אַרויס...

— מאַמע! — האָט דאָס קינד קוים אויסגעריסן פון שוואַכן העלזל.

עס כאַפּט זי אָן א נייער כעס.—

זי וואַרפט אַוועק דעם שטריק, שפּרינגט אַראָפּ פון טיש, לויפט צו צום קינד, און וואַרפט אים דאָס קעפּל אויפ'ן קישן צוריק, שרייענדיג:

— ממזר! אפילו הענגען לאָזט עס מיך נישט! אפילו נישט

הענגען בשלום! עס וויל שוין ציען... ציען וויל עס... אַט! סם וועסטו ציען פון דער ברוסט! סם!

— נאַ, פּרעסער, נאַ! — שרייט זי אויס אין איין אָטעם, און שטופּט דעם קינד די אויסגעדאַרטע ברוסט אין מויל אַריין:

— נאַ, צי, בייס!...

האשה מרת חנה

(א פעקל בריוו)

א) צוויי בריוו, וואָס חנה האָט באַקומען פון איר ברודער מנחם מענדל, און איין בריוו פון איר שווע־גערין חוה גיטל. בסך הכל דריי בריוו.

ערשטער בריוו

החיים והשלום לאחותי הצנועה מרת חנה תחיה.

דיין בריוו האָב איך דערהאַלטן. וואָס קלערסטו איך האָב געוונג טרערן פאַרגאָסן און א גאַנצע נאַכט געזיפצט און געקרעכצט; וואָס קומט מיר אָבער אַרויס גאָט אין הימל איז מיין עדות, אַז איך בין דיר נישט אימשטאַנד צו העלפן. און וואָס דו שרייבסט וועגן דער ירושה, מוז איך דיר, ליבע שוועסטער, זאָגן, אַז דאָס איז גאָר קיין ווערטער נישט! נאָכ'ן אידישן דת האָסטו קיין שום טענה־ומענה אויף דער ירושה; פרעג דיין מאַן, ער איז דאָך א איד א למדן, וועט ער דיר אויך זאָגן דאָס אייגענע. און דו דאַרפסט גאָר נישט פרעגן דעם מאַן, ער זאָל דיר ערשט זאָגן; אַזאַ אשה כשרה ווי דו! עפנט אויף דאָס דייטש־חומש און זעט, אַז צלפחד'ס טעכטער האָבן באַקומען ירושה, נאָר ווייל עס זיינען

קיין בנים־זכרים נישט געווען. אָבער, קוים זיינען דאָ בנים־זכרים, באַקומען די טעכטער קיין ירושה נישט. און קיין שטר חצי זכר האָסטו נישט. איי, וואָס דו זאָגסט, אַז דער טאַטע, עליו השלום, האָט דיר דעם גאַנצן נדן נישט גע'סלוק'ט, איז אודאי קיין טענה נישט. וואָרים, צוריק געשמועסט, ווער קריגט דעם גאַנצן נדן? מיר האָט מען, ווייסטו, אויך אָבגעריסן, און איך האָב, חלילה, קיין טענה נישט צו קיינעם. — און, בכלל, איז דער שכל מחייב, אַז אויב דער טאַטע, עליו השלום, האָט נישט געהאַלטן זיין התחייבות, האָט דאָס צווייטע צד אויך אַזוי געטאָן, און מען איז דערויף באַשטאַנען; די צדדים האָבן איינער דעם צווייטן מוחל געווען, ווי ביי אונז אידן דער מנהג איז. און איך האָב נישט געוואָלט שטעלן אויף מיין דעה, און איבערגעשמועסט די זאַך מיט אונזער רב און מיט די דיינים, און אַלע זאָגן פּה־אחד, אַז עס איז אַזוי.

און, בנוגע צו דער טענה, וואָס דו שרייבסט, אַז דו האָסט נאָר א האַלב יאָר געגעסן קעסט, נישט א גאַנץ יאָר, — פון דעם ווייס איך שוין גאָר נישט! לא פקדני אבא — דערפון האָט מיר דער טאַטע עליו השלום, נישט געזאָגט, און ווייסן ווייסטו, אַז איך בין דעמאָלט געווען א פּרוש, בין געזעסן ביי דער גאַנצער צייט ביים רבי'ן, זאָל לעבן, און געלערנט... און חוה גיטל מיינע דערציילט, אַז עס איז אַזוי געווען: עס איז געוואָרן א שטיקל מחלוקת צווישען אייך וועגן דער מאַמע עליו השלום,'ס שטאָט אין דער ווייבערישער שול, און איר האָט אייך אַרומגעריסן ביי די קעפּ, און דער טאַטע, עליו השלום, האָט דערפון גרויס צער געהאַט און גרויס עגמת־נפש; און איינמאָל שבת־צונאַכטס, האָסטו געכאַפּט דאָס פּעקל מיט'ן מאַן און ביזט מיט'ן אַוועק אין זיין שטעטל אַריין, — אויב אַזוי, ווער איז אייך שולדיג? אויף וועמען שרייסטו? ווער האָט אייך געהייסן אַנטלויפן? אַז מען דאַרף עסן קעסט, עסט מען...

נאָר — איך מיין נישט, חס־ושלום, דיר אָנצוטאָן עגמת־נפש. איך וויל דיר נאָר אויסווייזן, ווי ווייט אומגערעכט דו ביזט; אָבער

יאָ גערעכט, נישט גערעכט, מען דאַרף זיך פירן לפנים משורת־הדין, בפרט געגן אַן אייגענער שוועסטער. נאָר וואָס העלפט עס? ווייל יאָ, ווייל נישט, אַז מען קען נישט! דאַרפסט וויסן, שוועס־טער־לעבן, אַז דער פאָטער אונזערער, זכרונו לברכה, האָט פאַר דער פטירה געמאַכט אַ צוואה, ער האָט אַוועקגעגעבן דאָס גרויסע ש״ס דעם גרויסן בית־המדרש! דאָס קליינע ש״ס—דעם קליינעם בית־המדרש, די משניות׳ן מיט די עשרים־וארבע׳ס האָט ער געהייסן שיקן אין שטיבל אַריין, וואו ער, עליו השלום, האָט גע־דאַוונט... קבורה־געלט, נישט אויסגערעדט זאָל עס זיין, האָט געקאָסט צוויי הונדערט גילדן, מיר ליד האָב איך אויך צעטיילט אַ פופציג גילדן, וואָס רעד איך, מער, אַ סך מער ווי פופציג גיל־דען! דעם טאַטן, עליו השלום׳ס, מלבושים האָב איך אויך צע־טיילט אָרימע לייט, חוץ דער זיידענער קאַפּאָטע, וואָס איך האָב, לויט צוואה, איבערגעלאָזט פאַר מיין משה׳לע, שיחיה, ער זאָל אין איר גיין אין אַ מזל׳דיגער שעה, צו דער חופה, במהרה בימינו, אמן. וואָס דען בלייבט בסך הכל?

עס בלייבט נישט מער, נאָר דאָס הייזל, נו, קיין שרפ״ט איז עס נישט ווערט. דער דאַך איז, לא עליכם, אַ חולה־נופל; אויף אַ האָר הענגט ער. דער וואַנט הייסט אַראָפּנעמען די אַלטע פייער מויער, און אין גאַנצן איז עס בחזקת סכנה.

נישט מער, שוועסטער לעבן, דו מיינסט, איך האָב פּרנסה! אַז דער טאַטע, עליו השלום, איז נפטר געוואָרן און איך בין אַראָפּ פון קעסט, האָב איך פאַרדונגען די דריי שטובן לינקס גרונם דעם סוחר, מען רופט אים גרונם צאַפּ (דו מוזסט אים אודאי געדענקען און דאָס ווייב זיינס—זלאַטע), מיט דעם געלט קוועל איך מיך און באַצאָל קוים פאַדימנע און אַנדערע פּאַדאַטקעס, וואָס וואַקסן פון טאָג צו טאָג. שולדיג בין איך בסך הכל פאַר אַ יאָר אָנדערהאַלבן מיט אַ שמיץ! דערווייל טו איך מיר עצות, גיב אַ טרונק בראָנפן, —קום שפעטער, קום מאָרגן, כנהוג, נאָר דער שטריק אויפ׳ן האַלז וואַקסט, און וואָס דער סוף דערפון וועט זיין, ווייסט איין רבונו של עולם.

איך באוואוין די דריי שטובן רעכטס אין איינעם מיט'ן איינ־פאָר־הויז און מיט דער שענק; די צייט דערוויילּ איז זייער שלעכט, די דערפער ארום האָבן זיך פארשוואָרן, נישט צו טרינקען קיין בראָנפן. איז נאָך וועניג, האָט דער פריץ נעעפנט אין די ארומיגע דערפער שפייז־געוועלבלעך מיט טיי־הייזער, — וואָס זאָל איך דיר זאָגן? מען דארף רחמים! מען קוקט זיך די אויגן אויס, איידער מען דערזעט א פויער!

און וואָס דו שרייבסט, אז ווער עס קומט זאָגט דיר, אז איך האָב שיין פרנסה, — זיי וויסן, אז מענטשן האָבן נאָר גרויסע אויגן. איידער מען פארדינט א דרייער, איז קריעת ים־סוף. דער־ווייל מוז מען ביילע־סאָשע'ן חתונה מאכן, און איך ווער גראָ און אַלט דעריבער. די הוצאות זיינען אין לשער, אויף חוב וויל מען נישט געבן, צו די מלבושים פעלט נאָך א זיידן אויבער־מלבוש, ואחרי ככלות־הכל, מוז חוה גיטל מיינע, באַלד נאָך דער חתונה פאָרן צו א דאָקטאָר. אז שמואל רופא הייסט שוין פאָרן, פאַר־שטייסטו שוין, ווי עס האַלט, רחמנא לצלן... איך האָב געפרעגט דעם רבי'ן, זאָל לעבן, הייסט ער, זאָל לעבן, אויך פאָרן קיין וואַר־שע. און דער הוסט ווערט שטאַרקער פון טאָג צו טאָג, — גלייך מען וואָלט האַלץ געהאַקט!

און דאָס, וואָס דו ווילסט מיך איבערשרעקן, אז אויב איך וועל דיר נישט באַלד ענטפערן ווי עס געהער צו זיין, וועסטו שרייבן צו אונזער קרובה אין לובלין, און זי וועט גיין צו איר אדוואָקאַט, מען זאָל מיך איבערגעבן אין גוי'אישע הענט אריין, — זיי וויסן, שוועסטער, לעב, אז דערפאַר האָב איך גאָר קיין פחד נישט! ערש־טענס, פאַרשטיי איך, אז עס איז גלאַט גערעדט, אז אזא כשר'ע צנועה, ווי מיין שוועסטער איז, ווייסט, וואָס א בית־דין איז, און וואָס א סאָנד, להבדיל, איז... אזא שטות וועסטו נישט טאָן. א אי־דישע טאָכטער טוט נישט אזוי! און, דו זאָלסט אפילו וועלן, האָסטו דאָך א מאַן צו הונדערט און צוואַנציג יאָר, און ער וועט אזא עולה נישט דערלאָזן! ער וואָלט זיך שוין נישט געטאָרט ווייַ־זען ביים רבי'ן זיינעם, אפילו נישט אין שטיבל אריין קומען!

אויסער דעם, ראט איך דיר, זאָלסט, חס ושלום, נישט אַרויס־וואַרפן קיין געלט אויף אַדוואָקאַטן; און עס לא היה זיינען זיי די אַדוואָקאַטן, נאָר גיב און גיב און הערסטו אויף צו געבן, ווייסט ער שוין נישט וועך דו ביזט.

און דערמאָנען מוז איך דיר נאָך די טאַמאַשאַווער מעשה, וואָס דער טאַטע, עליו השלום, פלעגט דערציילן. אפשר האָסטו זי פאַר־געסן, וועל איך דיר נאָכאַמאָל דערציילן. אַמאָל איז דאָרט נפטר געוואָרן א באַלעבאָס; איז די טאָכטער זיינע, א גרושה, געלאָפן צום אַסעסאָר, ער זאָל איר אויסטיילן א חלק ירושה, ווי עס איז בדיניהם. דערווייל, אַזוי ווי זי איז געשטאַנען און גערעדט מיט׳ן אַסעסאָר, איז ביי איר אין שטוב אַראָפּגעפאַלן א קויל פון קוי־מען... אין דער רגע האָט זיך אונטערגעצונדן די שטוב, און עס איז איר, נישט פאַר אונז געדאַכט, נישט פאַר קיין שום אידן גע־דאַכט, א קינד פאַרברענט געוואָרן!

און איך ראט דיר, שוועסטער חנה, זאָלסט זען חרטה האָבן און תשובה טאָן אויף דעם, וואָס דו האָסט געשריבן. אין אָדם נתפס על צערו, דאָס הייסט, ווי מענטשן זאָגן — צרות נעמען דעם שכל צו; נאָר א קטרוג קען, חס ושלום, זיין דערפון, און דו דאַרפסט עפּעס אויף זיך נעמען, כאָטש א תענית איבער א טאָג!

איך פון מיין צד בין דיר מוחל מיט׳ן גאַנצן האַרצן. און, אַז דו וועסט קומען, אם ירצה השם, אויף מיין טאָכטער׳ס חתונה, וועט אַלץ ווערן אויסגעהיילט, וועסטו זיך מיט אונז משמח זיין אין א מזל׳דיגער שעה. נאָר זע, למען השם, נישט צו דערמאָנען פון פּראָצעסן, חס ושלום!—

און דער עיקר פאַרדריסט מיך אויף בעלך, נר״ו, המופלג, וואָס שרייבט גאָרנישט פון זיין געזונט. אויב ער איז אויף מיר אין כעס, זינדיגט ער, און ער דאַרף דאָך וויסן, אַז כל הכועס וכו׳. חוץ דעם האָט זיך אַרויסגעלאָזט א קול אין אונזער שטעטל, אַז ימים נוראים איז ער נישט געוועזן ביים רבי׳ן און האָט געדאַוונט נאָר אין בית המדרש. נאָך זאָגט מען, אַז ער וויל אָוועקלעגן דאָס לערנען און זיך צו עפּעס צושלאָגן. א נהנה מיגיע כפו, זאָגט ער,

וויל ער זיין. וואָס פאַר א צער איך האָב דערפון, קענסטו משער זיין. וואָרים „תורה מה תהיה עליה"? ווער וועט זיצן און לערנען, אז נישט אזוינע טייערע קעפ ווי ער? !

ער דאַרף וויסן, אז דער טאַטע, עליו השלום, האָט זיך מיט'ן משדך געוועזן נישט אויף דעם תנאי! און בפרט היינטיגע צייטן, ווען די אומות־העולם נעמען זיך צום מסחר און די עסקים פאַלן פון טאָג צו טאָג, איז אודאי א יושר, נשים זאָלן האנדלען, און די מענער זאָלן טאַקע יושב ועוסק בתורה זיין, און דער רבונו של עולם וועט זיך אפשר טאַקע מרחם זיין... זאָל ער זיך בעסער אַרויסנעמען א כתב־רבנות, זאָל ער ווערן שוחט, מלמד, — וואָס ער וויל, נאָר נישט קיין סוחר, חס ושלום... איך זאָל נאָר וויסן, אז ער וועט מיר נישט אָפּרעדן מיין קינד פון מיין רבי'ן, וואָלט איך אים מיין משה'לען געשיקט אויף לערנען מיט קעסט!

זע, אז דיין מאַן זאָל אַוועקלעגן די נאַרישקייטן, דו מאַך דיר א געוועלבל, א שטעל... און זכות אָבות, הן פון דיין צד, הן פון בעלך נר"ו'ס צד, וועט אייך בודאי ביישטיין.

און פאַריאָג, ראַט איך דיר, די מרה־שחורה, מיט וועלכער דיין בריוו איז אויסגעווייקט, אז עס שניידט ביים האַרץ. א בשר ודם אָן בטחון, איז ערגער ווי א בהמה, רחמנא לצלן. ער דרייט זיך אַרום אויף דער וועלט, ווי א יתום אָן א טאַטן; א גאָט, ברוך הוא, אין הימל האָבן מיר, פאַרלאָזן פאַרלאָזט ער נישט.

אז דער מענטש פאַלט אַריין אין מרה־שחורה, איז א סימן, אז ער האָט, חס ושלום, קיין אמונה, קיין בטחון נישט, און דאָס איז נישט ווייט פון ערגערע זאַכן, רחמנא לצלן! וואָס איך וויל אפילו איבער מיין מויל נישט ברענגען!

גם שרייב מיר, אחותי חנה, ווי עס שטייט ביי אייך מיט אַר־בעס? אונזערע צוויי גרויסע סוחרים, דו געדענקסט דאָך זיי, דער לאָמער יוחנן און יונה סגי־נהור, האָבן אויפגעהויבן דעם מקח, און דער פּריץ אונזערער האָט נישט אויף זריעה... אפשר וועט זיך, אם ירצה השם, מאַכן א שטיקל עסק... עס איז אפשר מן השמים, איך זאָל האָבן צושטייער צו חתונה־הוצאות. דיין

טובה פארלאנג איך, חס־ושלום, נישט אומזיסט; זאָל זיך נאָר עפּעס מאַכן, שיק איך אייך אויף הוצאות, זאָלסט קומען עם בעלך המופלג, שיחיה, אויף סאָשע־ביילא, שתחיה'ס, חתונה, איך וועל נאָך פאַר דיר א מתנה געבן—דרשה געשאַנק מצד הכלה!

חוה גיטל, שתחיה, גריסט דיך גאָר פריינטלעך. אליין שרייבט זי נישט, ווייל עס איז היינט ביי אונז יריד; זיינען געקומען צוויי סוחרים פון די זאמושציער אַכל'ער און ווילן דוקא געפילטע פיש. די כלה, שתחיה, איז געגאַנגען צום שניידער אָנמעסטן א מלבוש, און מיך האָט מען דאָ אליין איבערגעלאָזט פאַר א שומר ביים קוימען.

און זע, למען השם, אחותי חנה, נישט צוצולאָזן זיך צום האַרץ, אוועקטרייבן די מרה־שחורה און לעבן מיט בטחון. ווער עס שפּייזט א ווערימל אויף דער ערד און א פויגעלע אין נעסט, וועט דיך אויך נישט פאַרלאָזן.

גרים בעלך, וכו'

פון מיר אחיך —

מנחם מענדל.

צווייטער בריוו

החיים והשלום לאחותי מרת חנה תחיה.

איך האָב דיין צווייטן בריוו דערהאַלטן. ער איז געווען דורכגעווייקט פון טרערן, און פול זלזולים געגן מיר, זוגתי חוה גיטל, שתחיה, און אפילו בתי הכלה, ביילע־סאָשע, שתחיה. און איך האָב דערפון פיל שפיכות דמים געהאַט, ווארום פאַרוואָס? אחותי חנה, דו זאָגסט, אַז איך בין, חס ושלום, א גזלן. אַז איך האָב דיך געטראָפן, חס ושלום, אין וואַלד, און איך האָב דיך גע'הרג'עט, חס ושלום; אַז דורך מיר און זוגתי חוה גיטל, שתחיה, ביזטו פאַרוואָגלט געוואָרן פון דער היים, אַז מיין טאָכטער ביילע סאָשע איז, ביי דיר אין די אויגן, א חצופה, ווייל זי מאַכט זיך זיידענע מלבושים... מה אומר ומה אדבר, אַז איך מוז הערן און שווייגן, ווייל איך ווייס, אַז דיר איז אַזוי שלעכט... אַז נישט דו רעדסט, נאָר דיין שווער געמיט רעדט...

די זאַך איז אָבער נישט אַזוי. איך בין, חס ושלום, קיין רוצח נישט! און זאָל קומען איינער פון גאַס, און זאָגן, אַז די קאַפּאָטע, וואָס איך טראָג אויפ'ן לייב, איז זיינע, און ער וויל האָבן א דין־תורה, רעד איך מיט אים נישט דאָס אַנדערע וואָרט, און גיי מיט'ן צום רב. און, אם ירצה השם, אַז דו וועסט קומען אויף ביילע־סאָשע'ס חתונה, האָב איך מיט דיר א דין־תורה, בפירוש א דין־תורה, פון קיין פּשר האַלט איך נישט!

און זע אַליין! בנוגע צו די קעסט, וואָס דו האָסט נישט דערעסן, ביזטו דאָך אַליין מודה אין דיין בריוו, אַז די סיבה איז געוועזן א מחלוקת צווישן דיר און זוגתי, תחיה. ווער עס האָט אָנגעהויבן איז נישט מיין זאַך. איך זע נאָר, אַז בעלך איז, קיין עין

הרע, א גרויסער גולם, שהלך אחרי אשתו... איר זענט, זאָגט מען, אין א מוצאי־שבת אנטלאָפן, לייטן־געלעכטער אָנגעמאַכט. דער טאַטע, עליו השלום, האָט געהאַט דערפון גרויס שבירת־הלב און קצור־ימים, (אַזוי האָט ער בפירוש געזאָגט; שכנים האָבן גע־הערט!) און דו לעגסט אַלץ אַרויף אויף חוה גיטל תחיה! מאַכסט איר גלאַט א בלבול!

נאָר! מאי דהווה הווה — דער טאַטע עליו השלום איז שוין אויפ׳ן עולם־אמת! אוים קעסט, אוים טענות! שרייַ חי־וקים געגן גאָט, ברוך הוא!

און זיי וויסן, אַז בתי הכלה ביילע־סאָשע, איז גאָר, חלילה, קיין חצופה נישט! זי איז נעבעך גאָר נישט שולדיג! צו די זיידענע מלבושים נויט מיך דער מחותן, דער תקיף. איינמאָל האָט זי אפילו געוויינט, אַז זי שטעלט אונז בדלות. וואָס זאָל מען אָבער טאָן, אַז אין די תנאים שטייט בפירוש „בגדי משי וסאַמעט”, און ער טרעט נישט אָפּ פון די תנאים. אַ נישט, זאָגט ער, איז אוים, צערייסט ער די תנאים! און מער פעלט מיר נישט, נאָר בתי, תחיה, זאָל, חס ושלום פאַרזיצן!

און זיי וויסן, אַז דער נדן איז אויך נאָך נישט גע׳סלוק׳ט אין גאַנצן במזומנים. צוגעזאָגט האָב איך זעקס, געגעבן דריי; אויף נאָך שתי מאות האָב איך געמוזט געבן אן אַקט אויפ׳ן הויז. ווייסטו דאָך, אַז דאָס הויז אויפ׳ן טאַטענ׳ס, עליו השלומ׳ס נאָמען, —קאָסט ווייטער געלט, איידער מען קען פאַרשרייבן, וד״ל... אויף דער רעשט האָב איך געגעבן א זאָלאַ־וועקסל אויף סטעמפּעל, וליתר תוקף־ועוז—נאָך א חרם־קוויטל. און אַצינד בין איך ערשט אין דער קלעם, אַז דער רבונו של עולם זאָל זיך מרחם זיין.

נאָר רעד מיט א אידענע! נישט אומזיסט האָבן אונזערע חכמים געזאָגט: „נשים דעתן קלות” און מענטשן זאָגן: לאַנגע האָר—מיידלוויז מיין איך, און קורצער שכל... איך שרייב דערי־בער באַזונדער לבעלך, שיחיה; ער איז א מאַנסביל, א בן תורה, א מופלג בתורה, און ער וועט וויסן, אַז א בשר־ודם טאָר זיך נישט אַרויפלעגן אויף אן אַנדערן בשר ודם, וואָרום: וכשל עוזר ונפל

עזור,—א בשר־ודם קען קוים זיך אַליין דערטראָגן... א מענטש מוז האָבן בטחון.

און איך בין בטוח, אַז גאָט וועט דיך, חס ושלום, נישט פאַרלאָזן; ער פאַרלאָזט נישט קיין שוואַכע פליג! נאָר פון רבונו של עולם קענסטו געהאָלפן ווערן, צו'ן אים זאָלסטו מתפלל זיין, און איך פון מיין צד, אַז איך וועל, אם ירצה השם, זיין ביי אים, זאָל לעבן, וועל איך אָפּגעבן פון דיינעטוועגן א קוויטל מיט א באַזונדערן פדיון: 2 צי 3 מאָל ח"י און עס מוז פועלן!

און בנוגע צום אַרבעס, האָט זיך אויסגעלאָזט א בוידעם, איידער וואָס, איידער ווען, האָט זיך גבריאל דער פאַכטער אַראָפּגעברענגט פון אייער געגנט עטלעכע פורן אַרבעס. פאַרדינט האָט ער א מטמון! ער מאַכט שוין חתונה א זון און גיט שוין נדן... וואָס קלערסטו, אַז גאָט וויל, פעלט דיר אויף א מאַרקע, פאַרשפּעטיגט זיך דיין תשובה אויף מיין בריוו, און גבריאל ווערט דער חכם!

און וואָס דו שרייבסט, אַז דאָס קינד דיינס איז נישט בקו־הבריאה, זאָל טאַקע דער רופא חולים העלפן; אין סכנת־נפשות, גלויב נישט; נאָר אָן מרה־שחורה! איך האָב געטאָן מיינס. איך בין אויפגעשטאַנען גאַנץ פרי, געגאַנגען אין גרויסן בית־המדרש אריין, אריינגעוואָרפן אין מאיר בעל הנס, אויפגעשריבן אויף דער מזרח וואַנט „לרפואה שלמה" מיט גרויסע אותיות. און, אויב עס וועט זיין אם ירצה השם, א לעזונג, וועל איך נאָך שיקן ליכט אין שול אריין. דעם רבי'ן זאָל לעבן וויל איך אויך מודיע זיין. און נישט דערמאָנען, אַז בעלך איז נישט זיין חסיד, און דו ווייסט, אַז ביי אים, זאָל לעבן, בין איך א בן בית...

פון מיר, אחיך

מנחם מענדל.

עיקר שכחתי. מירל־פיגא, דעם דינ'ס טאָכטער איז, לא עליכם, געווען מקשה לילד, האָט מען אַראָפּגעברענגט א דאָקטאָר פון טאָמאַשאָוו און דער מאַן איז תיכף אוועקגעלאָפן צום רבי'ן, זאָל לעבן. צי דער דאָקטאָר האָט קאַליע געמאַכט, צי וואָס, נאָר אַז דער מאַן איז געקומען, האָט ער זי שוין געטראָפן אף דער מטה. ער האָט

איר געמאַכט גאָר א שיינעם הספד. אצינד רעדט מען אים שידוכים, איך וועל מיך אויך אַריינלעגן אין דער זאַך. עס איז א מצוה אַזאַ שיינעם יונגן מאַן א טובה צו טאָן. אגב, טאָמער באַשערט השם יתברך א רייכן שידוך וועל איך נישט צולעגן.

אחיך הנ"ל.

זוגתי חוה גיטל, שתחי', לאָזט דיך גריסן גאָר פריינטלעך. וכן בתי הכלה שתחיה. מיט גאָט'ס הילף וועסטו, אם ירצה השם, די טעג באַקומען א חתונה־בריוול. עס זאָל אונז אַלע זיין צו מזל און צו ברכה.

מנחם מענדל הנ"ל.

גיסתי האהובה, המיוחסת והצנועה האשה הכשרה הלא היא
מרת חנה תחיה.

ראשית בין איך דיר מודיע, ליבע שוועסטער און שוועגערין, אַז מהיום והלאה, אַז גאָט וועט שענקען דאָס לעבן, וועל איך אָפּנעמען דיינע בריוו, נישט מיין בעל־בכי און אשפּה וועל איך פון זיי מאַכען! צווייטנס, ליבע שוועגערין, איז דאָס פון דיין זייט, צווישן אונז גערעדט, א גרויסע חוצפּה, וואָס דו האָסט זיך אָן אונז אָנגעכאַפּט און דוקא פאַר א חתונה, און מאַכסט אונז די טעג פינצטער ווי די נעכט, און ווילסט נאָך אָנמאַכן א שוואַרץ־פינצטער לעבן צווישן מאַן און ווייב. דו מוזט, אפּנים, מיינען, ליבע שוועגערין, אַז דו ביזט נאָך ביים שווער, זכרונו לברכה, אויף קעסט, אַז דו ביזט א פאַרצויגענע בת־יחידה, אָן שום דרך ארץ; און אַז מען גיט דיר נישט דעם טעלערל פון הימל, ווילסטו אַלעמען אויסשטעכן די אויגן, די וועלט אומברענגען, און די קולות דיינע נייען עד לב־השמים. איך געדענק נאָך דיין טופּען מיט די פיסלעך, דיין זעצן מיט די פויסטן אין טיש אריין, בשעת, ווען דער תם דיינער שטעלט זיך אין א ווינקל אַריין שאָקלט מיט'ן שאָפּענעם קעפּל, אַז די פּאות וואַרפן זיך אים, ווי די לולבים; דער שווער, זאָל ער מיר עס דאָרט מוחל זיין, זאָגט דאָך אודאי, אַז די בת־יחידה איז גערעכט.

טייערע שוועגערין חנה! עס איז שוין צייט זיך אויפצוכאפן פון שלאף, צו פארגעסן די פוסטע חלומות, און צו זען איך וואס פאר א וועלט מען איז. דער שווער, זכרונו לברכה, איז שוין לאנג אויפ'ן עולם־אמת; נישטא קיין קעסט, אויסגערונען! א בת־יחידה קענסטו נאר זיין ביי דיין איינענעם מאן, נישט ביי קיין אנדערן, און איך ווייז דיר צוויי מאל פינף פינגער!

און דעם ברייוו־טרעגער האב איך זהיר והזהר אנגעזאגט, ער זאל דיינע בריוו אפגעבן מיר צו דער האנט, נישט מיין כשר בהמה'לע. זיי וויסן, ליבע שוועגערין, אז די גאנצע וועלט בלאזט אויף די נעגל פון דיין שגעון! ווער עס הערט, זאגט נישט אנ־דערש, נאר א דיבוק, רחמנא לצלן! סערל די נגידה האט מיר בפירוש געזאגט, אז דו ביזט ווערט, מען זאל דיך קורע־כדוג זיין! און איך קען גאר נישט פארשטיין, וואס דו ווילסט האבן פון מיר! נישט איך הוה גיטל האב, חס ושלום, געשריבן די תורה; נישט איך, חוה גיטל, בין, חס ושלום, אראפ מיט דונער און בליצן אויפ'ן בארג סיני, אוועקצו'גזלן פון דיר דעם דין פון ירושה; און אז דער שווער דיינער, זאל מיר עס דארט מוחל זיין, איז געווען אזא בטלן, ווי דיין מאן דער תם, און אז מען האט דיר נישט געגעבן קיין שטר חצי זכר, בין איך שולדיג? און דער רבונו של עולם איז נישט, חס ושלום, אין מיין רשות; די שליסל פון שערי רחמים, ליגן נישט ביי מיר,—עס איז דא צו וועמען צו שרייען! האסט נישט קיין סידור, קיין מחזורים, קיין תחנות? דאוון, בעט רחמים! און אויב דאס קינד דיינס איז טאקע חולה מסוכן, איז דארט אויך דא אן ארון קודש איינצורייסן, קברים צו מעסטן, און מאיר בעל־נס אויף צדקה פעלט אויך נישט! דו ווייסט אבער נישט מער, נאר—חוה גיטל; חוה גיטל און ווידער חוה גיטל! פעלט דיר פרנסה, ווער איז שולדיג? חוה גיטל! גיסטו צו איר אוים דיין ביטערע הארץ; איז דיר קראנק דאס קינד, ווער איז שולדיג? מכתמא חוה גיטל, און פארשרייסט מיר דעם קאפ! און איך, איין גאט אין הימל ווייסט דעם אמת, בין חולה־מסוכן, איך פאכע מיט דער נשמה און ביי'ן א ליאדע עגמת־נפש, ווער

איך ממש אוים מענטש. און אז מיר כאַפּט אָן דער הוסט, איז טאַקע סכנות נפשות, מיין איך, אז עס עקט זיך מיין וועלט. איך בין, ווי מען זאָגט: א פוס אין שטוב א פוס אין גרוב. און אז די דאָקטוירים וועלן מיר נאָך הייסן פאָרן קיין אויסלאַנד וואַסער טרינ־קען, בלייב איך אָן א העמד, חס ושלום; און אויף וועמעס הענט לאָז איך איבער די שטוב, די פּרנסה, די זעקס קינדערלעך, וואָס?

דו ווייסט, דאַכט זיך, אז אויף מיר שטייט דאָס גאַנצע הויז, אז אַלץ ליגט אויף מיין קאָפּ, אז ווי אחיך מנחם מענדל גיט זיך נאָר א ריר, איז באַלד א שאָדן; ליימענע הענט האָט ער, דאָס שלים־מזל! א מענטש זאָל נישט טויגן, נישט צו גאָט, נישט צו לייט; זאָל נישט אריינטאָן א האַנט אין קאַלט וואַסער אריין, גאָרנישט! פעלט מיר נאָך, עס זאָל קומען דער דאָקטאָר און זאָגן, אז עס וואַקסט ביי מיר די מילץ אין דער ברייט, אז די סכנה איז חס ושלום, זייער גרויס, אז איך ברויך גרויס רחמים!—קומסטו און מאַכסט מיך פאַר א גליקלעכער נגידה, איך זאָל דיר העלפן.

ליבע שוועגערין, איך זאָג דיר בפירוש, אז דו האָסט א האַרץ פון א טאַטער, נישט פון א אידישער טאָכטער; ביזט פשוט א מענטש אָן רחמנות! שוין צייט, זאָלסט גאָר אינגאַנצן אויפהערן מיט דיינע ליב־האַרציגע בריוולעך! און זע, למען השם, צו קומען אויף דער חתונה, וואָס וועט זיין, אם ירצה השם, גאָר קירצלעך. ווען, ווייס איך נאָך אַליין נישט, ווייל איך וויל עס נישט נעמען אויף מיין אחריות. זאָל מנחם מענדל פאָרן צום צדיק, און אָפּשטעלן אויף זיין באַראָט, ווען די חתונה, זאָל זיין אין א מזל'דיגער שעה, און איך וועל דיך שוין מודיע זיין. מתנות ברענגען דאַרפסטו נישט. און, אז דו וועסט, אם ירצה השם, קומען עם בעלך המופלג, שיחיה, וועט איר ביי מיר זיין פון די געהויבענע געסט, איך וועל אייך זעצן אויבן־אָן; און די כלה בעט אייך אויך זייער און זייער, איר זאָלט קומען אויף דער חתונה,

נאָר איר זאָלט זי לייטיש פירן, נישט חס ושלום, פארגעסן, וואו איר זייט אויף דער וועלט, און נישט אָנטאָן קיין חרפות ובושות.

גריס בעלך, שיחיה, מיט'ן קינד לרפואה שלמה

פון מיר, דיין שווענערין,

חוה גיטל.

ב) פיר בריוו וואָס חנה האָט באַקומען פון מאַן שמואל משה

ערשטער בריוו

זוגתי האהובה מרת חנה תחיה.

ווען מיין בריוו וועט קומען צו דיר אין דער האַנט אריין, וועל איך, בעלך שמואל משה, שוין זיין אין מרחקים. און איך בעט ביי דיר סליחה ומחילה אויף דעם. איך בין אוועק פון דיר נישט מיט מיין גוטן ווילן, איך האָב שוין לענגער נישט געקאָנט אויסהאַלטן; איך האָב געזען בחוש, אז עס איז כלו כל הקיצין, אז עס איז שוין די צרות נישט צו דערטראָגן; דעם נדן האָבן מיר אויפגעגעסן, די ירושה האָט דיין ברודער דער גזלן, איינגעשלונגען, ער האָט באַנוצט די צייט, ווען די בריוו זיינען צווישן אייך געגאַנגען, און האָט פאַרשריבן דאָס הויז אויפ'ן מחותנ'ס נאָמען,—צושלאָגן זיך צו'ן א שטיקל עסק האָב איך נישט געקאָנט. נישט געהאַט מיט וואָס; איז מיר קיין אַנדערע עצה נישט געבליבן נאָר, אָדער זיך, חס ושלום צו הענגען, ווי משה דער שניידער האָט געטאָן, אָדער אַנטלויפן קיין אַמעריקע — האָב איך אויסגעקליבן אַמעריקע; זאָל איך כאָטש יענע וועלט נישט פאַרלירן. און אין אַמעריקע וועל איך שוין נישט זיין קיין בטלן, קיין „כלי־יקר”; איך וועל מיט גאָט'ס הילף מיט'ן שוויים פון שטערן, מיט מיינע צען פינגער פאַרדינען אויף א שטיקל ברויט, ביז השם יתברך וועט זיך מרחם זיין און וועט אריינשיקן די ברכה אין מיינע צען פינגער, און אפשר וועט

ער גאָר בענטשן דיין מסחר דאָרט אין די ציבעלעס, און וועט אונז צוריק צוזאַמענפירן, אָדער מיך צו דיר אָדער דיך צו מיר! אמן, כן יהי רצון.

און איך בעט דיך זייער, ליבע, גוטע חנה, זאָלסט דיך נישט אַזוי מצער זיין, נישט אַזוי פיל וויינען. דו ווייסט, אַז מיין גאַנצער מיין מיט'ן אַוועקפאָרן איז נאָר—פרנסה, נאָר דאָס שטיקל ברויט! דו ביזט זוגתי חנה און איך בין דיין מאַן שמואל משה, אוןביידע זיינען מיר צוגעבונדן צום קינד, זאָל לעבן און געזונט זיין. ווען איך וואָלט געהאַט כאָטש אַ שטיקל טרוקן ברויט, וואָלט איך עס, חס ושלום, נישט געטאָן... אפשר וועט זיך דערוויל השם יתברך מרחם זיין, און, אַז דיין ברודער, דער גזלן, וועט דערהערן, אַז איך האָב דיך חס ושלום געלאָזט אַן עגונה, וועט ער פאָרט אפשר רחמנות קריגן, דאָס שטיינערנע האַרץ וועט ווייכער ווערן, און ער וועט דיר גיכער אפשר שיקן עטלעכע רובל אויף פרנסה...

וואָס זאָל איך רעדן און וואָס זאָל איך זאָגן, מיין גאָלדענע חנה?! איך מוז דיר זאָגן, אַז די מחשבה אַוועקצופאָרן און דיך איבערצולאָזן מיט'ן קינד, איז מיר שוין אַ סך מאָל אַרויפגעקומען אויפ'ן זינען. איך האָב שוין לאַנג געזען, אַז איך האָב נישט קיין אַנדער ברירה. טאָג אַזוי נאַכט האָב איך דערינען געקלערט, אי ביים דאַווענען, אי ביים לערנען. איך האָב נאָר געוואַרט, דעם קינד, עס זאָל אים זיין לרפואה שלמה, זאָל בעסער ווערן. אַז דעם קינד, זאָל לעבן, איז בעסער געוואָרן, האָב איך דאָך נישט געהאַט דאָס האַרץ דיר צו זאָגן, אַז איך וויל אַוועק, וואו די אויגן וועלן מיך טראָגן... איך האָב מורא געהאַט, אַז דו וועסט זאָגן, אַז דו ווילסט נישט, און איך וועל נישט קענען טאָן געגן דיין רצון. האָב איך אַלץ אין מיר געהאַלטן, אָפגעגעסן זיך אין דער שטיל דאָס האַרץ. נאָר, אייערנעכטן, אַז דו האָסט אַהיים געברענגט אַ פונט ברויט, און צעטיילט פאַר מיר און פאַר'ן קינד, זאָל געזונט זיין, און געזאָגט, אַז דו האָסט שוין געגעסן ביים שכן, און איך האָב דערקענט אָן דיין פנים, וואָס האָט באַקומען אַלערליי קאָלירן,—ווייל דו קענסט בטבע נישט זאָגן קיין ליגן—אַז דו נאַרסט מיך, אַז דו האָסט אין

דיין מויל נישט געהאַט,—האָב איך בשעת מעשה דערפילט, ווי
ווייט איך זינדיג געגן דיר ! עסנדיג פון ברויט, האָב איך געפילט,
אַז איך עס פון דיר דאָס פלייש, חס ושלום ; און דערנאָך, ביים
גלעזל טיי, אַז איך טרינק, אַז איך זויג אויס, חס ושלום, דיין בלוט.
עס האָבן זיך מיר מיטאמאָל די אויגן געעפנט ; איך האָב ערשט
דערזען, וואָס פאַר א פושע־ישראל איך בין ! און אויסזאָגן האָב
איך פאַרט מורא געהאַט ; בין איך אַנטלאָפן אַז דיין ידיעה.—

ביי יחיאל דעם מלוה האָב איך פאַרזעצט די אויבערשטע קאַ־
פאָטע מיט'ן טלית, נאַר, למען השם, דאָס זאָל קיינער נישט וויסן—
און האָב גענומען אויף הוצאות. אַז עס וועט מיר פעלן, זיינען
אומעטום דאָ אידן בני רחמנים און מען וועט מיך, חלילה, נישט
לאָזן פאַלן אין גאַס. וועל איך אָנקומען צו מתנת בשר־ודם ! און
א נדר האָב איך געטאָן, אַז איך וועל, אם ירצה השם, שפּעטער, אַז
זיין ליבער נאָמען וועט זיך מרחם זיין, און איך וועל וואָס עס איז
פאַרדינען, וועל איך אַלץ אָפּגעבן אויף צדקה, מיט רוחים,—אם
ירצה השם !

דאַרפסט פאַרשטיין, מיין גאָלדענע חנה'לע, ווי מיר איז שווער
און ביטער דאָס אוועקפאָרן... אַז אונזער איינציג טייער קינד,
איז געבוירן געוואָרן, איז מיר אודאי אין זינען נישט אריינגעקו־
מען, אַז איך וועל אים מוזן איבערלאָזן, כאָטש אויף א צייט, אָן א
טאַטן...

די נאַכט, וואָס איך בין אַוועק, בין איך אָפּגעשטאַנען, אודאי א
שעה אויפ'ן זייגער איבער דיין בעט ; דו ביזט געשלאָפן. ביי דער
שיין פון דער לבנה, האָב איך ערשט געזען, ווי דו זעסט, נעבעך,
אויס ! ווי דאָס קינד, נעבעך, איז נעל ווי א וואַקס... פאַר פחד
און גרויס רחמנות האָט מיר דאָס הארץ געשטיקט ; איך האָב
שיר נישט ארויסגעלאָזט א געוויין ; אויס מענטש בין איך ארויס
פון שטוב. איך האָב אָנגעקלאַפּט ביים בעקער, געקויפט א ברויט,
שטילערהייט אריינגע'גנב'עט זיך אין שטוב און דיר איבערגעלאָזט.
איך בין ווייטער געשטאַנען א ווײַלע און האָב קוים כח געהאַט
אָפּצורייסן די פיס פון דער ערד... וואָס זאָל איך דיר זאָגן, חנה,

א מענטש שפּירט אַמאָל אין איין רגע יסורים פון הונדערט יאָר!

חנה'שי קרוין, איך ווייס גאַנץ גוט, אַז איך בין א גזלן, א רוצח, וואָס איך האָב דיר נישט געלאָזט קיין גט, על כל פּנים אויף א תנאי; אָבער גאָט אין הימל איז מיין עדות, אַז איך האָב דערצו קיין כח נישט געהאַט, קיין האַרץ נישט געהאַט, מיר דאַכט זיך, אַז ווען איך וואָלט דיר איבערגעלאָזט א גט, וואָלט איך. חס ושלום, געשטאָרבן אונטערוועגס פאַר יסורים; מיר זיינען דאָך א געטרייער, כשר'ער זווג; השם יתברך אַליין האָט אויס'ן זווג מסכים געווען. און איך בין צו דיר אָנגעבונדן מיט'ן גאַנצן האַרצן: איין נשמה אין צוויי גופים. און איך ווייס נישט, ווי איך וועל לעבן אָן דיר און אָן דעם קינד, זאָל געזונט זיין, אפילו איין מינוט. און טאָמער זאָגט דיר אימיצער, אַז איך האָב דיך געלאָזט, חס ושלום, אַן עגונה, גלויב נישט! דען איך שמואל משה, בין דיין מאַן, און וואָס איך האָב געטאָן האָב איך געמוזט טאָן. וואָרים וואָס טוט נישט א מענטש פאַר נויט...

חנה'שי, קרוין, ווען איך וואָלט פאַר דיר געקאָנט אויפרייסן מיין האַרץ, דו זאָלסט זען, וואָס דאָרט טוט זיך, וואָלט מיר אפשר א ביסל גרינגער געוואָרן.—אצינד, מיין כשר'ע נשמה, לייד איך גרויסע צרות! די טרערן גיסן זיך מיר פון די אויגן, אַז איך זע נישט, וואָס איך שרייב, און דאָס האַרץ קלעמט, און אין מוח דרייט זיך ווי א מיל... און עס קלאַפּט מיר א צאָן אָן א צאָן, און דער באַלעגאָלע, דער עם הארץ, שטייט איבער מיר און האקט אין טיש אריין און שרייט: פאָרן, פאָרן!

רבונו של עולם, האָב שוין אַמאָל רחמנות אויף מיר, אויף מיין ווייב חנה, זאָל געזונט זיין, און אויפ'ן קינד, איך זאָל נאָך פון אים אַמאָל נחת דערלעבן.

פון מיר, דיין טרייער מאַן, וואָס שרייבט אויפ'ן וועג אין קרעטשמע,

שמואל משה.

צווייטער בריוו

אשתי היקרה והאהובה.

וואס זאל איך רעדן, וואס זאל איך זאגן; איך זע בחוש, אז מן השמים האט מען מיך געהייסן פארן. אז דאס איז געווען א גאט־זאך. דאס האט ער מיר איינגעגעבן שכל, איך זאל אוועק קיין אמעריקע; אלץ וואס השם יתברך טוט לאזט זיך אויס צום גוטן.

מיין ליבע חנה! בשעת איך מאך צו די אויגן, דאכט זיך מיר, אז איך בין אין דער היים, און עס חלומ'ט זיך מיר פון עק וועלט! ווארום באמת, ווער וואלט געגלויבט, אז אזא בטלן, אזא מענטש און א צונג אין מויל ווי איך,—א מענטש, וואס קען קוים א צורת מטבע, זאל פארן מיט דער באן, לאזן זיך אויף א שיף איבער'ן ים און קומען בשלום קיין אמעריקע! אצבע אלהים!—גאט'ס השגחה איז עס... זיין ווילן נאר האט גובר געווען, אז איך האב געקענט איבערלאזן דיך מיט'ן קינד, זאל לעבן. השם יתברך זאל געבן, מיר זאלן נאך זוכה זיין אים מגדל צו זיין, לתורה לחופה ולמעשים טובים!

חנה'לע קרוין! איך האב מיך פריער אנגעזען גרוים וואונדער אויף דער יבשה. דאס איז אבער גאר נישט געגן דעם, וואס איך האב געזען אויפ'ן ים. אויפ'ן ים, האב איך פארגעסן אלץ וואס איך האב פריער געזען אויף דער יבשה, און אצינד, ביי די וואונדער אין אמעריקע, פארגעס איך ווייטער דעם ים!

און אויף דער שיף האב איך, אין דער התחלה, גרוים צער און עגמת נפש געהאט; טאקע אין לשער, נאר דאס אלץ איז אויך געווען לטובה, און איך גלויב, אז איך האב דאס אלץ איבערגעלעבט אין דיין זכות און אין זכות פון אונזער איינציג קינד!

חנה'לע, דו מוזט אדאי געדענקען לייב חזן, וואס איז אמאל, מיט עטלעכע יאר צוריק, געקומען צו אונז אין שטעטל אריין, און האט ביי אונז געדאוונט ימים נוראים. מוצאי יום־כפור, געדענק איך, האסטו מיר געזאגט, אז, צייט דו לעבסט, האסטו נאך אזא דאוונען נישט געהערט. איך געדענק נאך אפילו דאס לשון, ווי

דו האָסט מיר געזאָגט: ליב חזן צעשרייט זיך ווי א לייב און צעוויינט זיך ווי א קינד...

אויף מאָרגן, איז געוואָרן עפּעס א מחלוקת אין שטעטל. מען האָט ליב חזן נישט אין זינען געהאַט, נישט רעכט באַצאָלט; און ער איז, נעבעך, אַרומגעגאַנגען אין די הייזער... געדענקסט מיט א קליין מיידעלע, גנענדל האָט זי געהייסן. זי האָט נאָכגעזונגען דעם פאָטער׳ס ניגונים מיט איר קינדיש קול׳כל... אַז זיי זיינען אַריינגעקומען צו אונז, האָסטו אויף איר גרויס רחמנות באַקומען, האָסט זי גענומען צו זיך אויף דער שויס, געקושט אין קאָפּ, האָסט איר עפּעס געשענקט, איך געדענק שוין נישט וואָס, און האָסט זיך נאָך צעוויינט פאַר רחמנות אויף דער אָרימער יתומה אָן א מאַמען... דיך וואונדערט אפשר, וואָס איך געדענק אַזוי אַלץ?

זיי ווייסן, חנה׳לע קרוין, אַז איך געדענק אַלע דיינע זיסע רייד, אַלע דיינע תנועות, וואָס האָבן טויזנט חן געהאַט; שטענדיג שטייסטו מיר פאַר די אויגן! פאַרנדיג אויפ׳ן ים, האָט זיך מיר אויך וואָס אַמאָל געדאַכט, אַז דו שטייסט לעבן מיר, דאָס קינד האַלט זיך אָן ביי דיין פאַרטוך, און איך הער דיין קול און דעם קינד׳ס קול, און עס קלינגט מיר אין די אויערן מיט אַזאַ זיסקייט, וואָס איז גאָר נישט צו באַשרייבן.—

און אַצינדערט האָב איך זיך מיט דעם אייגענעם ליב חזן אויפ׳ן וועג געטראָפן. נישט צו זינדיגן מיט די רייד, איז דער ליב חזן גאָר אין גאַנצן אַראָפּ פון וועג! גאָר, גאָר...

אויף דער שיף האָט ער נישט שטאַרק געקוקט, יאָ כשר נישט כשר; טרינקען טרינקט ער ווי נישט קיין איד... איבער דער גאַנ־צער צייט האָב איך אים נישט געזען אין טלית און תפילין... אָדער ער זאָל בענטשן נאָכ׳ן עסן... גיין גייט ער אָרום גאַנצע טעג אָן א היטל... און לאַ די, וואָס ער אַליין איז אַזוי, פירט ער נאָך די טאָכטער אין זיינע דרכים... די דעמאָלטיגע גנענדל וועט היינט אַלט זיין א יאָר זיבעצן, וואָלסטו זען — א פּאָרטרעט! און ער הייסט איר, זי זאָל זינגען און טאַנצן פאַר די פּאַסאַזשירן פון שיף, און זי זינגט אויף כמה וכמה לשונות, רחמנא לצלן. לייט הערן און

פאטשן מיט די הענט פאר נחת, און שרייען, דאס גוטע־יאר ווייסט זיי וואס! און עס גייט צו אויסגעלאסן און פארשייט, אז — חלשות!

צום אלעם ערשטן, וואס זאל איך לייקענען, האב איך מיך מיט זיי זייער דערפרייט. פארט, טראכט איך, היימישע מענטשן, איך וועל שוין נישט ארומגיין אזוי עלנט, אזוי איינער אליין. האב איך דערנאך אבער געהאט גרויס שברות הלב; איך האב נישט געקאנט צוזען זיין התנהגות מיט דער טאכטער. און טייל מאל האט מיך געשניטן אין הארץ, ווי א איד א בעל־תפילה, וואס פלעגט שטיין פאר'ן עמוד, זיין א שליח פון כנסת־ישראל פאר'ן רבונו של עולם, רעדט גאר פשוט נבול־פה, אז די גאל קערט זיך איבער. און א קול האט ער, איז עס דורכגעברענט פון בראנפן...

איז דאך גוט, נעמען זיי זיך נאך צו מיר און ווילן מיך מאכן פאר א לייט! חוזק מאכן זיי פון מיר אויף דער שיף! מען הערט נישט מער נאר: בטלן, שוטה... ער צופט מיר די פאות, זי רייסט די ציצית פון טלית־קטן און די גאנצע שיף האט מיט מיר צו טאן!

און וואס פארדריסט זיי? וואס איך בין אזוי אפגעהיטן פון טרפות, וואס איך וויל בעסער פאסטן, איידער עסן פת עכו"ם.

דו ווייסט דאך, אז איך האב מיך פיינט צו קריגן, רוק איך זיך אפ אן א זייט, באהאלט מיך אין א ווינקעלע! און וויין מיר אויס דאס הארץ אין דער שטיל...

דער עולם געפינט מיך אבער און מאכט פון מיר לייטן־געלעכ־טער. איך האב געמיינט, עס איז קיין עק!

ערשט אצינד, אין אמעריקע, זע איך, אז דאס אלץ איז געוועזן א גאט־זאך!

אז דאס האט מיר גאט, מיט זיין גרויס חסד, אנגעגרייט לייב חזן מיט דער טאכטער אין אמעריקע, ווי ער האט אנגעגרייט יוסף'ן פאר זיינע ברידער אין מצרים.

ווארום, וואס וואלט איך אן זיי געטאן! א מענטש אן לשון, אן א מלאכה, נישט וויסנדיג, וואו א טיר עפנט זיך!

און לייב חזן איז דא א גאנצער בן בית. ענגליש רעדט ער ווי

א וואַסער. תיכף, אַזוי ווי איך בין נאָר געקומען, האָט ער מיך אַריינגעפירט אין א ציגאַרן־פאַבריק, און—איך אַרבעט און פאַר־דין שוין!

דערווייל וואוינען מיר אפילו אין איין דירה. ווארום, פרעג מיך בהרם, ווי אַזוי מען גייט דאָ דינגען א דירה!

אויך זיינען זיי, — טאַקע גאָט'ס חסד, בנוגע צו מיר, גאָר אַנ־דערש געוואָרן.

גנענדל מאַכט שוין נישט חוזק אוים מיינע באָרד און פאות, און האַלט זיך פון מיר פון ווייטנס, ווי עס פאַסט פאַר א אידישער טאָכטער. זי קאָכט פאַר אונז ,און דאָס איז זייער וויכטיג, הגם קיין פלייש עס איך נישט, נאָר אייער, און טיי טרינק איך אָן מילך. וואַשן וואַשט זי אויך.

פון דעם איז זיך באמת א מוסר אַרויסצולערנען, אַז טאַקע וואָס דער רבונו של עולם טוט, טוט ער צום גוטן.

און ווייסט, ווי אַזוי עס האָט זיך אַלץ איבערגעדרייט צום גו־טן? גאָר פשוט: אין דיין זכות!

נאָך אויף דער שיף, אַז איך האָב געזען, אַז איך וועל עס פון זיי נישט אויסהאַלטן, האָב איך מיר געמאַכט א האַרץ און בין צו־געגאַנגען צו גנענדל'ען, און געזאָגט איר, אַז איך בין דיין מאַן. איך האָב איר דערמאָנט דעם נאָך יום־כפור, ווען זיי זיינען ביי אונז אין שטוב געוועזן, ווי אַזוי דו האָסט זי מקרב געוועזן, גענומען אויף דער שוים, און אַזוי ווייטער...

תיכף ומיד איז זי אַנדערש געוואָרן. זי האָט אויף מיר רחמנות געקראָגן, די אויגן זיינען איר מיט טרערן פאַרלאָפן. זי איז באַלד צוגעלאָפן צום פאָטער און האָט מיט אים איבערגעשמועסט די זאַך, און באַלד איז געוואָרן א שלום.

תיכף האָבן זיי געבעטן דעם שיפס־קאַפּיטאַן, ער זאָל מיך הייסן בעסער באַהאַנדלען. און אַזוי איז געווען!

איך האָב אָנגעהויבן צו באַקומען ברויט, וויפיל מיין האַרץ האָט געגלוסט, און טיי, וויפיל איך האָב געוואָלט. די שיפס־לייט,

האָבן מיך אויפגעהערט צו פּייניגן, איך האָב אָנגעהויבן אָפּצו־אָטעמען.

דאַרפסטו פאַרשטיין, וואָס פאַר א חשובה די גנענדל איז געווען ביי די לייט! און עס איז קיין וואונדער נישט; ערשטנס, איז ביי זיי דער עיקר א יפת תאר; פאַר א יפת תאר וואָלטן זיי אין ים אַריינגעשפּרונגען. צווייטנס, איז גנענדל זייער א גוטע בטבע, און האָט חן ביי לייט, דעם זיבעטן חן!

אצינד, מיין גאָלדן ווייבעלע, וועל איך דיר אָנזאָגן א בשורה טובה:

לייב חזן זאָגט מיר צו, אַז איך וועל פאַרדינען, לכל הפּחות, ביז צען דאָלאַר א וואָך.

איך רעכן זיך אַזוי צו פירן: א העלפט,—פינף דאָלאַר, וועל איך דיר שיקן, און פינף וועל איך מיר באַהאַלטן. דערפון וועל איך לעבן, און וועל מיר נאָך אָנזאַמלען צו קויפן ש"ס; משניות'־לעך האָב איך מיטגענומען. עס איז ביי מיר געבליבן, איך זאָל יעדע וואָך לערנען, לכל הפּחות, צען בלאַט גמרא. קיין טלית וועל איך דערווייל נישט קויפן, ווייל איך דאַוון לעת עתה אין לייב חזן'ס טלית... ווארום לייב חזן האָט מיטגענומען א טלית.

צו וואָס, אפילו, ווייס איך נישט. דאַוונען דאַוונט ער נישט א וואָרט!

איך רעד מיר איין אַז דאָס איז אויך מן השמים; מען האָט'ן געהייסן פירן פון מיינעטוועגן א טלית.

און אפשר רעכנט ער צו דאַוונען דאָ ימים נוראים פאַר'ן עמוד? עס גייט צו ימים נוראים! איך ווייס? אין אַמעריקע איז אַלץ מעגלעך! דאָ איז א פאַרקערטע וועלט!

און דער עיקר — איין דאָלאַר וועל איך באַהאַלטן, און זאַמלען מיט השם יתברך'ס הילף, פאַר דיר מיט'ן קינד אויף הוצאות, איר זאָלט דאָ ביידע קומען אהער. ווארום איך זע בחוש, אַז עס איז, השם יתברך'ס רצון, איך זאָל שוין בלייבן דאָ אין אַמעריקע, און דער רבונו של עולם ווייסט בעסער וואָס עס איז גוט פאַר א מענטש.

ווייסט, וואָס איך וועל דיר נאָך זאָגן? אַז אצינד בין איך

שוין נישט מער אין כעס אויף דיין ברודער דעם גזלן; ווייטער דאָס אייגענע: איך זאָג, אז דאָס איז אויך מן השמים! אנדערש קען גאָר נישט מעגלעך זיין, א מענטש זאָל האָבן אזא גזלנ'יש הארץ געגן אן אייגענער שוועסטער.

נאָר דאָס אַליין האָט נעפּירט, איך זאָל אנטלויפן קיין אמעריקע, און דיך אהער נעמען. און אז גאָט וועט מיר העלפן, איך וועל קומען צו עפּעס געלט, וועל איך אים נאָך, דעם ברודער דיינעם, אויך באַהילפיג זיין. ער איז א קבצן, זאָג איך דיר, איך זע דאָך: וואָס ביי אונז הייסט א גביר, הייסט דאָ, אין אמעריקע—א שלעפּער!

איך ענדיג דעם בריוו, איך מאַך דאָס מאָל בקיצור, הגם, איך האָב נאָך א סך, א סך צו שרייבן. ווייל איך האָב מורא, לייב חזן מיט גנענדל'ען זאָלן נישט אריינקומען צו מיר אין שטוב; איך וויל נישט, זיי זאָלן זען, וואָס איך שרייב דיר. און איך שרייב דיר, און איך בעט דיך זייער, דו זאָלסט מיינע בריוו נישט ווייזן קיין שום בן אדם! וואָס דאַרף א פרעמדער וויסן, וואָס ביי אונז קומט פאָר?

און איך האָלז און קוש דאָס קינד, זאָל לעבן! גיב אים אויך אויף מיין חשבון צען טויזנט הייסע קושן,—הערסט?

שמואל משת.

דריטער בריוו

אשתי האהובה!

איך געדענק, דאָס ערשטע מאָל, אז יוחנן שוסטער איז אוועק פון אונז קיין אמעריקע, האָט מען אָנגעהויבן שטאַרק וועגן אמעריקע צו שמועסן; ווי אזוי מען פירט זיך דאָרט, ווי עס גייט צו. מען האָט געפרעגט, אויב מען גייט דאָרט נישט אויפ'ן קאָפּ. און, אמת איז, אז דאָ איז א פאַרקערטע וועלט! קיין שום סדר; בלויז קולות מיט געוואַלדן, ווי ביי אונז אין קצב'ישן מנין! שטעל דיר פאָר, אז ביי אונז, למשל, זאָל קומען פלטיאל דער

וואַטענמאַכער און יוסל דער גאַרבער, און זאָגן, אַז דער רב אונ־זערער איז נישט קיין למדן; ווייס איך, אַז ער איז נישט בקי אין גטין וקדושין; אָדער גאָר, אַז זיי געפעלט נישט דער ראש הקהל! הכלל — זיי ווילן אַן אַנדער רב, צי אַן אַנדער ראש הקהל! נו, נו, וואָלט מען זיך נישט געהאַלטן ביי די זייטן?

און דאָ, אין אַמעריקע, האָבן אַרבעטער, ציגאַרן־שניידער, אַזוינע ווי איך, אין אַלעם אַ דעה! — זיי מאַכן מיט ביי דער קלפי, מישן זיך ביי די בוררים, און טרעף וואָס זיי קלייבן אויס? —אַ פּרעזידענט!

און וואָס, מיינסטו, איז אַ פּרעזידענט?

אַ פּרעזידענט איז, נישט מער, נישט ווייניגער, ווי אַ ראש וראשון איבער דער גאַנצער מדינה! און, ווי איך האָב דאָ גע־הערט, איז אַמעריקע צען מאָל אַזוי גרויס ווי גאַנץ אייראָפּע! פאַרשטייסט אַן עסק? היינט שטעל דיר פאָר מיין שרעק, אַז איך זיץ מיר אַזוי נעכטן ביינאַכט אין שטוב, האָב אין זין די היים, און מיטאַמאָל עפנט זיך די טיר, און עס קומען אַריין צוויי אַרבע־טאָרער, וואָס שטייען מיט מיר ביי איין מאַשין, און—אחינו בני ישראל! און זיי לעגן מיר פאָר צוויי נעמען, איך געדענק שוין אפילו נישט וואָס פאַר אַ נעמען, און זאָגן מיר, אַז איך בין אויך אַן אַרבעטער, און מוז זען, מען זאָל אויסקלייבן אַ פּרעזידענט, וואָס זאָל זיין גוט פאַר אונזער קלאַס.

און זיי דערציילן מיר, אַז איין פּרעזידענט האַלט פאַר די רייכע לייט, און טרעט מיט די פיס די אַלע, וואָס לעבן פון זייערע צען פינגער; און דער צווייטער, טאַקע דער וואָס זיי ווילן אויסקלייבן, איז גאָר אַ דימענט; ער האַלט שטאַל און אייזן פאַר אַרבעטער, און די גראָבע בייכער רודפ'ט ער מיט אַ שרעקלעכער שנאה! און נאָך אַזעלכע נאַרישקייטן, וואָס איך האָב שוין גאָר נישט פאַר־שטאַנען.

אין האַרץ האָב איך זייער געלאַכט, נאָר פון שלום וועגן, — עס פּאַסט דאָך נישט, מבייש צו זיין קיין מענטשן, — האָב איך זיי געטאָן די טובה און צוגעשאָקלט מיט'ן קאָפּ אויף יאָ!

אגב, האָב איך טאַקע געוואָלט, זיי זאָלן וואָס גיכער ארויס פון שטוב, איך זאָל מיך שוין קענען זעצן שרייבן צו דיר דעם בריוול. נו, זאָג אַליין, איז דאָס נישט א משוגעת?

נאָך זייערע רייד נאָך קומט אוים, אַז עס וועט ווערן פרעזידענט דער, וואָס זיי ווילן, וועל איך פאַרדינען צען דאָלאַר, און, חס ושלום, ווערט אן אַנדערער פרעזידענט, וועל איך פאַרדינען נאָר ניין, און אפשר אַכט!

און לייב חזן זאָגט, אַז ער פאַרשטייט די פּאָליטיק! אַז אין דעם שטעקט א שכל! און, אַז איך וועל דאָ זיין, זאָגט ער, א לענגערע צייט, וועל איך קריגן א ידיעה אין פּאָליטיק. מילא, זאָל זיין אַזוי, שאָקל איך אים אויך צו מיט׳ן קאָפּ, טראַכט איך מיר: נכנס יין יצא שטות — האָט גענומען אן איבעריגן טראָפּן, רעדט ער פון וועג! האָט ער מיר אָבער געשוואָרן, אַז בשעת קלפּי, לעבט ער דערפון און עס בלייבט אים נאָך וועלכער גראָשן אויף שפּעטער; פאַרשטיי איך טאַקע נישט, ווי אַזוי!

נאָר אַלע נאַרישקייטן אַוועקגעלעגט: נישט אונזער זאַך! זאָל זיין דער, זאָל זיין יענער פרעזידענט, פון דעם וועט אונזער מזל נישט אויפשיינען.

די מעשה איז: אַז גאַנץ אָפט פאַל איך אַריין אין א מרה־שחורה און די טרערן קאַפּען מיר פון די אויגן אויף די ציגאַרן־בלעטער, וואָס איך שנייד; און ביינאַכט שלאָפט זיך נישט, ווי עס דאַרף צו זיין!

טייל מאָל הויבט מיר אָן קלינגען אין די אויערן; גאַנצע טעג האָב איך קאָפּ־ווייטאָג... און צו דעם אַלעם איז קיין בעסערע רפואה נישטאָ, נאָר צו נעמען פאַפּיר, טינט און פעדער, און צו שרייבן א בריוועלע צו מיין גאָלדענער חנה.

מיין טייערע ווייבעלע! איך קען פון דיר קיין זאַך נישט האַל־טען בסוד. איך מוז דיר אַלץ דערציילן: איך לערן נאָך דרייי״ משניות; קיין ש״ס האָב איך נאָך נישט געקויפט! און ווייסטו פאַרוואָס? ווייל איך האָב געמוזט מאַכן גאָר אַן אַנדער הוצאה.

זיי ווייסן, מיין גאָלדענע חנה, אַז אומעטום איז איין וועלט.

הגם מען שרייט דאָ אַלץ אין איינעם: פרייהייט, פרייהייט, איז דאָס אַלץ ווערט א ציבעלע! מען האָט דאָ אויך פיינט א איד! דאָ איז מען אפשר נאָך מער מבזה דעם צלם־אלהים פון א איד! הינט, וואָס זאָלן ארומלויפן אין גאַסן, זאָלן בילן און רייסן אידישע פּאָלעס איז נישטאָ, אָבער קיין לאָביסעס פעלן דאָ אויך נישט. קוים דערזעען זיי א קאַפּאָטע, ווערט א געשריי: דזשיו, דזשיו! אויף זייער לשון איז דאָס פונקט דאָס אייגענע, וואָס ביי אונז „זשיד". און זיי וואַרפן נאָך שטיינער און בלאָטע; בלאָטע פעלט דאָ אויך נישט, ברוך השם! וואָס האָב איך געזאָלט מאַכן? האָב איך געטאָן דאָס זעלבע, וואָס אַלע אידן טוען דאָ. איך האָב ארונטערגעמאַכט די פּאות אונטער די אויערן, האָב מיר געקויפט אויף אויסצאָלן ראַטעס־ווייז (אזא מנהג איז דאָ), דייטשע בגדים. —האָסטו אן עק פון געלט! און אויך דו, חנה'לע, אז דו וועסט, אם ירצה השם, קומען, וועסטו דיר אויך מאַכן אנדערע קליידער; ווארום א מנהג איז מבטל א דין, און דאָ איז מען זיך אזוי נוהג!

און וואָס דו שרייבסט, אז גנענדל געפעלט דיר נישט, פאַרשטיי איך נישט פאַרוואָס? וואָס דו האָסט דאָ צו איר? אויך בין איך נישט מחויב די וועלט מחזיר למוטב צו זיין. חוץ דעם, בין איך זיכער, אז זי טוט דאָס אַלץ דער ביטערער פרנסה צוליב! בטבע איז זי אזא כשר'ע נשמה, ווי אַלע אידישע טעכטער. א גאַנצן טאָג, אז איך מיט לייב חזן זיינען מיר אין פאַבריק, קאָכט זי און וואַשט און קערט די שטוב. אָוונט־צייט, גייט זי ערשט, צוזאַמען מיט'ן פאָטער, אין זייערע ערטער, וואו זי זינגט און שפּילט, און טאַנצט, פאַר'ן עולם. איך זיץ מיר אין דער היים, לערן תורה און שרייב צו דיר. געגן האַלבער נאַכט קומען זיי. טרינקען מיר צוזאַמען טיי און מען גייט שלאָפן.

און דאָס, וואָס דו שרייבסט, אז דיר דאַכט זיך, אז גנענדל האָט דאָס געמוזט צו'גנב'ענען דעם לעפל, וואָס האָט אונז דעמאָלט גע־פעלט, דאָס איז שוין גאָר קיין ווערטער נישט.

גנענדל איז אפשר נישט אזוי פרום אין אמונה זאכן. אָבער אזוי, א פרעמדנס, חס ושלום, וועט זי נישט רירן! און, חלילה

וחלילה, זי זאָל זיך דערפון נישט דערוויסן! זי באהאנדלט מיך ממש ווי אן אייגן קינד; פרעגט מיך אַלע מאָל, צי איך ברויך נישט א וויים העמד, צי וויל איך נישט נאָך א גלאָז טיי!

און באמת איז זי א וואויל קינד. אַלץ וואָס זי פאַרדינט, גיט זי אַוועק דעם פאָטער; היינט וואָלסטו זען, ווי זי האַלט אים בכבוד, הגם ער איז עס נישט ווערט! כאָטש ער קומט אמאָל אהיים פריילעך, גאָר פריילעך און רעדט פאַר פייער, פאַר וואסער!

אויך האָט מיר לייב חזן בפירוש געזאָגט, אז ער זאמלט איר נדן, און קומט ער צום ערשטן טויזנטער, זוכט ער איר אוים א חתן, און פירט זי אונטער דער חופה כדת משה וישראל! און זי וועט זיך שוין נישט רייסן דעם האַלז פאַר א פרעמדן עולם! איך וויים נישט, צי ער מיינט עס ערנסט, נאָר — הלואי! זאָל אים גאָט העלפן, ער זאָל עס דערגרייכן; זאָל זי אַוועקוואַרפן די מיאוס'ע פרנסה.

גנענדל איז אפילו דערביי געווען און זי האָט זיך גערויטלט פאַר בושה, ווי עס פאַסט פאַר אן אמת־אידישער טאָכטער; אפנים זי איז אויך מסכים.

בעט איך דיך דעריבער זייער, מיין ליבע חנה'לע, דו זאָלסט זיך דערוויטערן פון לשון הרע און רכילות. דאָס איז גאָר קיין מנהג נישט, קיין יושר נישט; דאָס פאַסט פאַר קליינשטעטלדיגע ווייבער. און דו, גאָלדענע חנה'שי, דאַרפסט קומען אין אמעריקע. דאָ זיינען די ווייבער גאָר אנדערש; געזעצטער, ערנסטער און — פאַרנומענע מענטשן ווי די מאַנסבילן.

און, צוריק געשמועסט, איז דיין שמואל משה קיין שניידער נישט, קיין שוסטער נישט, ער זאָל אַוועקוואַרפן א ווייב פאַר אן אנדערטוועגן. דו טאָרסט עס גאָר נישט טראַכטן! דאָס איז פאַר מיר גלאַט א חלול הכבוד! און זיי ווים, אז דיינע רייד שטעכן מיר ווי מיט מעסער; און לייב חזן מיט דער טאָכטער זאָלן זיך דאָס דערוויסן, וואָלטן זיי מיך פאַרלאָזט. איך וואָלט געבליבן איי־נער אַליין ווי אין א מדבר. עס וואָלט א פאַל געווען אומצוקומען,

ווארום דאָס לשון קען איך נאָך נישט, קוים איינציגע ווערטער און ווייס נאָך נישט, וואו אוים און וואו איין.

און אַצינדערט בעט איך דיך, און בעט דיך זייער, מיין ליבע חנה, זאָלסט נעמען דאָס קינד ביים הענטל, און זאָלסט מיט'ן הענטעל איבערגיין אויפ'ן פּאַפּיר, ער זאָל מיר עפּעס צושרייבן; לאָמיך פון אים זען כאָטש א צורת אות! רבונו של עולם, וויפיל מאָל שטעל איך מיך אוועק אין א זייט, איינער אַליין אין א ווינקעלע, און וויין מיך גאַנץ גוט אוים! און אויף וואָס וויין איך? אויף דעם, וואָס איך בין נישט זוכה צו לערנען מיט מיין קינד תורה! האָב איך ווענינ הארצווייטאָג דערפון, קומען נאָך די בריוו דיינע, און שיטן מיר זאַלץ אויף די וואונדן. אָט, היינט האָט מיך לייב חזן געבעטן, און גנענדל, דאָ הייסט זי סאָפּיא, האָט אויך צוגעשאָקלט מיט'ן קאָפּ, איך זאָל גיין מיט זיי הערן ווי זי זינגט, און זען ווי זי טאַנצט, און איך האָב נישט געוואָלט; האָט לייב חזן ווייטער געזאָגט: נארישער חסיד, זי האָט פארצויגן מיט'ן נעזל; נאָר מיין דאגה; איך וועל מיר גיין אין מיין דרך און וועל נישט אראָפּ אויף א האָר!

בלייב געזונט, דו און אונזער קינד, ווי עס ווינטשט דיר, דיין מאַן,

שמואל משה.

זע למען השם, די זאַך וועגן די קליידער זאָל בלייבן בסוד. עס זאָל דערפון ביי אונז אין שטעטל, קיין ילוד איש נים ווימן, איך וואָלט מיך געשעמט די אויגן אויפצוהויבן.

בעלך שמואל משה הנ"ל.

פערטער בריוו

אל אשתי הצנועה מרת חנה תחיה.

אין צען בריוו, האָב איך גנענדל'ס נאָמען נישט געבערענגט איבער'ן מויל, איך האָב אפילו, דעם פאָטער אירן, לייב חזן, נישט

דערמאָנט. מיט גרוים מי האָב איך מיר געדונגען אַן אַנדער דירה, ביי א היגן שוחט און האָב זיי שוין כמה וואָכן נישט געזען. און דו הערסט גאָך אַלץ נישט אויף צו שרייבן גנענדל און גנענדל, און סאָפיע און סאָפיע! און וואָס ווילסטו פון איר? וואָס? איך זאָל אַזוי געזונט זיין, אויך זאָלן מיר אַזוי זוכה זיין צו זען זיך, צוזאַמען מיט'ן קינד, אין פריידן, ווי איך האָב אַליין געזען, ווי סאָפיע איז אַריינגעקומען צום פאָטער אין פאַבריק, און עס איז צוגעגאַנגען דער דירעקטאָר אַליין, און האָט אָנגעהויבן מיט איר צו צו איר צוגעגאַנגען דער דירעקטאָר אַליין, און האָט אָנגעהויבן מיט איר צו רעדן, חנ'דלעך צו מאַכן; און, הגם איך האָב נישט פאַר־שטאַנען, וואָס ער רעדט צו איר, ווייס איך דאָך, אַז ער האָט געמיינט נישט קיין מצוות און מעשים טובים, און האָט זי נאָך געוואָלט אָנ־נעמען ביי א באַק. נו, וואָס קלערסטו? איך בין נבהל ונשתומם גע־וואָרן, אַזאַ פּאַטש האָט זי אים דערלאַנגט איבער דער האַנט! און, האָסט נאָך געוואָלט זען, מיט וואָס פאַר א גאוה זי האָט זיך פון אים איבערגעדרייט און אוועקגעגאַנגען. איך האָב מיך פשוט מחיה געווען...

זעסטו דאָך בחוש, אַז נאָך אַלע זאַכן איז גנענדל א כשר קינד, און דו ביזט אויף איר מוציא לעז בחנם. דו שרייבסט, אַז זי וויל מיך אַריינכאַפּן ווי א פיש אין א נעץ אַריין און נאָך אַזעלכע נאַ־רישקייטן, — שווערן קען איך דיר, יום־כפור ביי א ספר תורה, אַז עס איז א שקר. און דאָס דיר צוליב דערוויטער איך מיך פון איר, מייד זי אויס ווי ווייט מעגלעך איז. טרעפט מען זיך, ענטפער איך איר אויף הונדערטער ווערטער מיט א שאָקל מיט'ן קאָפּ. און ווייטער דאָס זעלבע: באמונה שלי, אַז דו ביזט זי חושד גאָר אומ־זיסט; דו זינדיגסט, חס ושלום, פאַר גאָט! נאָר דאָס איז גאָר־נישט, איך וואָלט עס, ווי אַלע מאָל, פאַרשוויגן, איז אָבער דערפון אַרויסגעקומען א מעשה, וואָס—גאָט זאָל שומר ומציל זיין! איך וואָלט בעסער געוואָלט, די ערד זאָל מיך איינשלינגען, איידער אַזאַ בושה!

ביי דער אַרבעט איז מיר איינמאָל, יענע וואָך, נישט גוט גע־

וואָרן; עפּעס האָט מיר אָנגעהויבן שווינדלען פאַר די אויגן. איך האָב אָנגעהויבן חלש'ן. אַז איך בין צו זיך געקומען, בין איך שוין געלעגן ביי מיר אין שטוב אויפ'ן בעט. ביים בעט איז גע־שטאַנען א דאָקטאָר. געזאָגט האָט ער, אַז עס איז א פיבער, — אַזוי רופט מען דאָ קדחת. אָפּגעלעגן בין איך א טאָג צען. און איבער דער גאַנצער צייט איז ליִב חזן נישט אָפּגעטראָטן פון מיין בעט, און האָט מיך געראַטעוועט ווי אַן אייגן קינד. שפּעטער בין איך געוואָר געוואָרן, אַז, ווען איך בין געלעגן אין היץ, פלעגט סאָפיע אויך קומען מיך מבקר חולה זיין... און פונקט דעמאָלט איז איינמאָל אָנגעקומען דיינס א קאַרטל, אין וועלכן דו האָסט אויסגעגאָסן דיין ביטער האַרץ אויף דער אומשולדיגער סאָפיע... זיי האָבן אודאי און אודאי די קאַרטע געלייענט, ווארום איך בין דאָך געלעגן אין דער היץ...

און, ווען דו האָסט געשריבן דיינע מיאוס'ע רייד, דיינע זלזולים, די בלבולים דיינע, האָבן זיי דאָ פאַר מיר כמעט דאָס לעבן געשטערעקט... גערופן דאָקטוירים, געבעט און איבערגעבעט, רפואות דערלאַנגט און עטלעכע אייגענע חפצים פאַרזעצט, עס זאָל זיין מיט וואָס צו ראַטעווען. א פלאַש וויין אפילו האָבן זיי מיר געבראַכט. איך האָב זי אפילו נישט אָנגערירט מיט'ן מויל: אמת נסך! נאָר זיין מיין איז דאָך גוט געווען... אחוץ דעם פלעגן זיי מיר דריי מאָל אין טאָג מעסטן מיט א גלעזערן רערל די היץ, אַזוי הייסן דאָ די דאָקטוירים... און ווער האָט מיר דאָס אַלץ דער־ציילט? טאַקע דער שוחט מיט'ן ווייב; זיי האָבן מיר דאָס אַלץ דערציילט. ווען נישט ליִב חזן און סאָפיע, וואָלסטו שוין היינט, חס ושלום, אַן אלמנה געווען! שרייבסטו אין דער אייגענער צייט אַזוינע נאַרישע הבלים. פע, א חרפּה און א שאַנד! איך ווייס נאָר נישט, ווי דו וועסט קענען קומען קיין אַמעריקע, ווי דו וועסט גאָר קענען זיין אין אַמעריקע!

איך האָף, מיין ליבע חנה'לע, אַז דו וועסט אַוועקוואַרפן די נאַרישקייטן, און פון היינט מאָל אָן, וועסטו מיר שוין דאָס לעבן מיט אַזוינע בריוו נישט פאַרביטערן.

אָפּט שלאָף איך נישט ביינאַכט. דאַכט זיך מיר דעמאָלט, אַז איך זע בחוש, ווי דו זיצסט דאָרט ביים טיש און שרייבסט צו מיר א בריוו. דו שרייבסט און מעקסט, שרייבסט און מעקסט, און איך זע דעם בריוו. אָבער פון וויטן דערקען איך נישט די אותיות און איך האָב גרויס צער דערפון, וואָס איך קען דעם בריוו פון דער וויטן נישט לייענען, און דו נעמסט די פעדער, לעגסט זי דעם קינד אין דער הענטל אריין, — אויף דער שוים אַרויף האָסטו עס גע־נומען, — און פירסט מיט זיין הענטל!

און דו זעסט, מיין ליב ווייב, אַז איך שיק דיר וואָך ביי וואָך פינף דאָלאַר; אַז איך קום אויס מיט אַזוי וועניג. און אינגאַנצן האָב איך נישט מער, ווי דריי העמדער; ווארום בעטן סאָפּיע׳ן, זי זאָל מיר קויפן, קען איך נישט. און די שוחט׳קע איז א יולדת און גייט נאָך פון בעט נישט אַראָפּ, און מאָרגן וועט זיין, אם ירצה השם, דער ברית מיט מזל...

יאָ... נישט דאָס אָבער מיין איך. דער עיקר איז — זיי א מענטש, פאַר זיך און פאַר מיר, דיין מאַן,

שמואל משה.

א צושריפט אין דער זייט איבער דער גאַנצער לענג פון בריוו:

די מינוט באַקום איך פון דיר ווידער א בריוו. אַצינד מיין חנה׳לע זאָג איך דיר שוין בפירוש און בפרוטרוט, אַז דאָס איז א פּשוט׳ער שגעון, רחמנא לצלן! טאַקע, ווי מען זאָגט, מויל און אויערן אויפצושטעלן, אויף וואונדער צו לויפן! דו שרייבסט, אַז ד קענסט דיר אויך לאָזן וואַקסן צעפּ און רעדן מיט פּריצים, אַז דו קענסט אויך זינגען און טאַנצן — און, אַז דו וועסט צופוס אַוועק־גיין צום רבי׳ן און אָפּגעבן א קוויטל, ער זאָל שיקן א מיתה משונה אויף מיר און אויף זיי — — —

וואָס שרייבסטו? וואָס איז עס פאַר א דיבורים?

רבונו של עולם, וואָס איז מיט דיר געוואָרן?

איך קלער און קלער און וויים שוין נישט וואָס צו קלערן! איך זאָג דיר מיין עצה: זאָלסט אַוועקוואַרפן דיין לשון הרע, מיט׳ן רכילות מיט די קללות! עס פּאַסט נישט פאַר דיר! און איך זאָג

דיר, בלי נדר ובלי מסקנא, אז באם דו וועסט מיר נישט גיך און באלד שרייבן א בריוו, ווי א כשר אידיש ווייבל דארף שרייבן, וועל איך דיר פשוט נישט ענטפערן; איך וועל שיקן א שליח מיוחד נאכ'ן קינד אן דיר... הערסט? אז נישט... וועל איך מיךווארפן אין ים אריין!... עס איז א פאל, חס ושלום, משוגע צו ווערן!
דיין מאן, הנ"ל.

ג) צוויי בריוו, וואס חנה האט באקומען פון איר קרובה פון לובלין און פון איר ברודער.

ערשטער בריוו

ידידתי, שארת בשרי, האשה הצנועה והחשובה, מרת חנה תחיה.

ליבע חנה! דו ביזט געווען א גאנצער נאר און א האלבער נביא, אז דו האסט מיר געשיקט א צווייטן בריוו! ווארום דער ערשטער בריוו איז אריינגעפאלן מיין זולל וסובא אין דער האנט אריין; ער האט אים אריינגעלעגט צו זיך אין קעשענע, און, ברוך השם, פארגעסן, אפצוגעבן! אזוי איז זיין שטייגער, אחוץ פרעסן און זויפן ליגט אים גארנישט אין זינען. נאר, אז איך האב באקומען דעם צווייטן בריוו, איז מיר באלד איינגעפאלן, צו זוכן ביי אים אין קעשענע. און, אז מען זוכט, געפינט מען.

חנה'לע קרוין! לעזנדיג דיינע צוויי ביטערע בריוו. האב איך געמיינט, אז מען שלאגט מיך מיט א האק אין קאפ אריין. פאר גרוים צער האב איך נישט געוואוסט, וואו איך בין אין דער וועלט. תיכף ומיד האב איך מיר אבער בארואיגט. איך האב מיר אזוי געטראכט: למשל, ווען מיין משוגענער מאן וואלט געוואלט עוקר זיין קיין אמעריקע — נו? וואלט איך דאך מיר געמאכט סעודת פורים, געלאזט זיך קלעזמער שפילן!

ווארום באַרעכן: די גאנצע פרנסה מיינע איז, ווי דו ווייסט, פון פעסל סמאלע. דארף איך, ברוך השם, נישט זיין לאסקע.

במילא, קען איך גאָרנישט פאַרטראָגן זיינע תנועות און העויות, אַז ער קומט צו מיר אין געוועלב אַריין.

א אידענע, ענטפערט ער נישט, דער חסיד! נעמט נישט אוים דער האַנט! און, זאָגט ער אַמאָל א קונה, א מאַנסביל, א מקח, איז עס טאַקע אונטער׳ן קרן! נעמט ער געלט, נאָרט מען אים אַריין פאַלשע און אָפּגעריבענע מטבעות! טוט ער מיר שוין די טובה, און נעמט א שטיקל קרייט אין האַנט אַריין, און מאַכט א חשבון! זאָל מען מיר אַזוי רעכענען מיינע זינד אויף יענער וועלט, ווי ער באַרעכנט מיין סחורה!

און דאָס, וואָס דיין מאַן, האָט דיר נישט איבערגעלאָזט קיין גט, איז מיר גאָר קיין גרוים וואונדער נישט; ווארום מיין מאַן דער משוגענער, לעקט ביי מיר נישט קיין האָניג, ווייל מיר אויך קיין גט נישט געבן! און צו וואָס זאָל ער מיר געבן א גט? עס פעלט אים עפּעס ביי מיר? ער האָט זיך זיין פיינע דירה, קומט ער אַהיים, איז גרייט א וואַרעמעס, דאָס בעט איז געבעט צו דער צייט, משבת לשבת — א ווייס קלאָר העמד? פיל מאָל איך בעט אים מיט גוטן, ער זאָל גיין צו אַלדי רוחות, און ער—גאָרנישט! ער זאָל זיך עס א ריר טאָן! און אַז איך שילט אים אָדער וואַרף אים עפּעס אין קאָפּ אַריין, רוקט ער זיך אָפּ אין א ווינקל, מאַכט א רחמנות פּנים, נעמט נאָך אַמאָל מים אויף די עינים; און איך נאָר קריג אויפ׳ן רחמנות! גיב אים נאָך עסן און טרינקען, און ער גייט זיך אַוועק!

און וואָס דו שרייבסט מיר וועגן דיין משפּט, זיי וויסן, שוועס־טער חנה, אַז איך האָב דאָ אַן אַדוואָקאַט גאָר א מפורסם, ווארום, צו מיין בייז מזל, האָב איך אַלץ־אין־איינעם ספּראַוועס מיט די קעכינס די חצופות; הערסטו, חנה׳לע, אַזעלכע דינסטן, ווי מיר האָבן דאָ אין לובלין, איז אויף דער וועלט נישטאָ! וואָס זאָל איך דיר זאָגן, פרעסערקעס און זויפערקעס, גנב׳ענען מיט די אויגן, אַנטלויפן נאָך פאַר׳ן קוואַרטל און גיבן מיר נאָך אין סאָנד אַריין, איך זאָל זיי באַצאָלן פאַר א קוואַרטל! און אין סאָנד איז היינ־טיגע צייטן, רחמנא לצלן, קיין חילוק נישט צווישן א דינסט און

א באַלעבאָסטע, און איך מוז שטיין מיט איר אין איין שורה! איך טאָר אפילו א מויל נישט עפענען, א וואָרט נישט רעדן, ווארום באַלד גיט דער סודיא א קלונג מיט׳ן גלעקל און פאַרשרייבט שטראָף ביז דריי רובל. דעריבער גיי איך טאַקע נישט אליין אין סאָנד אריין, און האָב מיר אויסגעזוכט א גוטן אַדוואָקאַט, א מויל — שוועבל און פעך, און ער פירט מיר שוין אויס די זאַך, ווי עס געהער צו זיין. ער האָט מיר אליין געזאָגט, אַז דער סודיא האָט מיך שוין וויפיל מאָל געוואָלט איינ׳ישב׳ען פאַר א בלבול, פאַרוואָס איך רייס א דינסט ביי די האָר, אָדער אַזוי פאַר א מתנת יד! קען ער אָבער נישט, ווארום דער אַדוואָקאַט מיינער האָט ביי זיך אַלע סאָנדאָווע ביכער, ווייסט אַלע, אָבער טאַקע אַלע זאַקאָנעס, און קלייבט אויס פאַר מיינעטוועגן די בעסטע זאַקאָנעס, און שטעכט אים דערמיט די אויגן אויס און ער בלייבט זיצן ווי א גולם — וויל יאָ, וויל נישט, שרייבן מוז ער: פטור, פטור!

און תיכף ומיד, — אַז איך האָב דיין בריוו באַקומען, און האָב דעם פריערדיגן געפונען ביים בטלן מיינעם אין קעשענע — בין איך געלאָפן צום אַדוואָקאַט, און ער האָט מיך אויפגענומען מיט גרויס כבוד, טאַקע ביי זיך אין פיינעם קאַבינעט, און האָט מיר גע־בעטן זיצן אויף דער פּלושענער סאָפע.

איך האָב אים דערציילט דיין גאַנצן עסק, פון אלף ביז תיו, טאַקע ביז דער האָר; און ער האָט אַלצדינג געלאַסן אויסגעהערט, הגם דאָס פּאַרצימער איז געווען פול און פול מיט מענטשן. ער האָט אויסגעהערט און איז זיך ארומגעגאַנגען אין זאַל אויף און אָפּ.

דערנאָך האָט ער אָפּגעזיפצט און געזאָגט, אַז לויט די זאַקאָנעס, האָט א טאָכטער דעם אייגענעם דין וואָס א זון, און קריגט א גלייך חלק ירושה ווי ער. איז דאָך, דאַכט זיך, גוט? איז אָבער פאַראַן א שלעכטער פּונקט, אַז א ווייב קען נישט מאָנען אין סאָנד, אָן דעם מאַנ׳ס ידיעה. זי איז אין זיין רשות און מוז האָבן זיין פּלע־ניפּאָטענציע...

און אַז איך האָב אים געזאָגט, אַז דו ביזט, לא עליכם אַן עגונה, אַז דער מאַן דיינער האָט דיך אָוועקגעוואָרפן, און דו מעגסט, לויט

מיין שכל, מאָן אַלץ וואָס דו ווילסט, האָט ער זיך מיר געשטעלט געגנאיבער און געשאָקלט מיט'ן קאָפּ אין דער ברייט, לא מיט אַן אלף — הייסט עס!

און תיכּף איז ער צוגעגאַנגען צו דער שאַנק, האָט זי געעפנט, און אַרויסגענומען אַ בוך, נאָך אַ בוך; אַריינגעקוקט און אוועקגעלעגט, אַריינגעקוקט און אוועקגעלעגט, און דורכגעוואָרפן אַזוי כמה וכמה ביכער, קליינע און גרויסע און נאָך גרעסערע; איינער איז געווען אַ גראָבער, איך זאָל נישט זינדיגן מיט די רייד, ווי אַ דבר אחר, און דאָרט, אפנים, האָט ער געפונען, וואָס ער האָט געזוכט, ווארום ער האָט געקוקט און געקוקט.

און דערנאָך זאָגט ער מיר, אַז אויב עס וועט פאַרבייגיין פינף יאָר זייט דיין מאַן איז אַנטלאָפן, און דו וועסט ברענגען אַ פּאַפּיר פון וואָיט פון דיין שטאָט, אַז אין די גאַנצע פינף יאָר האָט זיך דיין מאַן נישט געוויזן, וועט ער, דער אַדוואָקאַט, איינגעבן פאַר דיר אַ פּראָזשבע אין סאָנד אַריין, און דער סאָנד וועט דיר געבן רשות צו פּראָצעסירן אַן דעם מאַן.

אַזוי האָט ער אויסדריקלעך געזאָגט, און איך גיב דיר איבער זיינע דיבורים וואָרט ביי וואָרט.

איך האָב אים געגעבן אַ רובל, האָט ער זיך אַפילו געקרימט, אפנים, ווייניג, נאָר גענומען האָט ער; זאָלסטו מיר, חנה'שי קרוין, דעם רובל, למען השם, באַלד אָפּשיקן, ווארום די פּרנסה איז זייער געשלאָגן, און סמאָלע איז היינט נאָר קיין גאַנגבאַר אַרטיקל נישט...

אַצינד צוריק צו דער זאַך:

עס קומט אוים אויף מיינע רייד! איך זאָג שוין דאָס אַלע מאָל, אַז די תורה הקדושה (זייערע זאַקאָנעס, להבדיל, אודאי!) האָט אונז איבערגעגעבן אין גזלנ'ישע הענט אַריין. אַ מאַנסביל, אַ גולם, אַ לא יוצלח, מעג גט'ן דאָס ווייב ווען ער וויל; אַליין, צי דורך אַ שליח, און אַזאַ אשת חיל, למשל, ווי איך בין, קען נישט פּטור ווערן פון אַ מאַן אַ בטלן, בשום אופן וצד!

גייען מיר ביידע אויף אַ ברית, שטאָפּט מען אים מיט פיש און

פלייש, פון אַלעם גוטן, און איך — באַקום מילכיגע ציקאָריע!

זיצט ער אין סוכּה, מוז איך אים אַריינשיקן דאָס שענסטע און דאָס בעסטע, און פאַר זיך לאָזן די ביינער!

3 וואָכן, 9 טעג, און אַלע תעניתים האָב איך גליידך מיט אים; שמחת תורה איז זיין!

ער גייט צום רבי, איט גיט מען מער מיט עפּל! און וואָס וועט זיין דאָרטן, מישטיינס געזאָגט — דער גן־עדן מיינער? איך וועל זיין דעם משוגענעמ'ס פוס־בענקל, ער וועט זיך דאָרט זיצן אויף א פּאָטער־שטול, און איך וועל זיין, זיין פוס־בענקל!

דאָ אויף דער וועלט איז ער לכל הפּחות א שוואַכער בשר ודם, האָט ער פאַר מיר מורא; אָבער וואָס אין גן־עדן וועט זיין, פרעג מיר בחרם! און, זאָגן זאָג איך דיר אויסדריקלעך, זאָל ער מיר דאָרט א שטוים טאָן מיט'ן פוס, ווייסט דער אויבערשטער, וואָס דערפון וועט אַרויסקומען!

און צוריק געשמועסט; וואָס טויג מיר א גט? גלויב מיר, אַלע הינט האָבן איין פּנים! אַלע — נישט ווערט א דרייער! ווייסט דאָך — מיין שוועסטער מרים האָט צען גייענדיגע יאָר געליטן פון איר מאַן, איידער זי האָט פון אים אַרויסגעקראָגן א גט; דערפאַר האָט זי אים אָוועקגעגעבן דאָס געלט, די מלבושים, מיט איין וואָרט — הכּל כּאשר לכּל. נו, דאַכט זיך, מזל און ברכה!

האָט זי ווייטער חתונה, טוישט זי שופרות אויף קאַנע־ביינדלעך, א נייער בטלן צום קאָרמען! זי שרייט ווייטער א גט; ער הערט זי ווי'ן רב און זי האָט שוין נישט מיט וואָס צו באַצאָלן!

בקיצור, שוועסטער חנה, אונזער מוטער חוה האָט געזינדיגט און מיר ליידן פאַר אירע זינד! און אייביג וועלן מיר אַזוי ליידן! דען — פאַר א מאַן קען מען אפילו אין קבר נישט אַנטרינען. לעבדיבו ולשפחות האָט מען אונז פאַרקויפט, אפילו אויף יענער וועלט אויך! — אַזוי איז געוועזן פאַרצייטנס, אַזוי איז היינט; און לעתיד לבוא וועט אויך אַזוי זיין, מען מוז ליידן! ווארום וואָס זאָל מען טאָן, אַז עס איז דעם רבונו של עולם'ס רצון אַזוי.

דעריבער, שוועסטער חנה, האָב בטחון אויף גאָט, ברוך הוא,

פּאַרבלייב געזונט און פּאַרגעס דיין מאַן! אין אַמעריקע, איז ער אודאי אַרוים לתרבות רעה. אַזוי טוען זיי שטענדיג, ימח שמם, אַז זיי קומען קיין אַמעריקע!

אין דער התחלה שרייבן זיי צוקער־זיסע בריוולעך, שיקן געלט; דערנאָך ווערט עס וואָס אַמאָל וועניגער; שרייבט מען און מען שיקט שוין געלט א מאָל א יאָר, דערנאָך — איינמאָל אין א יובל... זיי ברויכן דאָרט נישט זייערע ווייבער! זיי האָבן דאָרט, רחמנא לצלן, אַנדערע, בעסערע, פלינקערע ווייבער.

איך זאָל נישט זינדיגן מיט די רייד, ביי אונז אין לובלין איז אין דער אידישער גאַס, נישטאָ קיין הויז אָן אן עגונה! שרייב דריי פאי'ן, זאָג איך דיר, פּאַרגעס! זאָל זיך דיר דאַכטן, אַז דו ביזט אן אלמנה, חס ושלום, אָדער א גרושה!

זע בעסער צו טאָן אין דיינע ציבעלעס. זאָל דיר השם יתברך, שיקן הצלחה אין דיין עסק, זאָלסט מצליח זיין, וואו דו וועסט זיך נאָר קערן און ווענדן. ווי עס ווינטשט דיר דיין קרובה,

(די אונטערשריפט איז נישט צום איבערלעזן).

איך בעט דיך, למען השם, דו זאָלסט מיר וואָס צום געשווינד־סטען אָפּשיקן דעם רובל, ווארום מיין מאַן, דער זולל וסובא, האָט שוין פאראיבל אויף מיר, צו וואָס איך האָב אויסגעלעגט דעם רובל.

(די זעלבע נישט לעזבארע אונטערשריפט).

צווייטער בריוו

לאחותי הצנועה, הנגידה, החשובה מרת חנה תחיה.

ערשטנס מעלד איך דיר, טייערע שוועסטער, אַז מיר זיינען, ברוך השם, אַלע בקו־הבריאה, חוץ אשתי חוה'לע, תחיה, וואָס דער הופט, לא עליכם, לאָזט זי נישט אָפּ א רגע, און תיכף, אם ירצה השם נאָך דער חתונה, וועט זי מוזן פאָרן קיין וואַרשע צו'ן א דאָקטאָר.

רצוף בזה, שיק איך אייך א חתונה־בריוול. זאָלסט זען, למען

השם, צו קומען אויף דער חתונה און מקבל תענוג זיין, נאָר, למען השם, בעט איך דיך, אַז זאָלסט מיר נישט שטערן דעם נחת פון בתי תחיה, און באַהאַלטן אַלע טענות ותביעות אויף נאָך דער חתונה.

קיין כלה־מתנה ביזטו נישט מחויב צו ברענגען. אויב עס גייט דיר וועגן דער בושה, וועט זיך נאָך, אם ירצה השם, געפינען עפּעס און שטוב פאַר דיר פאַר א מתנה; איך וועל דיר נישט קאַרגן. בלוט איז קיין וואַסער נישט און א שוועסטער בלייבט א שוועסטער.

און וואָס דו שרייבסט, דו קענסט דיך נישט טרייסטן נאָכ'ן ילד וואָס איז נפטר געוואָרן,—זיי ווייסן, שוועסטער לעבן, אַז— ה' נתן וה' לקח. קינדער זיינען א פּקדון פון גאָט, ברוך הוא, און אַז ער וויל אָפּנעמען דאָס פּקדון, טאָר מען אפילו נישט מהרהר זיין, נישט איבערקלערן, חס ושלום!

און וואָס דו שרייבסט, אַז דו האָסט מורא, דיין שמואל משה זאָל נישט געוואָר ווערן, אַז דאָס קינד לעבט נישט און דורך דעם, זאָל ער זיך, חס־ושלום, פון דיר אינגאַנצן נישט אָפּרייסן, — איז אויך אַן אומזיסטער חשד... גלויב מיר, שוועסטער חנה, אַז עס איז גאָר נאַריש. וואָרום — ממה נפשך: איז אמת, וואָס לייטן זאָגן, אַז שמואל משה איז געוואָרן אוים שמואל משה, חס ושלום, אַז ער איז אוועק גאָר אין אַנדערע דרכים, — איז אַלץ איינס, צי דאָס קינד לעבט, צי ניין; נישט ער דאַרף דיך, נישט דו קענסט האַלטן אָן אים!

אויב ווייטער, ווי איך האָף צו זיין ליבן נאָמען, דאָס אַלץ איז נישט געשטויגן, נישט געפלויגן, נאָר א בלבול פון בייזע מיילער, און, ווי איך גלויב באמונה שלמה, שמואל משה איז טאַקע שמואל משה, דער מופלג, דער פרומער איד, האָסטו נישט וואָס מורא צו האָבן! פאַרקערט, ביי האַלב הוצאה וועט אים אַצינד לייכטער זיין דיך אָראָפּצונעמען אַהין, און איר וועט לעבן בשלום ושלוה כנהוג בישראל...

און וואָס דו האָסט פון אים אַזוי לאַנג קיין ידיעה נישט,— מה רעש? עס איז דאָך, דאַכט זיך, מעבר לים! וויפיל שיפן

גייען אונטער, רחמנא לצלן? וויפיל ברייור־טרעגער קענען אומ־קומען אויף אזא מהלך? און אפשר מוזן נאָך די שיפן דורכגיין אויף דעם אָרט, וואו, דער ספר הברית שרייבט, אז דאָס וואסער שטייט ווי א בארג און עס איז טאקע סכנת נפשות. דאנק זיין ליבן נאָמען, וואָס דיין שמואל משה איז בשלום אריבער! דאָס פאָרן למדינת הים האלט איך טאקע פאר אן עולה, עס איז א סימן פון ווייניג בטחון, וואָרום ווער עס האָט בטחון ווייסט, אז יואו גאָט וויל, דאָ העלפט ער, און עס איז נישט כדאי איינצושטעלן דעם גוף מיט דער נשמה! ווארום, לויט מענטשן דערציילן, איז אמעריקע פאר דער נשמה א סך מסוכנ'ער, ווי דער ים צום גוף. דאָס אידישקייט, זאָגט מען, גיט מען באלד אָפּ אויף דער שיף, ווי דער ים גיט זיך נאר א שאָקל! באלד עסט מען פת עכו"ם, מען קליידט זיך דייטש, ווייבער טראָגן שייטלען! און יש אומרים —אפילו אייגענע האָר. און, א והא ראיה, — מען זאָגט, אז אין גאנץ אמעריקע איז קיין איינציגער גוטער איד נישטא. און איך ווייס טאקע נישט, ווי אזוי מען לעבט דאָך, ווי אזוי מען גיט זיך אן עצה ביי פרנסה זאכן, אָדער אז מען ווערט, חס ושלום, קראנק, צי וואָס א מענטש קען זיך טרעפן! איך זאָג דיר, אז ווער עס פאָרט אין א טומאה אריין איז טאקע מתחייב בנפשו, גייט ער טאקע ווי א נאריש פויגעלע אליין אין דער נעץ אריין! און בפרט א איד א למדן. ווארום, וואָס גרעסער דער מענטש איז, איז גרעסער די סכנה, מער לאָקערט אויפ'ן, רחמנא לצלן די קליפה, און וויל אים גובר זיין, צי מיט עשירות, צי מיט נשים יפות; די קליפה האָט שוין אירע כלים צו דער ארבעט...

דעריבער איז מיין עצה פאר דיר, אז כל זמן דו ווייסט נישט, וואָס דאָרטן טוט זיך, פארגעס אָן דער זאך! האָסטו פרנסה פון די ציבעלעס, איז מה טוב; חס ושלום, — נישט, האָב איך פאר דיר אָן אנדערע עצה. אם ירצה השם, אז דו ועסט קומען אויף דער חתונה, וועל איך שוין זען שלום צו מאכן צווישן דיר און אשתי חוה'לע תחיה. פאָרט איין פלייש און בלוט. און בטבע, זיי ווייסן, איז זוגתי חוה גיטל זייער א גוטע; זי וועט בודאי

מוחל זיין, און, אז עס וועט זיין שלום ושלוה, און זי וועט פאָרן באַלד, אם ירצה השם, נאָך דער חתונה, קיין וואַרשע,—וועסטו בלייבן באַלעבאָסטע. און אַז זי וועט, אם ירצה השם, בשלום און געזונט צוריקקומען, וועט זיך אויך נאָך געפינען פאַר דיר אַן אָרט ביים טיש, ווי אויך אין שטוב — א בעט צו שטעלן. עס זיינען שלעכטע צייטן, נאָר א שוועסטער איז א שוועסטער, שניידט מען דינערע שטיקלעך הערינג.

נאָר אָן דעם אַלעם האָבן מיר דאָך א גרויסן גאָט, ברוך הוא! ער זאָל נישט קענען שפייזן איין בשר ודם—א אידענע! נאַרישקייטן!

און אויף דער חתונה זאָלסטו, למען השם, קומען פרי, זאָלסט קענען חוה גיטלען אביסל צוהעלפן. אויף דעם איז מען אויך א שוועגערין! דו דאַרפסט זען, מען זאָל נישט מוזן, אין היינטיגע שלעכטע צייטן, צונעמען נאָך א סאַרווער צי א קעכין... נאָר למען השם, פון דעם וואָס איך שרייב דיר דאָ, דער עיקר וועגן איבער־בלייבן פון דעם וואָס איך שרייב דיר דאָ, ביי דיר בסוד, חוה גיטל זאָל נישט וויסן, אַז איך האָב אזוינס געשריבן. דאָס דאַרף זיך אַליין מאַכן, פון זיך אַליין... דו ווייסט, אַז חוה גיטל האָט פיינט, מען זאָל איר אין שטוב־זאַכן עצות געבן... און בטוח בין איך, אַז עס וועט זיך מאַכן. א אידענע בלייבט א אידענע, כאָטש זי מיינט, אַז זי גייט אין ספּאָדיק! דעריבער טאַקע שרייב איך דעם בריוו, ווען זוגתי חוה גיטל איז נישטאָ אין דער היים! זי איז אַרויסגעגאַנגען אָפּשטעלן מיט'ן בדחן, מיט קלעזמער. איך וויל איר אפילו נישט זאָגן, אַז איך האָב דיר געשיקט א חתונה־בריוול; לאָז זי מיינען, אַז דו ביזט אַזוי גוט און פרום געוועזן, אַז דו ביזט אַליין געקומען!

און השם יתברך זאָל טרייסטן דיך מיט אַלע אבלי־ישראל, און לאָז אויסשפּרייטן די פליגל פון רחמנות אויף אַלע עגונות, אָמן! כן יהי רצון!

אחותי חנה! דו וועסט דיך מישב זיין, בלייבן דאָרט אָדער קימען צו אונז אויף שטענדיג, — למען השם, אויף דער חתונה

זאָלסטו קומען! דורכאוים קומען! און דו וועסט קיין חרטה, חס ושלום, נישט האָבן! עס וועט זיין, אם ירצה השם, א שיינע חתונה. עס קען נאָך מעגלעך זיין, אז ער אליין, זאָל מאריך ימים ושנים זיין, וועט קומען אויף דער חתונה. עס וועט מיך קאָסטן א מטמון, נאָר עס איז כדאי! פארשטייסטו, אז אויף אזא חתונה איז כדאי צו קומען!

פון מיר, אחיך,

מנחם מענדל.

זוגתי חוה גיטל, איז בזו הרגע געקומען פון מארק, און זע א סימן, אז עס איז שוין אזוי מן השמים באשערט — זי אליין האָט מיר געזאָגט, אז איך דארף מיך פאר איר מיט'ן בריוו נישט צו באהאלטן, אז זי האָט אויף דיר קיין פאראיבל נישט. איר עצה איז, זאָלסט פארקויפן די ציבעלעס, מאכן זיך א מלבוש, און קומען לייטן גלייך, ווי א טייערע מחותנת'טע, אויף דער חתונה.

קיין מתנה, זאָגט זי אויך, דארף מען נישט. און האנדלען מיט ציבעלעס קען מען, זאָגט זי, ביי אונז אויך.

איך זאָג דיר, אז זוגתי חוה גיטל, איז א גוטע און א חכמה, און, אז דו וועסט נאָר נישט זיין איינגעשפארט, וועט זיך אלץ ענדיגן בכי טוב! וועסט, מיט גאָט'ס הילף, זען!

אחיך הנ"ל.

א נישט־געענדיגטער בריוו פון חנה'ן צום מאַן.

מזל טוב דיר, מיין טייערער כשר'ער מאַן, מזל טוב דיר!

נאַ דיר, הער פון אונז ישועות ונחמות! גאָט זאָל געבן, איך זאָל פון דיר אויך הערן אזוינע גוטע בשורות, אזוינע ישועות ונחמות; אָמן, כן יהי רצון! מיר זיינען דאָך, ווי דו האָסט געשריבן, א זווג אויף דער וועלט און אויף יענער וועלט!

ערשטנס קום איך דיר, מיין טייערער מאַן, צו מעלדן, אז דער ברודער מיינער מנחם מענדל שיחיה ואשתו חוה גיטל שתחיה,

זאָלןביידע דערלעבן משיח׳ס צייטן, האָבן מיר אַלצדינג מוחל געווען, און האָבן מיך אַראָפּגעבערענגט, אין א מזל׳דיגער שעה, צו זייער טאָכטער אויף דער חתונה—אויף סאָשע ביילע׳ס חתונה.

א חתונה איז געווען גאָר א שיינע, שענער קען שוין נישט זיין! געלויבט איז השם יתברך, וואָס איך האָב זוכה געווען און דערלעבט צו זען אזא חתונה! עס איז געווען מכל המינים פליישן, עוף און רינד־פלייש! הייגט — פישן, אזוינע פיש און געפילטע פיש, און נאָך אַלערליי מאכלים! א חוץ וויין, בראָנפן, הכל כאשר לכל...

און אַלץ איז געווען אזוי געראָטן, אזוי פיין! און איך אליין האָב דאָס פלייש געקאָכט, די פיש געפילט, דעם צימעס געמאַכט, צום טיש געגרייט. און פריער נאָך אַלץ אַליין איינגעקויפט!

איך בין, ברוך השם, די גאַנצע באַלעבאָסטע געווען! די סאַרווערקע אויך; ווארום, געקומען בין איך נישט צוליב דעם נחת אַליין.

איך האָב מיין ביסל ציבעלעס פאַרקויפט, געמאַכט מיר א שטיקל מלבוש און געקומען, אויף מיינע קרובים׳ס פאַרלאַנג, גאַנצע אכט טעג פאַר דער חתונה! ווארום עס האָט נישט געהאַט ווער צו טאָן, מחמת די כלה אַליין איז פאַרטאָן געווען אין די מלבושים, זי האָט פאַרברענגט ביז צום חופה־טאָג ביים שניידער, ביים שוסטער, אפילו ביים גאָלדשמיד!

און חוה גיטל, נעבעך, די שווענערין מיינע, — הוסט! און די מילץ, זאָגט מען, איז ביי איר נישט ווי עס דאַרף צו זיין!

בין איך טאַקע געווען די גאַנצע מחותנת׳טע, פאַר דער חתונה, און נאָך דער חתונה, נאָר נישט אויף דער חתונה. בשעת החתונה בין איך געווען זייער מיד און פאַרמאַטערט. בין איך מיר געזעסן אין א ווינקעלע און געוויינט פאַר גרויס נחת, וואָס איך האָב זוכה געווען, חתונה צו מאַכן מיין ברודער׳ס טאָכטער; אויך — וואָס זי האָט געהאַט אזא לייטישע חתונה.

און אפילו נאָך דער חתונה! האָבן זיי מיך אויך, חס ושלום, נישט באַלד אַרויסגעטריבן.

תיכּף נאָך דער חתונה, איז די שוועגערין, זאָל געזונט און שטאַרק זיין, געפאָרן קיין לובלין צו א דאָקטאָר, זיך אן עצה צו האַלטן, צו וועלכן דאָקטאָר זי זאָל פאָרן קיין וואַרשע.

דערנאָך איז זי געפאָרן קיין וואַרשע, און איז אויסגעווען ביי אַלע גרויסע דאָקטוירים; פון דאָרט איז זי געפאָרן ערגעץ אַנ־דערש, וואסער טרינקען, — מינעראַל־וואַסער הייסט עס, — און איבער דער גאַנצער צייט, לערך זעקס חדשים, בין איך געווען די גאַנצע באַלעבאָסטע אין שטוב. השם יתברך, זאָל עס זיי געדענ־קען און זאָל זיי דערפאַר באַלוינען!

קיין קעכין איז נישט געווען, האָב איך געקאָכט... און דערפון האָב איך פיל נחת געשעפּט, ווי פון א ברונעם!

ערשטנס, האָב איך קיין צייט נישט געהאַט צו קלערן און צו טראַכטן, און בין, חס ושלום! נישט משוגע געוואָרן אפילו נישט אריינגעפאַלן אין א מרה שחורה! און קיין צייט האָט נישט גע־קאָנט זיין, וואָרום די שפע, איז ביי מיין ברודער, ברוך השם, גרויס.

די שענק איז ברוך השם, פול; מען לייזט שטיקער גאָלד, הן פון אידן און הן פון גוים, להבדיל!

און מיין שוועגערינ׳ס, חוה גיטל תחיה׳ס, געפילטע פיש האָבן, ברוך השם, א נאָמען אויף דער וועלט און אן עולם זיצט, ברוך השם! עסט און טרינקט.

האָט זיך אמאָל פּאַסירט, אַז איך האָב פאָרט אָנגעהויבן עפּעס איבערצוקלערן און האָב מיך געוואָלט פאַרטראַכטן; איז אויף דעם געוועזן אונזערביילע סאָשע, זאָל לעבן, זי האָט מיך באַלד דערמאָנט! און אן אויג האָט זי. קיין עין־הרע, א גוטס, באַלד דערזעט זי!

און אַזוי איז אַלץ געגאַנגען בדרך הישר...

פאַר גרויס נחת, וואָס איך בין דאָ די גאַנצע באַלעבאָסטע, האָב איך איינמאָל אַרויסגעוואָרפן א טראָפּן בלוט פון האַלז, איין טראָ־פּען נישט מער.

דאָס האָט ווייטער דערזען מנחם מענדל, זאָל געזונט זיין, האָט ער מיר אָנגעזאָגט זהיר והזהר, איך זאָל מיך נישט מאַכן ווייסנדיג! ווארום, ווערט מען, ח״ו, געוואָר, וועט מען, חלילה, ווייכן זיין שטוב. יוסל גאַסט־הייזער פון געגנאַיבער וועט באַלד זאָגן שווינד־זוכט און פטור! אונזער זייט גאַס, וועט מיט גראָז פאַרוואַקסן ווערן!

ביילע סאָשע איז אָבער קליגער פאַר אים. זי האָט באַלד פאַר־שטאַנען, אַז עס איז נישט קיין שווינדזוכט, נאָר, אַז איך האָב געמוזט כאַפּן א שטיקל פיש און איינשלינגען, און צעראַצט זיך דעם האַלז מיט א ביינדל. און, כדי איך זאָל, חס ושלום, נישט דערשטיקט ווערן, האָט זי מיר דערלאַנגט אין די פּלייצעס: דאָס ביינדל זאָל אריין אָדער ארויס און נישט בלייבן, חס ושלום, שטע־קען אין האַלז. פאַר גרויס ליבשאַפט, האָט זי מיר צו א שטאַרקן קלאַפּ געטאָן, דאָס ביינדל פון פיש איז אודאי אראָפּ, נאָר דערביי האָבן מיינע ביינער א ביסל געליטן...

דאָס אַלץ איז איבערגעגאַנגען בשלום, און, חוה גיטל, זאָל געזונט זיין, איז צוריק געקומען פון וואַסער טרינעקן.

געקומען איז זי, געלויבט השם יתברך, פריש און געזונט, א מחיה געווען צו קוקן! געלייכטן ווי די זון! היינט האָט זי אָנ־געברענגט מתנות, — גאָר פיינע זאַכן! פאַר זיך, פאַר׳ן מאַן, פאַר דער טאָכטער מיט׳ן איידעם... טייערע מתנות, נאָר מיר האָט זי קיין מתנה נישט געברענגט! איך בין, זאָגט זי, חס ושלום, קיין דינסט נישט, מען זאָל מיר שענקען מתנות, מען צאָלט מיר דען שכירות? איך בין דאָך געווען באַלעבאָסטע!

חוה גיטל אַליין האָט כמה פעמים געזאָגט, אַז איך בין געווען די גאַנצע באַלעבאָסטע, און האָב געטאָן, וואָס מיין האַרץ האָט געגלוסט!

און קוים איז חוה גיטל געקומען, איז זי געוואָר געוואָרן, אַז מנחם מענדל איז איבער דער גאַנצער צייט, נישט געווען ביים רבי׳ן, האָט זי פאַרבראָכן די הענט, אַז די ביידער פון די פינגער

האָבן געקנאַקט, און האָט מיך באַלד אַרויסגעשיקט אין מאַרק אַריין דינגען אַ פור.

נאָך דעם זעלבן טאָג איז מנחם מענדל, זאָל געזונט זיין, אַוועקגעפאָרן אין אַ מזל'דיגער שעה צום צדיק.

און אויף מאָרגן האָט מיר חוה גיטל אַן עצה טובה געגעבן, איך זאָל צוזאַמענגעמען מיינע זאַכן און גיין צו אַלדי גוטע יאָר... וואָרום, וויבאַלד זי אַליין איז דאָ, און ביילע סאָשע העלפט איר צו, בין איך דאָס פינפטע ראָד ביים וואָגן, און וועל נאָך, חלילה, משוגע ווערן פון ליידיג גיין. זי האָט מיר געראָטן, ענטוועדער איך זאָל פאָרן צוריק, פון וואַנען איך בין געקומען, אָדער דאָ בלייבן און טאָן וואָס מיין האַרץ וועט גלוסטן. זי זאָגט מיר, חלילה, קיין דעה נישט.

נאָך די זעלבע נאַכט, האָב איך שוין אין איר שטוב נישט גענעכטיגט.

אַ שיינע נאַכט איז געווען, האָב איך זיך דורכגעשפּאַצירט אין אַלע גאַסן מיט'ן פעקל אונטער'ן אָרעם.

זעסטו דאָך, מיין טייערער, כשר'ער מאַן, אַז מיר איז, ברוך השם גאַנץ גוט, אַז דו דאַרפסט מיר מער קיין געלט נישט שיקן, ווי דו פלעגסט אַמאָל שיקן. גיב בעסער דאָס געלט לייב חזן, ער זאָל דיר קויפן ש"ס, אָדער גנענדל־סאָפּיע'ן, זי זאָל דיר לאָזן מאַכן העמדער, און זע, למען השם, זי זאָל דיר אַליין די העמדער אָנמעסטן, און זען ווי זיי ליגן, די העמדער,—עס איז דאָך אַמעריקע.

זעסטו, מיין ליבער, טייערער מאַן, אַז איך בין שוין מער קיינעם נישט חושד אומזיסט. איך זאָג שוין נישט, אַז גנענדל, לייב־חזנ'ס טאָכטער, האָט ביי מיר צוגעגנב'עט אַ לעפל, אָדער דעם מאַן, חס ושלום! און אויב איך האָב נישט, נישט דעם לעפל, נישט קיין מאַן, ווייס איך, אַז זי איז בודאי גאָר נישט שולדיג. איך גלויב באמונה שלמה, אַז השם יתברך האָט דיך און מיך געוואָלט מזכה זיין, האָט ער דיר צוגעשיקט אויף דער שיף לייב חזן מיט דער טאָכטער, זיי זאָלן דיך פאַרזאָרגן! כהויה — אַלץ ווי דו האָסט מיר געשריבן. נאָר איין זאַך וועט נישט זיין ווי דו

האסט געזאגט! זאלסט אפילו אוים דער הויט שפרינגען, וועסטו נישט שיקן קיין שליח מיוחד נאכ'ן קינד, זאלסט עס צונעמען פון מיר צו דיר קיין אמעריקע. ווארום דאס קינד אונזערס איז, אין זיין זכות און זכות פון דיינע אבות — לאנג שוין נישטא! מען האט עס באהאלטן ערגעץ אויפ'ן בית־עולם, אין א קליין שטיבעלע אן א טירל, אן א פענצטערל, — שריי חי־וקים, וועסטו נישט וויסן, וואו זיינע ביינדלעך ליגן! קיין שום מצבה, קיין שום סימן, גארנישט! זוך דעם ווינט אויפ'ן פעלד!

די אסכרה האט עס צוגענומען אונטער אירע פליגל...

און ווייל דו ביזט דער גרויסער בעל־זכרון און גדענקסט אלץ, וואס איך האב גערעדט, און אלץ וואס איך האב געטאן, וועל איך דיר דערציילן א מעשה, אפשר וועסטו זי אויך געדענקען! עס איז א מעשה מיט א שאל, וואס איך האב נישט געוואוסט, וואס מיט אים צו טאן: צי זאל איך אים כאפן אויף מיר און ארויסלויפן זוכן א דאקטאר צום קינד, אדער איך זאל פארשטאפן מיט דעם שאל די צעבראכענע שויב, דער שניי זאל נישט אריין צום קראנקן קינד אין שטוב אריין, אדער איך זאל צודעקן מיט דעם שאל דאס הייזעריגע קינד, וואס עס שטיקט זיך, נעבעך, — און די קעלט איז גאר גרויס, גאר גרויס! א סך מאל בין איך אהין און צוריק געלאפן: פון קינד צום פענצטער, צו דער טיר, און צוריק פון טיר צום פענצטער, צו דער וויג... אבי געלאפן! דו וועסט שוין, מיין געטרייער מאן, מיין איך, די מינוט נישט פארגעסן. ווארום, ווי דו מיין טייערער מאן זאגסט, בין איך צוגעבונדן צו דיר, דו צו מיר און ביידע צום קינד, און אצינד, אז דאס קינד איז נישטא, קאנען מיר ביידע שוין אויך נעלם ווערן,— נאר, וואס וועט גנענדל זאגן? דעם אמת זאגנדיג, איז ביי מיר געבליבן, איך זאל זיך לאזן וואקסן לאנגע האר און אנטאן זיך ווי מען טראגט זיך אין אמעריקע. אויך, ווייסטו דאך, אז איך האב א זים קול, אז איך פלעג נאכזינגען אלע תפילות, און אצינד, אז איך בין געוועזן ביים ברודער מנחם מענדל, זאל געזונט זיין, אין גאסט־הויז האב איך נאך געהערט פון שכור'ע פויערים אלער־

לייַ שיינע לידער. — האָב איך מיך דאָס אויך אויסגעלערנט, און איך זינג אַוודאי אַזוי גוט ווי גנענדל, און אפשר בעסער פאַר איר, און קען מער לידלעך פון איר. און נעכטן בייַנאַכט, אַז איך האָב געגעכטיגט אונטער'ן בלויען הימל, איז נאָך צו מיר געקומען די מלכה שבא און האָט מיך אויסגעלערנט טאַנצן — און אַ גאַנצע נאַכט האָב איך אַרומגעטאַנצט מיט דער מלכה שבא געגן דער לבנה.

און דו, מיין ליבער שמואל משה, האָסט גאָר אַ מקח טעות געהאַט! ווארום איך בין בעסער פאַר גנענדל'ען. ווארום, איך געדענק גאַנץ גוט, אַז זי האָט געהאַט צוויי פעפערלעך, איינעם אויפ'ן לינקן אויער און אַ צווייטן אויף דער רעכטער באַק, און— אַ נעזל אַ ביסל אַ פּאַדרייטס. און איך, ווייסטו דאָך, האָב אַ ריין לייב, אָן אַ שום פּעפּערל, חס ושלום. — דו האָסט געמיינט, אַז נאָר גנענדל קען זינגען, און יעדן פרייטאָג צו נאַכטס טאַנצן, אַז זי אַליין קען זיך לאָזן וואַקסן צעפּ, אַנדערע קענען גאָר נישט די תורה! נאָר איך בין. חס ושלום, אויף דיר נישט אין כעס! האַלט דיך אָן איר! מיר איז געגנוג, אַז איך האָב דעם קינד'ס קבר'ל, איך גיין אַהין, איך וועל מיר דאָרט אויסבויען אַ קליין שטיבעלע און זיצן דאָרט ביז האַלבער נאַכט, ביז דער האָן וועט קרייען. דעם קינד וועל איך דערציילן זיס און שטיל פון זיין טאַטן שמואל משה'ן, וועט ער שטאַרק הנאה האָבן! און, אַז דו וועסט אַליין קומען, אָדער שיקן אַ שליח מיוחד, נאָכ'ן קינד, וועל איך אייך מיט די נעגל די אויגן אויסקראַצן, ווארום דאָס קינד איז מיינס, נישט גנענדל'ס — ימח שמה וזכרה, זאָל זי ווערן מיט דיר אין איינעם — — — —

דער בריוו איז קענטיג נישט קיין געענדיגטער! מען האָט אים געפונען צוזאַמען מיט די אַנדערע בריוו אין קעשענע ביי דער משוגענער חנה.

וואָס הייסט „נשמה"

(א יוגנט-געשיכטע)

.1

איך געדענק ווי אין א חלום, אז עס האָט זיך ביי אונז אין שטוב אַרומגעדרייט א קליין דאַר אידל מיט א שפּיציג בערדל, וואָס פלעגט מיך אַלע מאָל אַרומנעמען און קושן.

דערנאָך, געדענק איך, איז דאָס איינענע אידל קראַנק געלעגן אין בעט, ער האָט זעהר געקרעכצט און די מאַמע איז געשטאַנען און געהאַקט זיך אין קאָפּ אַריין.

אַמאָל כאַפּ איך מיך אויף ביינאַכט און דערזע א פולע שטוב מיט אידן; פון דרויסן הער איך א יאָמערלעך געוויין... איך האָב מיך שטאַרק דערשראָקן און אָנגעהויבן שרייען.

עס איז צוגעקומען צו מיר איינער פון די אידן, ער האָט מיך אָנגעטאָן און אַוועקגעפירט צו'ן א שכן שלאָפן.

דעם אַנדערן טאָג האָב איך די שטוב נישט דערקענט: אויף דער ערד איז געלעגן אָנגעשיט שטרוי, דער שפּיגל אויף דער וואַנט —איבערגעדרייט, דער הענג-לייכטער פאַרהאַנגען מיט א טישטעך, און די מאַמע איז געזעסן אין די זאָקן אויף א קליין בענקעלע אויף דער ערד...

אַז זי האָט מיך דערזען, האָט זי אַרויסגעלאָזט א שרעקלעך געוויין, און האָט אָנגעהויבן שרייען: „דער יתום, דער יתום!"...

אויפ'ן פענצטער האָט זיך געברענט א קאַגעניק, דערנעבן איז געשטאַנען א גלאָז וואַסער און געהאַנגען א שמאַטע...

מען האָט מיר געזאָגט, אַז מיין טאַטע איז געשטאָרבן; אַז זיין נשמה וואַשט זיך אינ'ם גלאָז און ווישט זיך אָפּ מיט דער

לייוועגט... אַז אויב איך וועל זאָגן ערנסט קדיש, וועט זי פליען גלייך אין הימל אַריין.

און מיר האָט זיך פאָרגעשטעלט, אַז די נשמה איז אַ פויגעלע...

.2

איינמאָל האָט מיך דער באַהעלפער אָפּגעפירט אַהיים, לעבן אונז זיינען הורכגעפלויגן גאַנץ נידעריג, עטלעכע פויגל.

— נשמה׳לעך פליען, נשמה׳לעך פליען! — האָב איך מיר צוגעזונגען.

דער באַהעלפער האָט זיך אומגעקוקט.

— גיי דו נאַר, — מאַכט ער צו מיר, — דאָס זיינען פויגל, פּראָסטע פויגל!

דערנאָך האָב איך געפרעגט דער מאַמע׳ן: ווי אַזוי ווייסט מען דעם חילוק פון אַ נשמה ביז אַ פּראָסט פויגעלע?

.3

אַז איך בין אַלט געוואָרן פערצן יאָר, האָב איך שוין געלערנט גמרא מיט תוספות, מיט מהרש״א, און טאַקע ביי „זרח קנייפּ״.

עד היום ווייס איך נישט, צי האָט ער טאַקע אַזוי געהייסן, צי האָבן עם אים די תלמידים דעם צונאָמען געגעבן, ווייל ער פלעגט קנייפּן אָן רחמנות.

און ער פלעגט נישט וואַרטן ביז מען פלעגט פאַרדינען אַ קניפּ; ער פלעגט צאָלן פאָראויס, „דערמאָן מיר, זאָגט ער, וועל איך דיר אָפּשלאָגן!״

דערצו איז ער געווען מוהל, געהאַט אַ שפּיציגן פּריעה־נאָגל, און יעדער קניפּ האָט צוגעשלאָגן צום האַרץ.

און ער פלעגט זאָגן: „ווײַן נישט, וויין נישט אומזיסט! איך

קנייפּ דאָך דיין גוף! וואָס שאַדט דיר! אַז די ווערים אין קבר וועלן האָבן וויינינגער צו עסן?"

און דער גוף, זאָגט זרח קנייפּ, איז טאַקע נאָר עפר ואפר, אַ והא ראיה: רייב איין האַנט אין דער אַנדערער וועסטו זען!

און מיר האָבן געפּרואווט און טאַקע געזען בחוש, אַז דער גוף איז עפר ואפר.

— און וואָס איז די נשמה?—האָב איך געפרעגט.

— אַ רוחניות! — האָט מיר דער רבי געענטפערט.

4.

זרח קנייפּ האָט פיינט געהאַט שנאת מות זיין ווייב די רביצין; פאַר דאָס איז שפּרינצע, די בת יחידה זיינע, געוועזן ביי אים אַן אוינ אין קאָפּ.

מיר, ווייטער, האָבן פיינט געהאַט שפּרינצע'ן, ווייל זי פלעגט אונז צוצומסר'ן צום פאָטער, און — ליב געהאַט די רביצין, וואָס פלעגט אונז פאַרקויפן אויף קרעדיט באָבעס מיט ארבעס און ניט איינמאָל מציל זיין פון רבי'נס הענט.

דער גרעסטער חשוב ביי דער רביצין בין איך געוועזן. איך פלעג קריגן דעם גרעסטן צולאָג, און ווען דער רבי האָט זיך גענו־מען צו מיר, פלעגט זי שרייען: „רוצח, וואָס ווילסטו פון יתום? זיין טאַטנ'ס נשמה וועט זיך אין דיר נוקם זיין!"

דער רבי האָט מיך אָפּגעלאָזט און די רביצין האָט געלייזט מיין הלק.

איינמאָל, געדענק איך, ווינטער ביינאַכט, בין איך אהיים גע־קומען פון חדר אַזוי צעקניפּן און פון פראָסט אַזוי דורכגענומען אַז די גאַנצע הויט האָט אויף מיר געשטאַרט.

דעמאָלט האָב איך אויפגעהויבן די אויגן צום הימל און האָב יאָמערלעך געוויינט און געבעטן: „טאַטעשי! זיי זיך נוקם אין

זרח קנייפ !... רבונו של עולם, וואָס וויל ער פון מיין נשמה האָ־
בען ? !"

אַז ער קנייפּט נאָר דעם גוף, האָב איך פאַרגעסן !
אין אָדם נתפס על צערו !

.5

דאָך אַז זרח קנייפ האָט אַמאָל אין אַ „יומא דפגרא" פאַרמאַכט די גמרא און גענומען זיך צו דערציילן מעשיות, איז ער גאָר געוועזן אַן אַנדער מענטש.

ער האָט אַראָפּגעלייגט דעם ספּאָדעק, געבליבן זיצן אין די גרויסע פּעדערן (קיין יאַרמולקע האָט מען נישט אַרויסגעזען). ער האָט אויפגעקנעפּלט די סטראָקעס. אויסגעגלייכט דעם שטערן. די ליפּן האָבן אים געשמייכלט, און דאָס קול איז אויך גאָר אַנדערש געוואָרן.

געלערנט האָט ער מיט׳ן האַרטן, גראָבן, בייזן קול, מיט וועלכן ער פּלעגט רעדן צו דער רביצין; מעשיות דערציילט — מיט דעם אייגענעם ווייכן, דינעם, גוטן קול, מיט וועלכן ער פּלעגט זיך ווענ־דען צו שפּרינצע׳ן, מיט „דער טייערער נשמה".

און מיר פּלעגן זיך ביי אים שטענדיג בעטן ווי ביי אַ גזלן, ער זאָל אונז דערציילן אַ מעשה. מיר האָבן נישט געוואוסט, אַז זרח קנייפּ קען נישט מער ווי איין פּרק „איזהו נשך", מיט וועלכן ער הויבט אָן און לאָזט אויס דעם זמן, און חוז שטיקעוועך מיט מעשיות, בפרט אַ ווינטער זמן, וואָס איז אָן ימים טובים ! מיר נאַראָנים פּלעגן פאַר יעדער מעשה צאָלן מיט באַבעס און מיט אַרבעס, און איינמאָל זיך צונויפגעלייגט פאַר שפּרינצע׳ן אויף אַ רויטן באַרכענען שפּענצער.

פאַר דעם באַרכענעם שפּענצער, האָט אונז זרח קנייפּ דער־ציילט, ווי אַזוי דער רבונו של עולם קלייבט אויס פון זיין אוצר אַ נשמה און בלאָזט זי אַריין אין אַ גוף.

און איך האָב מיר פאָרגעשטעלט, אַז ביים רבונו של עולם אין אוצר זיינען אויסגעלייגט די נשמות, ווי די סחורה ביי מיין מאַמע׳ן אין געוועלבל, אין אַלערליי שאַכטל, רויטע, גרינע, ווייסע, בלאָע... און אַרומגעבונדן מיט שטריקלעך.

.6

— און אַז גאָט, דערציילט דער רבי, קלייבט אויס אַ נשמה, און איז גוזר אויף איר, זי זאָל אַראָפּגיין אויף דער זינדיגער וועלט, ציטערט זי און וויינט...

דערנאָך קומט צו איר אַ מלאך אין דער מאַמעס בויך אַריין, און לערנט מיט איר אויס כל תורה כולה. נאָר אַז עס קומט די רעכטע צייט, גיט איר דער מלאך אַ שנעל אין דער נאָז און זי פאַרגעסט צוריק דאָס לערנען.

— דעריבער, — זאָגט דער רבי, — האָבן אַלע אידישע קינ־דער צעשפּאָלטענע אויבערשטע ליפּן...

דעם אייגענעם טאָג פאַרנאַכט האָבן מיר זיך נעגליטשט אונ־טער דער שטאָט און איך האָב דערזען, אַז די שקצים: יאַנטעק, וואַיטעק און יאַשעק האָבן צעשפּאָלטענע אויבערשטע ליפּן גלייך מיט אונז.

— יאַשעק! — האָב איך מיר איינגעשטעלט דאָס לעבן און געפרעגט: „מי טאַקזשע מאַיעש דושא?״

— אַ טאָביע, פּשאַ דושאַ, צאָ דאָ טעגאָ? — האָב איך געהאַט אַ קלאָרע תשובה.

.7

חוץ ביי אַ מלמד, האָב איך מיך געלערנט ביי אַ לערער שריי־בען.

דעם לערער האָט מען געהאַלטן אין שטאָט פאַר אַ גרויסן

אפּיקורס און די שכנים האָבן זיך נישט געמישט מיט זיינע כּלים.

ער איז געווען אַן אלמן, און מען האָט נישט געגלויבט, אַז גיטעלע, זיין טאָכטער, א מיידל אין מיינע יאָרן, זאָל קענען גוט כשר מאַכן פלייש.

ער איז אָבער געווען א גרויסער מושלם, און מיין מאַמע האָט געוואָלט, אַז איר בן יחיד זאָל קאָנען שרייבן.

— איך בעט אייך זייער, ר' לערער, — האָט זי געזאָגט, — איר זאָלט מיט אים נישט לערנען קיין שום אפּיקורסישע זאַכן: קיין תנ"ך, קיין פּסוק, נאָר לערנט אים אויס שרייבן א אידיש בריוול, פּשוט א „שלום לאהובי" בריוול.

און פונדעסטוועגן ווייס איך נישט, צי דער לערער האָט גע־האַלטן וואָרט.

אַז איך האָב אים דערציילט די שאלה מיט די צעשפּאָלטענע ליפּן, איז ער אַריינגעפאַלן אין א שרעקלעכן כעס; ער האָט זיך ראַפּטום אויפגעשטעלט, אַוועקגעקאָפּעט מיט'ן פוס דאָס בענקל און אָנגעהויבן אַרומשפּריזן אין שטוב מיט א געשריי: „גראָבע יונגען, רוצחים, פלעדערמייז!"...

ער האָט זיך פּאַמעלעך באַרואיגט, צוריק אַנידערגעזעצט, איי־בערגעווישט די פאַרלאָפענע ברילן און מיך צוגעצויגן צו זיך:

— גלויב נישט, מיין קינד, — האָט ער מיר געזאָגט, — אין אַזוינע נאַרישע זאַכן! דו האָסט דיך גוט צוגעקוקט צו די שקצים אויף דער גליטש? ווי הייסן זיי?

איך האָב אים געזאָגט די נעמען.

— נו, — פרעגט ער מיך, — צי האָט איינער פון זיי אַנדערע מאָדע אויגן? אַנדערע הענט און פיס, אָדער אַנדערע אברים ווי דו? צי לאַכן זיי ניט מיט דיר גלייך? און אַז זיי וויינען, גיסן זיך ביי זיי אַנדערע מאָדע טרערן ווי ביי דיר? פאַרוואָס זאָלן זיי נישט האָבן קיין נשמה גלייך מיט דיר? אַלע מענטשן זיינען גלייך. גלייכע קינדער, איין גאָט איז זייער טאַטע, איין ערד איז זייער לאַנד! אמת, יעדעס פאָלק רעדט זיך איין, אַז ער איז די קרוין פון אַלע פעלקער, אַז נאָר אים האָט גאָט אין זינען; נאָר

מיר האָבן, אַז עס וועט קומען אַ בעסערע צייט, אַ בעסערע, ליכ־טיגערע צייט, ווען אַלע מענטשן וועלן דערקענען איין גאָט, איין געזעץ, ווען עס וועט מקוים ווערן אונזערע הייליגע נביאים׳ס ווערטער, אַז עס וועלן אויפהערן אַלע מלחמות, פאַרשוואונדן ווערן קנאה־שנאה, אַלע וועלן דינען איין בורא עולם, און עס וועט זיין ווי דער פסוק זאָגט: כי מציון תצא תורה ודבר ה׳ מירושלים!...

דעם פסוק האָב איך געדענקט פונ׳ם „ויהי בנסוע" אין דאַוונען.

דער לערער האָט נאָך לאַנג גערעדט, נאָר איך האָב שוין ווייניג וואָס פאַרשטאַנען; איך האָב נישט געקענט גלויבן, אַז אַ „גוי האָט אויך שכל", אַז אַלע מענטשן זיינען גלייך! איך האָב געוואוסט, אַז דער לערער איז אַן אפיקורס; ער גלויבט נישט אפילו אין גלגול, כאָטש איך האָב אַליין געזען, נאָך פראַדעל מופקרת׳ס טויט, ווי עס האָט זיך אַרומגעדרייט אַ שוואַרצער הונט אויפ׳ן דאַך פון הויז, וואו זי האָט געוואוינט.

אויך האָט ער זיך געשניטן די נעגל נישט איבערגעהיפּערט, קיינמאָל נישט צוגעשניטן קיין עדות און אַזוי אַרויסגעוואָרפן דורכ׳ן פענצטער!

איך וואָלט שוין לאַנג אַנטלאָפן פון אים, איך וואָלט אויסגע־זאָגט דער מאַמען, אַז ער רעדט „על השם ועל משיחו" ווען נישט... איר טרעפט שוין אודאי וואָס און וועמען איך מיין...

8.

נאָר דאָס איז מיר אין קאָפּ אַריין, אַז עס וועט קומען אַ צייט ווען די אומות העולם וועלן קומען צו אונז לערנען תורה, און דאָס האָט באַדאַרפט צו זיין היינט־מאָרגן.

ביי אונז איז דעמאָלט געוועזן שוין אמת׳ע משיח׳ס צייטן: מען האָט געפונען דאַרויף אַ שטאַרקן רמז אין דניאל און אַ זיכערן לפ״ק; מען האָט געוויזן עפּעס אַ זוהר מיט אַ מדרש הנעלם, מען האָט אויך פון אויער צו אויער דערציילט, אַז דער קאָזעניצער האָט

אויפגעהערט צו זאָגן תחנון. אויך איז געווען אַ קלאָרע ידיעה פון ארץ ישראל, אַז דאָס יאָר האָט זיך ניט געוויזן קיין פוקס לעבן כותל מערבי.

און מען האָט זיך טאַקע געריכט אַלע טאָג אויף משיח בן יוסף'ן. קהל האָט זיך געלאָזט קאָסטן און איינגעהאַלטן די פּאָ־דאַטקעס; אַז משיח וועט קומען, ווער וועט געדענקען אַזאַ קליינינ־קייט צוריק צו מאָנען!

דעם ערגסטן סוף האָבן געהאַט די ווייבער. נאָך פאַראיאָרן זיינען איינגעפאַלן די טרעפּ פון מקוה. אַ צען מאָל האָט מען ניט געלאָזט „אויסנעמען", איידער מען האָט צוזאַמען גענומען געלט אויף אַ ניי געהילץ. נו, עס ליגט שוין, בה"ש, גרייט, עס איז אָבער פאָרט אַ שאָד צו דינגען אַ באַלמעלאָכע, אַן עבירה די פּאָר קערבּ־לעך!

און איך בין זיכער געווען, אַז אין אַ קורצער צייט וועט דער איינגענער יאַשעק, וואָס איז מיר נעכטן אונטערגעלאָפן אויף דער גליטש, בשעת איך האָב געמאַכט „אַ שוסטער", וואָס דורך אים האָב איך שיר נישט האַלז און לייב צעבראָכן; דער איינגענער וואָיטעק, וואָס ווייזט מיר אַלע מאָל אַ חזיר־אויער, און דער איי־גענער יאַנטעק, וואָס ציילט אונז: ראַז, דוואַ, טשי — אַז אַלע דריי וועלן קומען צו מיר בקידה והשתחויה פרעגן אַ דין, למשל: פון מוקצה!

און איך רחמן בן רחמנים, וועל זיי נישט געדענקען זייער שלעכטס, וואָס זיי האָבן מיר געטאָן; איך וועל זיי זאָגן. איך וועל זיי מקרב זיין און אויסזאָגן דעם סוד פון דער אייזערנער מיט דער פאַפירענער בריק; אָנזאָגן זיי הזהר והזהר, אַז זיי זאָלן זיך נישט דערוועגן צוצוגיין צו דער אייזערנער בריק. אמבעסטן, האָב איך מיך געטראַכט, וואָלט געווען, זיי זאָלן זיך גאָר האַלטן פון דער ווייטנס, אַבי זיי זאָלן ראַטעווען זייערע נשמות...

.9

ערב ראש השנה האָב איך געענדיגט „איזהו נשך" און האָב געפּילט דעם טעם פון יציאת מצרים.

ר' יוזל, מיין נייער רבי, האָט מען מיר געזאָגט, קנייפּט נישט. אפילו שלאָגן, שלאָגן ער נישט אומזיסט. רבי יוזל'ען האָב איך אלע מאָל געזען ביים דאַוונען, ער איז געווען א הויכער איד מיט גרויסע ברעמען, אַז מען האָט ביי אים קיין אויג נישט אַרויסגע־זען. ער פלעגט טראָגן אָפן דעם קאַפּטאַן און פון אונטער דער לאַנגער צוויי־שפּיציגער ווייסער באָרד, האָט פון ביידע זייטן אַרויס־געשטאַרט דער טלית קטן. געגאַנגען איז ער שטיל און שטיל האָט ער גערעדט, גלייך אַלץ וואָלט געווען א סוד. דערביי האָט ער גאַנץ לאַנגזאַם אַרויף און אַראָפּ געשאָקלט מיט'ן קאָפּ, אויפגעהויבן די ברעמען, צוזאַמענגעצויגן דעם שטערן ,אַרויסגעשטעקט ביידע ליפּן מיט די וואָנצן און אַריינגעשטעקט ביידע הענט אין גאַרטל אַריין; יעדעם וואָרט האָט זיך געדאַכט, איז איינס פון די וויכטיגסטע זאַכן, אַז די רייד שטייען טאַקע ברומו של עולם.

ר' יוזל איז אַמאָל געווען א „משולח" ביי איינעם פון די גרויסן גוטע אידן. עד היום האָט ער פון רביים אין קאָמיסיאָן: פאַרשפּראָכענע בוימל, מטבעות, קמעות און שמירה'לעך; ער איז דער ערשטער אין שטאָט אָפּצושפּרעכן עין־הרע'ס, און אַז דער רב איז נישט בקו הבריאה זאָגט ער פאַר אים, שבת הגדול, ראש השנה, און מאַכט אַ מאָל א הספד. דער רב איז געווען אַן אַלטער שוואַכער איד און רבי יוזל האָט זיך געריכט „איבער הונדערט און צוואַנציג יאָר" זיין אָרט צו פאַרטרעטן.

א חוץ דעם איז ר' יוזל געווען א באַרימטער בעל־תקיעה, און אַז ער פלעגט מאַכן די ברכה פאַר תקיעות, האָט טאַקע, ווי זאָגט מען, א פיש אין וואַסער געציטערט.

און איך בין געוואָרן מלא גאוה, אַז איך וועל זיין ר' יוזל'ס תלמיד.

נאָך פאַר יום־כפּור האָב איך געהאַט די געלעגנהייט צו ריידן

מיט ר׳ יוזל׳ען וועגן דער נשמה.

די נשמה איז געוואָרן ביי מיר אַ מין אידייע פיקס. זי איז מיר נישט אַראָפּגעגאַנגען קיין רגע פון די געדאַנקען. דאָס ערשטע האָט מיר ר׳ יוזל אַרויסגעשלאָגן פון קאָפּ דאָס חבר׳קייט מיט די אומות העולם, און אַריינגעשלאָגן אין אַמביציע מיט „אתה בחרתנו״.

„נישט אומזיסט״, האָט ער געזאָגט, „ליידן מיר גלות, בזוי בזיונות און אַזוינע מכות, וואָס שטייען נישט אין דער תוכחה! מיר זאָלן גלייך זיין מיט די אומות העולם, וואָלטן מיר געהאַט עולם הזה גלייך מיט זיי. „דאָס קינד, וואָס דער טאַטע האָט ליב — דאָס שמייסט ער״, עס זאָל וועלן לערנען און אַריינקומען אין אַלע שערי בינה״...

— נאָר אפילו ביי אונז, אידן, זאָגט רבי יוזל, זיינען נישט אַלע נשמות גלייך: עס זיינען דאָ גראָבע, פּראָסטע נשמות ווי זרח קנייפּ למשל. דיין לערער, דער אפּיקורס, האָט אַ נשמה בבחינת קורח; עס זיינען פאַראַן נשמות גרויסע, נאָר גרויסע: טייל קומען אַרויס פון דער „חתירה״ פון אונטער׳ן כסא הכבוד; עס זיינען פאַראַנען גאָר, גאָר נשמות עליונות בבחינת קמח סולת.

איך האָב ווייניג פאַרשטאַנען פון די בחינות און בפרט פון דער חתירה פון אונטער׳ן כסא הכבוד; איך האָב נאָר געוואוסט וואָס מען מיינט קמח סולת, און האָב מיר פאַרגעשטעלט דעם חלוק פון נשמות, ווי צווישן ראַזאָווע־מעל, קאָרן־מעל, ווייצן־מעל און מעל, וואָס מען נעמט לכבוד שבת אויף חלה. די גרעסטע נשמות מוזן זיין מיט זאַפרען און ראָזינקעס!

10

— נאָר דער עיקר, — זאָגט ר׳ יוזל, — זיינען יסורים.

— קיין איינציגע נשמה ווערט נישט פאַרלוירן, אַלע מוזן צוריקקומען צו דער מדרגה, אויף וועלכער זיי זיינען געוועזן איידער זיי זיינען אַראָפּגעקומען אויף דער וועלט, און געריינינט

ווערן די נשמות נאָר דורך יסורים; דער בורא עולם מיט זיין גרויס רחמנות שיקט אויף אונז יסורים, מיר זאָלן זיך דערמאָנען, אַז מיר זיינען נאָר בשר ודם, אַ חרס הנשבר, אַ גאָר־נישט און אַז ער גיט נאָר אַ קוק אויף אונז, צעפאַלן מיר און ווערן בטל כעפרא דארעא... נאָר אויף יענער וועלט רייניגט מען אויך די נשמות.

און ער האָט מיר דערציילט, וואָס מען טוט אַלץ מיט די אָרימע נשמות אין די שבעה מדורי גיהנום...

.11

צווישן די ימים טובים האָב איך געהאַט מער צייט אומצוקוקן זיך אין דער היים. פאַר סוכות איז געווען ביי אונז אַ וועש

איינמאָל ביינאַכט האָט זיך מיר גע׳חלום׳ט, אַז איך בין אויף יענער וועלט. איך זע, ווי מלאָכים שטעקן ארויס די הענט פון הימל און כאַפּן אַרויף נשמה׳לעך, וואָס קומען צוריק פון דער וועלט. די מלאָכים קלויבן זיי איבער: גאָר די ריינע, די ווייסע ווי שניי, פליען זיי ווי טויבן אַרויס פון די הענט, גלייך אין גן־עדן אריין. די ברודיגע — שיט מען אָן אַ באַרג, און דעם באַרג וואַרפט מען אריין אין ים הקרח, וואו עס שטייען שוואַרצע מלאָכים מיט פאַרשאַרצטע הענט און וואַשן זיי. נאָך דעם קאָכט מען זיי ערשט איבער אין גרויסע, שוואַרצע טעפּ, ביים פייער פון׳ם גיהנום.

און אַז מען דריקט אויס פון זיי דעם ברוד, און אַז מען פּרעסט זיי, הערט מען דאָס געוויין פון די נשמות מסוף העולם עד סופו.

צווישן דער ברודיגער וועש דערקען איך דעם לערער׳ס נשמה; זי האָט געהאַט זיין לאַנגע נאָז, זיינע איינגעפאַלענע באַקן, זיין שפּיציג בערדל און האָט געטראָגן זיינע גרויסע בלויע ברילן. מען האָט זי געוואַשן, און זי איז וואָס אַמאָל שוואַרצער געוואָרן...

און אַ מלאך האָט אויסגערופן: „דאָס איז דעם לערער׳ס, דעם אַפּיקורס׳ס נשמה!״.. דערנאָך האָט דער אייגענער מלאך צו מיר געזאָגט מיט כעס: אַז דו וועסט גיין אין זיינע דרכים, וועט דיין נשמה אויך זיין אַזוי ברודיג און מען וועט זי אַלע נאַכט אַזוי וואַשן, ביז זי וועט פאַרפאַלן ווערן אויף כף־הקלע.

— איך וועל נישט גיין אין זיינע דרכים! — האָב איך אַרויסגעשריען פון שלאָף.

די מאַמע האָט מיך אויפגעוועקט, אַראָפּגענומען מיר די האַנט פון האַרץ.

— וואָס איז מיט דיר, תכשיט מיינער? — האָט זי געפרעגט דערשראָקן. — דו שווימסט דאָך אַרום אין שוויים!

— פאו, פאו, פאו! — האָט זי מיך אָפּגעבלאָזן.

— מאַמע, איך בין געוועזן אויף יענער וועלט!...

אין דער פרי האָט מיך די מאַמע גאַנץ ערנסט געפרעגט, אויב איך האָב נישט דאָרט דעם טאַטן געזען? איך האָב געזאָגט: ניין!

— אַ שאָד, אַ שאָד! — האָט זי באַדויערט, — ער וואָלט דיר אודאי עפּעס געזאָגט פון מיינעטוועגן.

.12

וואָס קומט אַרויס, אַז דער לערער מאַכט חוזק אפילו אויס חלומות! אים צוליב, נאָך מער גיטל׳ען צוליב, האָב איך אים געוואָלט ראַטעווען; איך האָב אים דערציילט מיין גאַנצן חלום. ער האָט אָבער געזאָגט, אַז אַ חלום איז אַ נאַר; ער מאַכט זיך נישט פון אַזוינע זאַכן.

ער וויל מיר ברענגען ראיות פון תנ״ך און פון דער גמרא, אַז חלומות זיינען פּלעווּעס, שישקעס און וואַנצן; איך פאַרשטעק מיר אָבער די אויערן מיט די קליינע פינגער און וויל נישט הערן. איך האָב געזען באַשיינפּערלעך, אַז ער איז פאַרפאַלן, אַז זיין

גזר דין וועט זיין ביטער, אז איך דארף אים ווייכן ווי אן עיפּוש, אז ער וויל אומברענגען מיין נשמה — מיין יונגע נשמה!

וואס קומט אָבער ארויס? הונדערט מאָל האָב איך מיר צוגע־זאָגט, אז איך וועל אַלץ דערציילן דער מאמען, און האָב קיין איינ־ציג מאָל נישט געהאַלטן וואָרט.

א סך מאָל האָב איך שוין געהאַט אָפּן דאס מויל צו זאָגן— האָט זיך מיר אָבער אַלץ געדאַכט, אז גיטעלע שטייט הינטער דער מאמעס פּלייצעס, פאַרשפּרייט צו מיר אירע דראָבנע הענטלעך, ווינקט צו מיר מיט די גרויסע אויגן: „ניין! בעט זי זיך, ניין! זאָג נישט!"

און דאָס געבעט אין אירע אויגן איז שטאַרקער פאַר מיין פרומקייט. איך פיל, אז נישט נאָר אין פייער און וואסער, נאָר אין גיהנום אריין וואָלט איך מיך פאַר איר געוואָרפן.

און עס איז מיר דאָך געוועזן א גרויסע שאַד: די מאמע און אַלע מיינע מלמדים האָבן געגלויבט באמונה שלמה, אז פון מיר וועט אַמאָל ארויסוואַקסן עפּעס גאָר א גרויסע זאַך...

.13

איך בין פּטור געוואָרן זרח קנייפּ מיט זיין פּריעה־נאָגל, עס איז מיר דאָך נישט בעסער געוואָרן.

איך בין שוין אַלט געוועזן זעכצן יאָר שדכנים האָבן שוין געריסן ביי דער מאמע'ן די פּאָלעס און איך האָב נאָך געהאַט א קינדישע טבע אראָפּצוכאַפּן וואַקס מוצאי יום כפּור פון'ם שלחן און צו קנעטן אין חדר אונטער'ן טיש.

דער שמש פלעגט מיר זיין דערפאַר א שונא אויפ'ן לעבן, און איך האָב געהאַט דערפאַר צרות אין חדר.

— וואו האַלטסטו? — פרעגט ר' יוזל.

איך בין פאַרטראַכט און לייג אויף דער גמרא די גאַנצע האַנט: אַלע פינף פינגער מיט'ן שטיק וואַקס.

ר' יוזל איז בלאַס געוואָרן פאַר כעס. ער עפנט דאָס שופלאָדל,

נעמט אַרויס אַ דין שטריקל און בינדט מיר צוזאַמעןביידע גראָבע פינגער און אַזוי שטייף, אַז עס האָט מיך אָנגעכאַפּט ביים האַרץ.

נישט דאָס נאָך האָט ער געמיינט.

ער איז צוגעגאַנגען צום בעזים און האָט גאַנץ לאַנגזאַם אויסגעקליבן און אַרויסגעריסן אַ ווייך דין ריטל. מיט דעם ריטל האָט ער מיך געשמיסן איבער די צוזאַמענגעבונדענע הענט.. ווי לאַנג? מיר האָט זיך געדאַכט, עס דויערט אייביג. און אַ וואונדערלעכע זאַך, איך האָב די יסורים מקבל געווען באהבה; איך האָב אין זין געהאַט, אַז דאָס שיקט דער רבונו של עולם אויף מיר יסורים, איך זאָל תשובה טאָן און נישט מער גיין צום לערער.

אַז די הענט זיינען מיר שוין גוט געשוואָלן געוואָרן און די הויט איז אָנגעלאָפן מיט אַלערליי קאָלירן, האָט ר׳ יוזל אוועקגעלעגט דאָס ריטל און געזאָגט: גענוג! מער וועסטו שוין קיין וואַקס ניט קנעטן!

איך האָב פונדעסטוועגן ווייטער געקנאָטן.

איך האָב געהאַט דאָס גרעסטע פאַרגעניגן דערפון, אַז איך האָב געמאַכט פונ׳ם וואַקס וואָס איך וויל. איך האָב געפילט, אַז איך האָב איבער עפּעס צו שאַפן.

איך פלעג אויסקנעטן אַ קאָפּ פון אַ מענטש, דערפון געמאַכט אַ קאַץ אָדער אַ מייזל, דערנאָך האָב איך אַרויסגעצויגן פון די זייטן פליגל, געשפּאָלטן דעם קאָפּ אויף צווייען און עס איז אַרויס אַ קרוין־אָדלער. נאָר דערנאָך האָב איך פון ביידע קעפּ און ביידע פליגל געפלאָכטן אַ קוילעטש אין פירן.

איך אַליין בין אָבער אויך געווען אַזאַ שטיק וואַקס.. מיך האָט געקנאָטן ר׳ יוזל, דער לערער, די מאַמע און ווער עס האָט נאָר געוואָלט. גיטעלע האָט מיך צעגאָסן!...

.14

מען האָט מיך געקנאָטן ווי וואַקס, נאָר מיר האָט עס וויי געטאָן!

איך געדענק גאנץ גוט, אז עס האָט מיר ווי געטאָן; נאָר פאר וואָס? וואָס איז גראָד מיך אָנגעגאנגען די נשמה?

מיינע חברים האָבן פון מיר געלאכט, זיי האָבן מיר א נאָמען געגעבן „נשמה יונג", און ווי נאריש דער נאָמען איז געווען, אזוי פיל צרות האָב איך פון אים געהאט.

איך בין פארטראכט, איך קלער וואָס מיין סוף וועט זיין, ווען איך וועל שוין כוח האָבן מיך אויסצודרייען פון שטנ'ס האנט; איך רעכן מיך אָפּ מיט מיין אייגענער נשמה. איך זאָג איר מוסר, איך זידל זי.. ראפּטום גיט מיר איינער א שנעל אין דער נאָז: „נשמה יונג!" — איך וויל פארגעסן אין מיינע צרות, פארטיף מיך אין א וועלט־קשיא, שפּאן צוזאמען א שווערן תוספות מיט א הארבן רמב"ם, בראָק איין א „פני יהושע" און מיש אוים מיט'ן „תומים"; איך בין שוין גאָר אויף אן אנדערער וועלט: אוים לערער, אוים גיטעלע, אוים נשמה... עס הויבט זיך שוין אָן צוזאמענצושרויפן אינ'ם מוח, אָט פאל איך שוין אויף דער המצאה, דאָס רעכטע וואָרט ליגט מיר שוין אויף דער שפּיץ צונג — ראפּטום גיט מיר אימיצער א פייף אין אויער אריין: „נשמה יונג!"; עס הילכט, אין מוח פּלאצט עפּעס, אוים רמב"ם, אוים תוספות, אוים פני יהושע, אוים תומים... צוריק אויף דער ערד!

איך שטיי שמונה עשרה, איך האָב א פול הארץ און פולע אויגן מיט געוויין. „רפאנו ה' ונרפא" בעט איך מיט גרוים כונה, און מיין ניט חלילה דעם גוף, די נשמה מיין איך: הייל, רבונו של עולם, הייל מיין אָרימע יונגע נשמה! „דאָס איז דער נשמה יונג" ווייזט איינער אין מיטן אויף מיר—אוים כונה!

אזוי האָב איך געליטן טאָג און נאכט.

.15

גיטל'ען האָט מען געהאלטן פאר א גרויסע חכמה: דער פאָטער פּלעגט זי אנדערש נישט רופן נאָר „חכמה מיינע"; שכנות פּלעגן זאָגן, אז זי איז קלוג ווי דער טאָג; ווען זי זאָל אזוי פרום זיין ווי

קלוג זי איז, וואָלט געווען א פריידּ פאַר איר מאַמען אין גן־עדן. מיין מאַמע פלעגט זי אויך שטענדיג לויבן, אז זי איז א גרויסע מחוכמת, וואָלט זי נאָר בעסער כשר געמאַכט פלייש, וואָלט זי זיך אליין אזא שנור געוואונטשן.

און איינמאָל, אז איך האָב ניט געטראָפן דעם לערער אין דער היים און גיטעלע איז אליין געווען, איז מיר איינגעפאַלן, איך זאָל זיך מיט איר אן עצה האלטן איבער דער נשמה.

די פיס האָבן אונטער מיר געציטערט, די הענט—געוואָרפן, דאָס הארץ — געצאַפּלט, די אויגן האָב איך אריינגעשטעקט אין דער ערד ווי א טרפה מעסער און האָב פאָרט געפרעגט: מען זאָגט, גיטעלע, אז דו ביזט א קלוגע, זאָג מיר, איך בעט דיך, וואָס איז אזוינס נשמה?

זי האָט געשמייכלט און געענטפערט:

— אָסור, אויב איך וויים!

נאָר פּלוצלונג איז זי טרויעריג געוואָרן, טרערן זיינען איר געקומען אין די אויגן אריין.

— איך האָב מיך דערמאָנט, — זאָגט זי מיר, — אז ווען די מאַמע, עליה השלום, האָט געלעבט, האָט דער טאַטע שטענדיג געזאָגט, אז זי איז זיין נשמה... זיי האָבן זיך אזוי ליב געהאַט...

איך וויים ניט פון וואַנען עס האָט זיך צו מיר גענומען, נאָר איך האָב זי אין דער אייגענער רגע אָנגעכאַפּט ביי דער האַנט און געציטערט, און געפרעגט:

— גיטעלע, דו וואָלסט געוואָלט זיין מיין נשמה?

און זי האָט מיר גאַנץ שטיל געענטפערט: יאָ!

.16

און וויפיל גליקן האָב איך אָלץ געהאַט!

א גליק, וואָס גיטעלע איז געווען א בת יחידה, איך—א בן יחיד און ביידע יתומים, איז עס אונז לייכטער געווען צו פּועל'ן; א גליק, וואָס דער לערער האָט צוזאַמענגעלייגט א פּאָר הונדערט רובל

גדן און מיין מאַמע האָט זיי נויטיג געדאַרפט אין געוועלבל אַריין; א גליק, וואָס איך האָב פּלוצלונג באַקומען — און טאַקע גאָר אומזיסט, — א שלעכטן שם, אַז איך וואַקס אַן אפּיקורס און קיינער האָט מיך ניט געוואָלט אויפכאַפּן. און דאָס גרעסטע גליק איז געווען, וואָס איך בין געפאַלן אויף א שכל און האָב אונטער־געשיקט ציפּע די וואַטע־מאַכערין, א שדכנ'טע, א מויל אויף שרוי־פען, און האָב איר צוגעזאָגט גאָר באַזונדער צו געבן א סך געלט! פונדעסטוועגן האָט נאָך אַלץ די מאַמע געוויינט איבער מיר: אוי, ווען דיין טאַטע זאָל אויפשטיין פון קבר און זאָל זען מיט וועמען איך טו, וואָלט ער דאָך נאָכאַמאָל פון חרפּה געלייגט זיך אין קבר אַריין.

דעמאָלט בין איך געפאַלן נאָך אויף א שכל: איך האָב ווייטער אין מיטן דער נאַכט אָנגעהויבן שרייען, איך בין נאָכאַמאָל געווען אויף יענער וועלט. נאָר דאָס מאָל שוין אָפּגעגעבן דער מאַמען א גרוס, אַז דער טאַטע באַשטייט אויפ'ן שידוך.

און איך האָב געקראָגן א נייע נשמה...

ווענוס און שולמית

אין קלויז אונטער'ן אויוון זיינען געזעסן צוויי ישיבה־בחורים, חיים און זעליג. חיים האָט געלעזן הויך פון א געשריבן ביכל, און זעליג הערט צו און פארריכט א שוך מיט א פראָסטער נאָדל־פאָדים.

„...און שיין איז חנה געוועזן ווי ווענוס...״

— זאָג מיר זעליג, איך בעט דיך, וואָס מיינסטו מיט'ן וואָרט ווענוס? — האָט חיים א פרעג געטאָן.

— ווענוס איז א מיטאָלאָגישער גאָט — האָט אים זעליג גע־ענטפערט, שטעכנדיג אין שוך אריין.

— וואָס איז אזוינס מיטאָלאָגיע?

— דאָס ווייסטו אויך נישט, חיים?... דו געדענקסט יענע וואָך איז געקומען צופאָרן א משונה'דיגע בריאה מיט א לאַנגן פאַרטוך און מיט א רויט מיצל, און האָט פארקויפט בזיל־הזול לאַקרעץ־פּלעצל מיט נאָך אנדערע זיסע זאכן?

— אהא!

— דאָס איז געוועזן א גרעק, און עס איז דאָ אזא גאַנץ פאָלק, וואָס הייסט מיט'ן נאָמען „גרעקן".

— און אַלע פאַרקויפן לאַקרעץ־פּלעצל?

— גיי, דו נאַר, זיי האָבן זייער אייגן לאַנד — „גריכנלאַנד"... די גרעקן זיינען אן אַלט פאָלק... זיי ווערן דערמאָנט אין תנ"ך. זייער לאַנד הייסט „ארץ יון", זיי אַליין—„יונים".

— וואָסער יון? נישט פון דעם קומט ארויס „איוואַן"?

— חס ושלום! יונים זיינען גאָר גרעקן — „מלכות יון", אָט

די יונים זיינען אמאָל געווען זייער א שטאַרק און א געבילדעט פאָלק... דו האָסט אודאי געהערט: אַריסטו, סאָקראַט; זיי ווערן דאָך געבראַכט פון אונזערע חכמים, ווי פונ׳ם רמב״ם... אריסטו, למשל, האָט געגלויבט, אז די וועלט איז א קדמון... דאָס אַלץ זיינען גרעקן, נאָר די גרעקן, כאָטש זיי זיינען געווען געבילדעט, געקאָנט מאָלן, זעגן, שניצן און אַלע שיינע מלאכות, זיינען זיי פאָרט געווען פּראָסטע געצן־דינער, האָבן זיי פּראָסט געדינט עבודה זרה.

— או—וואַ!

— זעסט דאָך! און אָט די מעשיות, די ספּורים פון די געצן, פון די אָפּגעטער, הייסט מיטאָלאָגיע.

— אַהאַ! נו, און וואָס איז ווענוס?

— אין דער מיטאָלאָגיע איז ווענוס די געטין פון שיינקייט...

— וואָס הייסט געטין?

— פאַרשטייסטו: ביי זיי האָט יעדער פאַך, יעדע מלאכה א באַזונדערן גאָט. ווי, למשל, מען זאָגט ביי אונז אז יעדע אומה האָט איר שר... למשל שניצעריי, פּאָעזיע, שיינקייט, געזונטקייט, גבורה...

— האָט דאָס אַלץ געטער? נאָר וואָס מיינט מען געטין? א קליין געטל?

— ניין, גאָט איז אַן „ער", געטין איז א „זי".

— הא? נקבות? זיי האָבן אריינגעזעצט אין הימל אריין נקבות?

— ע, חיים, פאַרוואָס מענער יאָ און נקבות נישט?

— אמת; איך האָב אָבער געמיינט, זעליג, אז געטער דאַרפן זיין נישט זכרים און נישט נקבות...

— דו מוזסט וויסן, חיים, אז די גרעקישע געטער זיינען גלייך צו מענטשן; דער חילוק איז נאָר דאָס, וואָס זיי לעבן אייביג. דערפאַר האָבן זיי גלייך ווי מענטשן קינדער, ווייבער און פּלגשים, נאָר שטאַרבן קענען זיי באַין אופן נישט! אָט, למשל, דער העכ־סטער פון זיי, יופּיטער אַליין, דער גרעסטער גאָט, וואָס האָט דעם

דוגער אין דער האַנט און אַלע געטער ציטערן פאַר אים אימת מות; ער אַליין איז פונדעסטוועגן א פאַנטאָפּעל, א גאָרנישט ביי זיין ווייב יונאָנא, ווי א פּראָסטער מלמד ביי דער רביצין. איך האָב דיר שוין אַמאָל דערציילט פון דעם פילאָסאָף סאָקראַטעס'עס ווייב, פון דער מרשעת קסאַנטיפּע; זי איז געווען א הונט געגן דער יונאָנא! היינט שטעל דיר פאָר, וואָס פאַר א צרות יופּיטער האָט געליטן; ער האָט זיך אודאי צען מאָל אין טאָג געוואונטשן דעם טויט... נאָר ניין, שטאַרבן קאָן ער נישט!

— הכלל—ווענוס?

— אָט ווענוס איז די געטין פון דער שיינקייט! אצינד וועל איך דיר פאָרלעזן איר געשיכטע.

זעליג האָט אוועקגעלייגט דעם האַלב־פאַרריכטן שוך, אַרויס־געשלעפּט א ברודיג פּאַפּיר פון בוזעם און אָנגעהויבן לעזן:

— ווענוס, אַפראָדיטא, אַפּאָגענא, פּאָנטאָגענעא, אַנדיאָמעטא...

— דאָס איז דייטש? איך פאַרשטיי דאָך נישט קיין וואָרט—האָט זיך חיים געוואונדערט.

— נאַרעלע, דאָס זיינען די נעמען, וואָס ווענוס האָט געהאַט אין פאַרשיידענע לענדער אין גריכנלאַנד און דערנאָך אין רוים. זי האָט מער נעמען, ווי יתרו; וואָס טויגן מיר די נעמען. לייען די מעשה בעסער!

זעליג לעזט:

„אונטער די פאַרשיידענע נעמען איז ווענוס געווען הייליג אין די פאַרשיידענע שטעט, אַלס געטין פון דער ליבע".

— שוין נישט שיינקייט?

— אַלץ איינס! „זי איז נישט געבאָרן געוואָרן פון א מאַמען, זי איז אַרויסגעשפּרונגען פון ים, זי איז א בילד שיינע נקבה, זייער א רייצנדע..."

— א רייצנדע? וואָס הייסט דאָס?

— דאָס הייסט זי האָט יעדן גערייצט, אויפגעקאָכט דאָס בלוט, וכדומה.

— אהא!

— „זי האָט מען פאַרגעשטעלט גאַנץ אָדער האַלב־נאַקעט...״

— פּע!

— „איר מאַן איז געווען וואולקאַן...״

— וואָס איז דאָס פאַר א מין חיה?

— אויך א גאָט, דער גאָט פון פייער... ענלעך צו אונזער תובל־קין; ער האָט דערפונדן די מלאכה פון אייזן קאָוועז, דאָס הייסט אויף דייטש די „שמיעדע־קונסט״. פאַרשטייסט?

— א ביסל.

— „נאָר מיט אים האָט זי קיין קינדער נישט געהאַט...״

— געטער גט׳ן זיך נישט און האָבן חתונה אָן חופה וקדושין. „דערפאַר אָבער האָט זי געהאַט קינדער מיט אַנדערע געטער און מיט מענטשן אויך״.

— ווי הייסט? גלאַט אַזוי, ממזרים הייסט עס?

— זיי זשע נישט קיין שוטה, חיים! אז געטער זיינען פּטור פון חופה, קדושין און גט, איז ביי זיי נישטאָ קיין ערוה און קיין ממזרים...

— יאָ, אודאי, אז מען וואַשט זיך נישט, דאַרף מען נישט בענטשן; דו זאָגסט דאָך אָבער מיט מענטשן אויך?...

— נו, וואָס זשע איז? הלמאי אונזערע בני־אלהים, וואָס זיינען דערמאָנט אין פּסוק...

— נו, נו, לייען ווייטער...

— „מיט מאַרס׳ן האָט זי געהאַט צוויי קינדער...״

— ווי זאָגסטו: מרס צי מרסנא?

— נישט מרס, נישט מרסנא, נאָר מיט מאַרס, מיט׳ן גאָט מאַרס, דאָס איז דער „איש מלחמה״, דער גאָט פון מלחמות, דער קריגסגאָט...

— „צוויי מיט באַקכוס׳ן, מיט׳ן גאָט, וואָס האָט צו שאַפן איבער וויין און אַנדערע משקאות״.

— דאָס מוז זיין א מין לוט, א גוטער שכור.

— „צוויי מיט מערקור״...

— ווער איז דער?

— מערקור איז דער גאָט פון גנבים, סוחרים, משולחים!

— זייער א נעמיינער שידוך!

— מיט איינעם אנכיזעס, א פּראָסטן בשר ודם, האָט זי זיך געטראָפן ערגעץ לעבן א טייך, זייענדיג פארשטעלט אין א פּאַס־טושקע; פון דער וויזיט איז געבאָרן געוואָרן א אינגל... אמאָל האָט זיך איר געטראָפן אזא מעשה: עס האָט זי נאָכגעיאָגט א חברה רוצחים — האָט זי זיך באהאַלטן אין א הייל און האָט גערופן הערקולעסין".

— ווער איז דאָס?

— דאָס איז א שטאַרקער גאָט, נישט אפילו א גאַנצער גאָר א האַלבער גאָט; איינער אליין האָט ער אויסגערייניגט אין איין טאָג 36 פערד־שטאַלן....

— ווייטער, ווייטער, זעליג; עס הויבט שוין אָן צו נודיען און קאָפּוויר צו גיין, כ'לעבן.

— „הערקולעס איז נעקומען אין דער הייל אריין, ער האָט אריינגעלאָזט די רוצחים איינציגווייז, איינעם נאָכ'ן אנדערן, מען האָט זיי צערעכט געמאכט"...

— פע, חלשות!

— „די ווענוס פלעגט זיך שטאַרק נוקם זיין אין די, וואָס האָבען געלאַכט אויס דער ליבע. איינוואוינער פון שטעט האָט זי פארוואנדלט, דאָס הייסט מגלגל געווען, אין אָקסן".

— גענוג! — האָט חיים אויסגעשריען, אויפשפרינגענדיג,— עס קערט זיך די גאַל! ווענוס, א געטין, כאַ־כאַ־כאַ! געהאַט טויזנט מאַנען, גע'הרג'עט, געשטאָכן, געקוילעט, נאוף, זנות, רציחה, פע!

חיים האָט אויסגעשפינן און זעליג איז אויפגעשטאַנען אין צאָרן.

— ע! — האָט זיך זעליג אָפּגערופן באַליידיגט, — דו ווייסט וואָס דו רעדסט און וואָס דו שפּייסט... דו נעמסט א טייער, שיין מלבוש, און טוסט עס אָן אויף דער לינקער זייט, דרייסט איבער דעם ספּאָדעק און מאַכסט א פורים שפּיל!... ווענוס איז נאָר א

משל, אזא מין אידעאל, אויף אזא'ן ארט, למשל, ווי אין שיר השירים שולמית...

— אקוראט, כא־כא־כא! שעמען מעגסטו זיך, זעליג! פונקט גלייך! שולמית אין שיר השירים איז א געזונטע, א פרישע, א שטיק אייזן! די ברידער האבן איר געהייסן היטן זייערע וויינגערטנער, האט זי איר וויינגארטן נישט געהיט; דאס פנים איז איר אפגעברענט, נאר זי איז נישט קיין ציגיינערין; דער האלז איז ווייס ווי מירמלשטיין; זי שמעקט מער, ווי אלע פעלדער, וועלדער און גערטנער צוזאמען. זי קוקט נישט אראפ פאר בושה און בלאזט זיך נישט ווי א אינדיק; זי קוקט גלייך, זי האט זיך נישט וואס צו שעמען. זי האט אזוינע גוטע, ווארימע הארציגע אויגן, ווי צוויי גוטע טויבן! און ליפן האט זי — צוויי דינע, רויטע פעדים. זי שנירט נישט דאס פיסקל און מאכט נישט קיין מיאוס'ע העויות; זי רעדט גלייך, און האניג גיסט זיך איר פון מויל!... אז דו זעסט זי, קומט דיר קיין שלעכטער געדאנק נישט אריין אין קאפ; גאר פארקערט: דו פארלירסט גאר די געדאנקען. זי גיט אויף דיר א קוק מיט איין אויג, לאזסטו דיינע אראפ ווי א גנב; דיין הארץ אין דיר הויבט אן ציטערן און צאפלען, ווי א געקוילעטער האן. זי איז איינפאך, ריין און ציכטיג, ווי ערשט־געפאלענער שניי! אט קומט אן דער זומער, א ניי לעבן אויפ'ן פעלד און אינ'ם גארטן, די טורקל־טויב הויבט אן צו ברומען, די בלומען הויבן אן שפראצן, דער פייגנבוים בליט, די וויינטרויבן בלישטשען! אלץ ווערט אויפגעלעבט, אלץ האט זיך אויפגעכאפט צו נייעם לעבן און איר הארץ האט דערפילט א ניי געפיל! פלוצים איז דאס געפיל געקומען און באלד מיט'ן גאנצן שרעקלעכן כוח! שטארקער ווי דער טויט איז איר ליבע, טיפער ווי דאס גיהנום איז איר קנאה. און איר ליבע איז אייביג, טייכן וועלן זי ניט פארפליסן, דער ים אליין וועט זי נישט פארלעשן... און ליב האט זי נאר איינעם: א יונגן, שיינעם פאסטוך; זי ווייסט נישט, אז דער פאסטוך טראגט א קרוין אויפ'ן קאפ, אז ער איז דער גרעסטער מלך אויף דער וועלט! זי איז פראסט, אפן און ערלעך, זי קאן נישט

שפּילן קיין ראָמאַן, קיין „טשיטשיבאַבע", איר טוט ווי, וואָס ער איז נישט איר ברודער פון איין טאַטן און פון איין מאַמען, זי זאָל אים קענען קושן פראַנק און פריי אין אַלע גאַסן! אָט! דאָס איז שולמית! דאָס איז, ווי דו זעסט, אַן אידעאַל פון אַן אמת'ער אידישער טאָכטער, וואָס האָט אַ טאַטן און אַ מאַמען, נישט ווי דיין ווענוס די אויסגעלאַסענע.

— דו פאַרגעסט אָבער איין זאַך — האָט אים איבערגעשלאָגן זעליג, — דו פאַרגעסט, אַז דאָס אַלץ, דאָס הייסט די מיטאָלאָגיע איז נאָר משלים; דאַרונטער שטעקן פילאָזאָפישע און רעליגיעזע געדאַנקען.

— אדרבא, פאַרקערט! גאָר פאַרקערט די סברא! ווי פאַר־קליידט מען הויכע געדאַנקען אין נידעריגע משלים? ווי פאַר־בינדט מען בריליאַנטן אין אַ ברודיגער שמאַטע? און וואָס הייסט? צי אין דען ביי אונז אידן שיר השירים נישט קיין משל? איז דען נישט שלמה דער רבונו של עולם אַליין, דער מלך שהשלום שלו? און שולמית איז דען ניט די כנסת ישראל? די ריינע, נאָר פאַרשוואַרצטע כנסת ישראל?! נאָר סודות אַהין, סודות אַהער, שולמית איז טאַקע שולמית, און ווענוס, להבדיל אלף אלפי אלפים הבדלות, איז אַזוינס, וואָס איז נישט ווערט די רייד! הערסטו, זעליג ימח שמה!!! מעק אויס איר נאָמען פון דיין ספר און שרייב — ווי הייסט דאָס מיידל, וואָס דו באַשרייבסט? חנה, דאַכט זיך?

— חנה.

— נו, שרייב, אַז זי איז אַזוי שיין געווען, ווי... אָדער ניין, שרייב נישט! הערסטו! זאָלסט דיך נישט דערוועגן, עס וואָלט געווען אַ העזה פון דיר; לאָז דיין חנה מיט די פיסלעך, ווי די שפּילקע־קעפּלעך גלייך זיין צו וועמען דו ווילסט, צו מרים'ן מיט דער פויק, צו אביגיל'ן, צו רחב'ן, צו דלילה'ן, לאָז זיין צו וועמען דו ווילסט, אפילו צו אסתר המלכה; נאָר נישט צו שולמית, קיינע קען נישט גלייך זיין צו איר, קיינע נישט, הערסט?!...—

אין פאָסט-וואָגן

א.

ער האָט מיר אַלץ דערציילט אויף א מאָל, אין איין אָטעם, אין איין מינוט כמעט, בין איך געוואויר געוואָרן, אז ער איז חיים, יונה הרוביעשיוּוער'ס איידעם, בערל קאָנסקיוואָלער'ס זון, און אז דער לובלינער גביר מערענשטיין, געהער אים צו א פעטער פון דער מוטער, עליה השלום'ס צד. נאָר דער פעטער זיינער פירט שוין כמעט א גוי'ש הויז; טרפות, ווייסט ער נישט אויב מ'עסט, נאָר אומגעוואשן—האָט ער אַליין געזען...

עס איז עפּעס, זאָגט ער, אַנדערע מאָדנע ברואים: לאַנגע האַנטעכער ליגן אויף די טרעפּ, איידער מען גייט אריין מוז מען געבן א קלונג; אין שטוב זיינען אויסגעשפּרייט געמאָלטע טיש־טעכער... מענטשן זיצן ווי אין א תפיסה, גייען שטילערהייט ווי גנבים... בכלל, זאָגט ער, איז ביי זיי שטיל ווי רחמנא לצלן צווישן טויב־שטומע...

זיין ווייב האָט אזא מין משפּחה אין ווארשע. נאָר צו זיי קומט ער נישט; גלאָט זיי זיינען קבצנים אויך — „וואָס טויגן זיי מיר? הא?"...

ביים לובלינער פעטער איז נישט ווי גאָט האָט געבאָטן, איז ער ווענינגסטנס אַן עושר. נו, אז מען רייבט זיך לעבן א פעטן, ווערט מען אויך פעט; וואו מען האַקט האָלץ פאַלן שפּענער, וואו עס איז א סעודה קען מען אָפּלעקן א ביין... אָבער דאָרט—קבצנים!

ער ריכט זיך אפילו מיט דער צייט צו קריגן א שטעלע ביים לובלינער פעטער. די געשעפטן, זאָגט ער, זיינען שלעכט. היינט

האנדלט ער מיט אייער, ער קויפט זיי אין די דערפער און שטעלט זיי אָפּ קיין לובלין. פון דאָרט גייען זיי קיין לאָנדאָן... מען זאָגט, אַז דאָרט לעגט מען זיי אין קאַלך־אויוון אריין און עס קומט פון זיי אַרויס הינער... „עס מוז זיין ליגנד... די ענגלענדער מוזן גאַנץ איינפאַך ליב האָבן אייער!”, נאָר סיי ווי סיי—דאָס געשעפט איז דערוויַיל דערשלאָגן...

אַלץ בעסער דאָך ווי תבואה! תבואה איז גאָר גע׳הרג׳עט. באַלד נאָך דער חתונה איז ער געוואָרן א תבואה־סוחר. ער איז געוועזן א לערן־קינד, האָט מען אים צוגענומען א שותף אַן אַלטן סוחר... דער סוחר, האָט אים אויסגעמאַכט דאָס אויער, פּשט פּשוט געפּריצעוועט...

ב.

אינ׳ם פּאָסט־וואָגן איז פינצטער, איך האָב חיים׳ס פּנים נישט געזען, און, עד היום ווייס איך נישט, ווי אַזוי ער האָט אין מיר א איד דערקענט... אַז ער איז איינגעשטיגן בין איך געזעסן אין ווינקל און געדרימלט, זיין קול האָט מיך ערשט אויפגעוועקט.... פון שלאָף רעד איך נישט... אפשר האָב איך א אידישן קרעכץ גע־געבן ? אפשר האָט ער דערפילט, אַז מיין קרעכץ און זיין קרעכץ זיינען איין קרעכץ?

ער האָט מיר אפילו דערציילט, אַז זיין ווייב קומט אַרויס פון וואַרשע, אַז עד היום שמעקט איר נישט קאָנסקיוואָליע...

— געבוירן, פאַרשטייט איר מיך, איז זי אין הרוביעשאָוו, נאָר דערצויגן געוואָרן איז זי אין וואַרשע: ביי דער טרפה׳נער משפּחה דאָרט, א יתומה געוועזן...

אין וואַרשע האָט זי זיך אָנגעשמעקט מיט אַנדערע זאַכן. זי איז א גרויסע בריה אין פּוילישן, דייטשערישע אַדרעסן לייענט זי ווי א וואַסער. זי זאָגט אפילו, אַז זי קען שפּילן, נישט אויף א פידל, נאָר עפּעס אויף אַן אַנדער מאָדע כלי...

— און איר ווער זיינט? — כאַפּט ער מיך פּלוצלונג אָן ביי דער האַנט.

פון שלאָפן איז שוין נישט געווען וואָס צו רעדן, און אָנגעהויבן אינטערעסירן האָט ער מיך שוין אויך. עפּעס א מעשה, א קליינ־שטעטלדיגער יונגער מאַן, א ווייבל, אויפגעצויגן אין ווארשע, דאָס קליינע שטעטל שמעקט איר נישט... פון דעם קען עפּעס זיין, טראַכט איך, מען דאַרף געוואויר ווערן אַקוראַט, עפּעס צולעגן, וועט זיין א ראָמאַן... וועל איך באמת צוברעקן א מין גזלן, א קאָ־טאָרזשניק, אריינהאַקן א פּאָר באַנקראָטן און צוריישען א פּיפּער־נאָטער, וועל איך אויך זיין אינטערעסאַנט.

איך בויג מיך צו, צו מיין שכן און זאָג אים ווער איך בין.

— אַזוי, — זאָגט ער, — איר זיינט עס טאַקע, איר אַליין... און זאָגט מיר, איך בעט אייך, ווי נעמט עס א מענטש צייט און קאָפּ, זיך אויסצוקלערן מעשיות?...

— איר זעט דאָך!

— איך ווייס? האָט איר געמוזט א גרויסע ירושה קריגן און איר לעבט פון פּראָצענט.

— חס ושלום, מיינע עלטערן לעבן, ביז הונדערט און צוואַנ־ציג יאָר...

— האָט איר געמוזט אויף דער לאָטעריע געווינען!

— אויך נישט...

— וואָס דען?

איך האָב אים באמת נישט געוואוסט וואָס צו ענטפערן...

— האָט איר פון דעם פּרנסה?

איך ענטפער אן אמת אידישע תשובה: בע!

— און דאָס איז אייער גאַנצע פּרנסה, גאָר אָן א צושפּרונג?

— דערווייל...

— אָ־וואַ! וואָס האָט איר, איך בעט אייך, דערפון?

— זייער ווייניג!

— אויך טויט?

— געה'רג'עט...

— שלעכטע צייטן, — זיפצט מיין שכן.

א פּאָר מינוט איז שטיל געווען, מיין שכן קען דאָך לאַנג נישט

— זאָגט מיר, איך בעט אייך, נאָך וואָס טויגן די מעשיות? איך מיין נישט אייך, חלילה, — פאַרבעסערט ער זיך, — חס ושלום, א איד דאַרף פרנסה. צאַפּט ער פון דער וואַנט; דאָס איז ביי מיר נאָר קיין קשיא נישט... וואָס טוט נישט א איד פאַר פרנסה? אָט, האָב איך נישט געקראָגן קיין געלעגנהייט, פאַר איך מיט דער פּאָסט, גאָט ווייסט אויב איך זיץ נישט אויף שעטנז. נאָר דעם עולם מיין איך, וואָס טויגן זיי די מעשיות? וואָס פאַר א תכלית שטעקט דערינען? וואָס שרייבט מען אין די ביכלעך?

ער וואַרט נישט אויף תשובה און ענטפערט זיך אליין:—

— עס מוז גלאַט זיין אַזא מאָדע, א מין קרינאָלינע, א קשיא אויף ווייבער!

— און איר, פרעג איך אים, — איר האָט נאָך קיין מאָל נישט געלעזן די ביכלעך?

— אייך מעג איך דאָך זאָגן, איך האָב יאָ אפילו א שטיקל ידיעה דערפון... אָט אַזוי גרוים...

ער האָט מיר אודאי אָפּגעמאָסטן א שטיקל אויפ'ן פינגער, א נאָגל מיט א שטיקל פלייש צו, נאָר עס איז פינצטער געוועזן.

— עס האָט אייך פאָרט אינטערעסירט?

— מין? חס ושלום! אַלץ מיין ווייב! די מעשה דערפון, פאַרשטייט איר, איז אַזוי געווען: עס וועט זיין א יאָר 5—6, טאַקע 6, א יאָר נאָך דער חתונה — מיר האָבן נאָך קעסט געגעסן... האָט זיך עפּעס געמאַכט, אַז מיין אשה איז נישט געוועזן אין גאַנצן; נישט חלילה קראַנק, זי איז אַרומגעגאַנגען, נאָר אַזוי, נישט בקו הבריאה....

איינמאָל פרעג איך זי, וואָס איז איר...

— אייגנטלעך, — כאַפּט ער זיך צוריק, — ווייס איך נישט, נאָך וואָס איך דול אייך דעם קאָפּ מיט אַזוינע זאַכן...

— אדרבא, — זאָג איך אים, — דערציילט ר' קרוב...

מיין שכן לאַכט:

— מען דאַרף שטרוי אין מצרים? איר דאַרפט מיינע מעשיות, איר קענט אייך נישט אויסקלערן אליין?

— דערציילט, ר' קרוב, דערציילט...

— איר שרייבט, אפנים, פאר יענעם לינגד, און פאר זיך ווילט איר אמת?

אז מען זאָל שרייבן אמת, פאלט אים נאָר נישט איין...

— נו,—מאכט ער,—זאָל זיין אזוי...

— נו, — דערציילט מיין שכן, — עס איז קיין בושה נישט: אין א באזונדער חדר האָבן מיר געוואוינט, א יונגער מאן בין איך געוועזן, מער צוגעלאָזט צו אזוינע זאכן—פרעג איך זי, וואָס עס איז איר, לאָזט זי ארוים א געוויין...

איך האָב אויף איר שטארק רחמנות געהאט. אויסער דעם, וואָס זי איז, קיין עין הרע, ביז הונדערט און צוואנציג יאָר, מיין ווייב — איז זי נאָך—א יתומה... און אין דער פרעמד, טאקע עלנט!

— ווי הייסט עלנט?—וואונדער איך מיך.

— מיין מאמע, עליה השלום, איז, פארשטייט איר, נפטר געוואָרן, א יאָר צוויי פאר מיין חתונה, און מיין טאטע, עליו השלום, האָט שוין קיין אנדער ווייב נישט גענומען.

מיין מאמע, זכותה יגן עלינו, איז געוועזן אן אשה צנועה, און מיין טאטע האָט זי נישט געקענט פארגעסן... נו, איין אידענע אין שטוב... דער טאטע אליין, עליו השלום, האָט קיינמאָל קיין צייט נישט געהאט... כמעט א גאנצע וואָך אויף די דערפער געוועזן, ער האָט געהאנדלט מיט כל המינים, וואָס איר ווילט נאָר— אייער, פוטער, שמאטעס, חזיר־האָר, לייוונט.

— און איר?

— איך בין געזעסן אין בהמ"ד און געלערנט... נו, א ווייבל אליין, האָב איך גערעכנט, האָט זי מורא... ווי קומט אָבער ווייגען דערצו? „ניין"—זאָגט זי—„זי נודיעט זיך"... נודיעט זיך? וואָס הייסט דאָס?

געזען האָב איך, אז זי גייט ארום ווי איינער אין שלאָף. אמאָל רעדט מען צו איר און זי הערט נישט, אמאָל פארטראכט זי זיך און קוקט אויף דער וואנט, און קוקט, און קוקט... אמאָל מאכט זי מיט די ליפן, און מ'הערט נישט איר קול... נאָר וואָס הייסט

נודיען זיך? אַלץ ווייבערשע זאַכן. אַן עס לא היה די נשים... א איד, א מאַנסביל נודיעט זיך נישט... א איד האָט גאָר קיין צייט נישט זיך צו נודיען, א איד איז הונגעריג אָדער זאַט; אָדער אַן עסק, אָדער אין בית המדרש, אַניט שלאָפט ער... האָט מען שוין גאָר צייט, רויכערט מען א ליולקע־ציבוך—אָבער נודיען זיך?

— פאַרגעסט נישט, — זאָג איך אים, — א אידענע אָן תורה, אָן קהל'שע זאַכן, אָן תרי"ג מצות...

— דאָס איז טאַקע די מעשה; איך האָב מיך טאַקע באַלד אָנגעהויבן שטויסן, אַז נודיען זיך איז א מין ליידיג־גיין, א מין בטלה, וואָס מ'ווערט שיעור משוגע דערביי. אונזערע רבותים האָבן שוין דאָס לאַנג געזען ברוח הקדש... איר קענט די קליינע אותיות? הבטלה מביאה לידי שעמום! על פי דין טאָר קיין ווייבל נישט גיין ליידיג, זאָג איך איר טאַקע: טו עפּעס! זאָגט זי, זי וויל „לעזן"!

„לעזן" איז אויך ביי מיר געוועזן א משונה וואָרט... געוואוסט, אפילו, האָט מען שוין, אַז ביי די, וואָס לערנען זיך שרייבן, הייסט לערנען „לעזן", להבדיל, ביכלעך מיט ציימונג. איך האָב אָבער נאָך דעמאָלט נישט געוואוסט, אַז זי איז אַזאַ מלומדת... זי פלעגט מיט מיר ווייניגער רעדן ווי איך מיט איר! זי איז אפילו א הויכע אידענע, נאָר פלעגן פלעגט זי האַלטן דעם קאָפּ אַראָפּ, די ליפּן פאַר־ביסן, גלייך זי קאָן קיין צוויי נישט ציילן... זי איז בכלל געוועזן א שטילע... א שאָף! און שטענדיג איז איר אויפ'ן פנים גע־וועזן אויסגעגאָסן אַזאַ מין פאַרזאָרגעניש — גלייך עס וואָלט איר א שיף מיט זויער־מילך אונטערגעגאַנגען... זי וויל — זאָגט זי — לעזן. און וואָס? פּויליש, דייטש... זאָל זיין עברי־טייטש, אַבי לעזן...

און דאָ איז אין קאָנסקיוואָלע קיין זכר פון קיין ביכל נישטאָ! רחמנות האָב איך אויף איר, אָפּזאָגן קען איך איר נישט... זאָג איך איר צו, אַז ווען איך וועל זיין ביים פעטער אין לובלין, וועל איך איר ברענגען ביכלעך...

— און דו האָסט גאָרנישט?—פרעגט זי.

— איך? חס ושלום!

— וואָס דען טוסטו גאַנצע טעג אין בית המדרש?

— איך לערן!

— איך וויל אויך לערנען,—מאַכט זי.

איך גיב איר צו פאַרשטיין, אַז גמרא איז, להבדיל, קיין מעשה־ביכל נישט, אַז זי איז נישט פאַר ווייבער, אַז עס איז גאָר דאָ א דעה אין דער גמרא, אַז נקבות, טאָרן נישט לערנען, אַז גמרא איז לשון קודש.

עס האָט אָבער נישט געהאָלפן! מ'זאָל וויסן דערפון אין קאָנסקיוואָליע וואָלט מען מיך פאַרשטיינערט, און זיי וואָלטן גע־רעכט געווען! איך וועל אייך נישט לאַנגברייען, איך וועל אייך דערציילן קורץ און בקיצור, זי האָט אַזוי לאַנג מיך געבעטן, גע־וויינט, גע'חלש'ט; אַזוי לאַנג, אַזוי ברייט, ביז זי האָט גע'פועל'ט. איך פלעג מיך יעדע נאַכט אַנידערזעצן און פאַרטייטשן איר א בלאַט גמרא...

איך האָב אָבער פריער געוואוסט דעם סוף...

— און דער סוף איז געווען?

— פרעגט גאָר נישט... איך האָב איר איבערזעצט א בלאַט „ארבעה אָבות נזיקין”... השור והבור, והמבעה, וההבער... און טאַקע מיט רש”י, מיט תוספות, מיט מהרש”א... איך האָב גע־קנאַקט, און זי — איז דערביי נאַכט אויף נאַכט איינגעשלאָפן... עס איז נישט פאַר קיין אידענע!

א גליק האָט מיך געטראָפן, אַז אין דער גרויסער זאווערוכע, וואָס עס איז אין דעם יאָר געווען, האָט זיך א פאַקן־טרעגער פאַר־בלאָנדזשעט קיין קאָנסקיוואָליע, האָב איך איר אַהיים געברענגט א פוד, א גאַנץ פוד מעשה ביכלעך... אַצינד ווייטער איז געוואָרן פאַרקערט... זי האָט מיר געלייענט, און—איך בין איינגעשלאָפן...

און עד היום—מאַכט ער—וויים איך נישט, נאָך וואָס עס טויגן די מעשה־ביכלעך. פאַר מאַנסבילן אודאי נישט! אפשר שרייבט איר נאָר פאַר ווייבער?

ד.

דערווייל האָט אָנגעהויבן טאָגן...

אין דער טונקעלער בויד האָט אויפגעטויכט מיין שכנ׳ס געל, לאַנג און דאַר פּנים; אַ פּאָר אונטערגעשלאָגענע, מידע, רויטע אויגן.

ער האָט געוואָלט, אפּנים, זיך נעמען צו דאַוונען פון פּאָרנט; ער האָט געווישט די פאַרטויטע שויב פון פּאָסט־וואָגן, נאָר איך האָב אים איבער:

— זאָגט נאָר, איך בעט אייך, ר׳ קרוב, האָט אויף מיר קיין פּאַראיבל נישט, הייִנט איז שוין אייער ווייב צופרידן?

— ווי הייסט צופרידן?

— זי גודיעט זיך נישט מער?

— זי האָט הייִנט אַ „שטעל" מיט זאַלץ און מיט הערינג... איין קינד ביי דער ברוסט... צוויי — צו קעמען און וואַשן... מיט געזלעך שנייצן איז זי יוצא פּאַר אַ טאָג...

ער ווישט נאָך אַ מאָל די שויב, איך שטער אים ווייטער—

— זאָגט ר׳ קרוב — ווי זעט אויס אייער ווייב?

מיין שכן שטעלט זיך אויף, וואַרפט אויף מיר אַ זייטיגן בליק, באַטראַכט מיך פון קאָפּ ביז די פיס און פרעגט מיך שטרענג:

— וואָס איז, איר קענט מיין ווייב? פון וואַרשע, וואָס?

— חלילה, — ענטפער איך אים. — איך מיין גלאַט, טאָמער בין איך אין קאָנסקיוואָליע, וויל איך זי דערקענען...

— איר ווילט זי דערקענען! — שמייכלט ער באַרואיגט, — מהיכי תיתי! האָט איר אַ סימן: זי האָט אַ פּעפּער אויף דער לינקער זייט נאָז!

ה.

דער איד איז אַראָפּגעקראָכן פון פּאָסט־וואָגן, ער האָט זיך מיט מיר געזעגנט, שטייענדיג שוין אויפ׳ן שטאָפּל, פון דער ווייטנס, און גאָר קאַלט.

ער איז מיך, אפנים, חושד, אז איך קען פאַרט זיין ווייב, און אפשר, אז איך געהער צו זיין טרפה'נער משפחה.

איך בין געבליבן איינער אַליין, נאָר פון שלאָפן איז שוין נישט געוועזן וואָס צו רעדן. דער פרישער מאָרגן האָט מיך דורכגענו־מען; מיין ליטעראַרישער פּאַלטאָ איז אונטערגעשלאָגן מיט ווינט, און דער קילער מאָרגן גנב'עט זיך מיר אַריין אין אַלע גלידער. איך האָב מיך צוריק פאַרוקט און אָנגעשפּאַרט אין ווינקל. דרויסן האָט אָנגעהויבן שיינען די זון. עס קען זיין, אַז איך בין געפאָרן אין אַ הערליכער געגנט. די ערשטע שטראַלן פון דער זון, האָבן אפשר זיך הערצליך געקושט מיט שפּיצן פון בערג, מיט גרינע בוימער, און אפשר געגליטשט זיך אויף אַ שפּיגל־בלאָען טייך... איך האָב דאָך די העזה נישט געהאַט צו עפענען דאָס קליינע פענצ־טערל...

אַ אידישער ליטעראַט האָט דרך ארץ פאַר קעלט; איך האָב מיך גענומען „אויסצוקלערן", ווי דער איד זאָגט, אַ מעשה. דאָך אַנדערע מחשבות האָבן מיר איבערגעשלאָגן...

צוויי פאַרשיידענע וועלטן, אַ מאַנישע וועלט, און אַ ווייבערשע וועלט... אַ וועלט מיט „ארבעה אָבות נזיקין", און אַ וועלט מיט מעשה־ביכלעך, וואָס מען קויפט אויפ'ן פוד!

לעזט ער ווערט זי אנשלאָפן; לעזט זי ווערט ער אנשלאָפן... ווייניג האָבן מיר כתות... ווייניג צופאַלן מיר אָף „פראַנצויזישע נעז", „ענגלישע שטעקן", „דייטשע יערגעס", „ליטווישע חזירים", „פּוילישע שנאָרער", „ארץ ישראל שלעפער"... ווייניג אַז יעדעס אבר פון אונזער גוף ליגט אין אַן אַנדערער שטאָל, און האָט אַן אַנדערן קלינגענדיגן ביינאָמען; ווייניג וואָס יעדעס אבר צעפאַלט נאָך אויף פאַרשיידענע חלקים: חסידים, מתנגדים, דייטשן... שפּאַלטן מיר זיך נאָך, אויף זכרים און נקבות... אין יעדערער איינציגער אי־דישער, ענגער, נאַסער, ברודיגער שטוב, מוזן אויך זיין צוויי באַ־זונדערע וועלטן...

לעזט ער — ווערט זי אנשלאָפן, לעזט זי — ווערט ער אנ־שלאָפן.

מ׳וואָלט געדאַרפט, טראַכט איך, על כל פנים די צוויי וועלטן צו פאַראייניקן...

דאָס איז דער חוב פון יעדן אידישן שרייבער... נאָר די אידישע שרייבער האָבן צופיל אייגענע חובות... מען זאָל וועניגסטענס האָבן א צושפּרונג צו דער פרנסה...

מיין קלערן איבער א צושפּרונג צו דער פרנסה האָט איבערגעהאַקט דער פּאָטשטאַליאָן מיט עטלעכע שאַרפע טענער. איך בין דאָך נישט אָראָפּגעגאַנגען פון וואָגן, עס איז מיר א ביסל וואַרעמער געוואָרן, די זון האָט אָנגעהויבן צו ווייזן, אז זי איז נישט קאַרג.

איך האָב ווייטער געקראָגן א שכן, נאָר ביים ליכטיגן מאָרגן האָב איך אים גוט געזען און אפילו דערקענט. עס איז געווען מיינער אַן אַלטער באַקאַנטער, מיר האָבן קינדוויז צוזאַמען זיך געגליטשט, אָפּט געשפּילט אין בעקן־ברויט, כמעט חברים געווען... דערנאָך בין איך געגאַנגען אין ברודיגן פינצטערן חדר אריין, און ער אינ׳ם ליכטיגן פּרייען גימנאַזיום...

אז איך האָב נישט געקענט, האָט מען מיך געשמיסן, פאַר טרעפן דעם מהרש״א׳ס קשיא — געקניפּן אין בעקל, סיי ווי סיי האָט מיר וויי געטאָן; ער איז אַמאָל געזעסן אין קאַרצער און אַמאָל געקראָגן פינפן... איך האָב מיר דעם קאָפּ געבראָכן איבער קתא דמגלא, און ער — איבער גריכישע און לאַטיינישע ציין־קלאַפּעדיגע ווערטער. דאָך האָבן מיר זיך געהאַלטן צוזאַמען. מיר האָבן געלעבט בשכנות; ער פלעגט מיך בסוד לערנען לעזן, דערנאָך באָרגן ביכער, אין די שפּעטערע יאָרן האָבן מיר ביידע איבערגעקערט די וועלט, ליגנדיג אויפ׳ן גרינעם גראָז לעבן טייך... איך האָב געוואָלט דערפינדן אזא מין פּולווער, וואָס זאָל שיסן נאָר פון ווייטנס, אויף הונדערטער מייל, למשל; ער — א באַלאָן, אַרויפצופליען צו די שטערן, ביי יענע מענטשן אויך עפּעס איינפירן א „פּאַריאַדאָק״! מיר האָבן געהאַט שרעקלעך רחמנות אויף דער אומגליקלעכער וועלט, זי איז אריין אין א בלאָטע, ווי שלעפּט

מען זי אַרויס! אַן אומגעשמירטער וואָגן, פוילע פערד, און דער באַלעגאָלע שלאָפט!

דערנאָך האָב איך חתונה געהאַט, און ער איז געפאָרן אין אוני־ווערזיטעט אַריין. קאָרעספּאָנדירט האָבן מיר נישט. פון ווייטנס האָב איך געהערט, אַז עס האָט זיך אים געטראָפן אַ מכשול און איז אָנשטאָט דאָקטאָר -- אַפּטייקער געוואָרן, אין אַ קליין שטעטל ערגעץ...

אַז מיין שכן איז אַריין אין וואָגן, האָב איך שיר נישט אויס־געשריען פאַר פרייד; עס איז מיר וואַרעם געוואָרן אונטער׳ן האַרץ. די הענט האָבן זיך אויסגעשפּרייט, דער גאַנצער קערפּער האָט זיך צו אים איבערגעבויגן, דאָך האָב איך מיך צוריקגעהאַלטן; מיט אַלע כחות צוריקגעהאַלטן.

אַ קשיא אויף אַ מעשה, טראַכט איך, עס איז טאַקע יאַנעק פּאָלניעווסקי, אונזער געוועזענעם סעקוועסטראַטאָר׳ס זון; עס איז טאַקע מיין געוועזענער חבר! ער האָט טאַקע אַמאָל געהאַט ברייטע אָרעם און האָט געוואָלט אַרומכאַפּן די גאַנצע וועלט און אויסקושן איר יעדעס אבר, אויסער די מיאוס׳ע בראָדאַווקעס, וואָס מען דאַרף אָפּשניידן!... נאָר אַ קשיא אויף אַ מעשה... היינטיגע צייטן! אפשר איז ער שוין אַן אַנטיסעמיט, אַ מזיק אין דער „ראָ־לאַ", אפשר זיינען היינט מ י ר אידן די בראָדאַווקעס — וואָס מען דאַרף אָפּשניידן פון אייראָפּע׳ס שיינער נאָז, ער וועט מיך נאָך אָפּמעסטן מיט אַ פּאָר קאַלטע אויגן, אָדער זיך אפילו צוקושן מיט מיר, נאָר זאָגן, אַז איך בין נ י ש ט ווי אַלע אידן...

איך האָב אָבער אַ טעות געהאַט, פּאָלניעווסקי האָט מיך דער־קענט, געפאַלן מיר איבער׳ן האַלז, און נאָך איידער איך האָב צייט געהאַט מיט אים זיך צו צערעדן, באַלד געפרעגט, ווי מיר געפעלט דער פּאָדלע אַנטיסעמיטיזם...

— עס איז עפּעס — זאָגט ער, נאַטירלעך אויף פּויליש, — עס איז עפּעס אַ מ י ן כאָליערע, אַ מין עפּידעמיע...

— טייל זאָגן, אַז עס איז פּ אָ ל י ט י ש . . .

— גלויב נישט, מיינט פּאָלניעווסקי, די פּאָליטיק מאַכט קיין נייעס, באַשאַפט נישט קיין פ א ק ט ן.

זי קען נאָר אויסנוצן די וואָס עקזיסטירן; טייל אונטערדריקן, טייל אויפהויבן. א ליאַדע פונק קען זי צעבלאָזן אויף א גיהנום פייער; נאָר קיין איינציגן פונק דערגליען... די מענטשן־מאַטור, נישט די פּאָליטיק, שפּינט די געשיכטע פעדים, די פּאָליטיק צע־פּלעכט, פאַרדרייט, פאַרקניפּט און פאַרפּלאָנטערט זיי!

דער אַנטיסעמיטיזם איז א קרענק. די פּאָליטיק שטעלט זיך ביים קראַנקן־בעט ווי א נאַרישער שלעכטער דאָקטאָר, וואָס וויל די קרענק פאַרלענגערן.

די פּאָליטיק נוצט אויס דעם אַנטיסעמיטיזם; עס פליט א שטיין אין דער לופט, לענקט אים ביסמארק'ס אונטער־בעלפער אין שול־פענצטער אריין; אז ניט — וואָלטן אַנדערע שויבן געפּלאַצט. עס הויבט זיך אויף א פּראָטעסטירנדיגע פויסט, רוקט מען איר אונטער א אידישע דארע, איינגעגאָרבאַטע פּלייצע — אַז נישט וואָלטן אַנדערע ביינער געקנאַקט...

אָבער דער שטיין, די פויסט, די שנאה, דער האס — עקזיס־טירן פאַר זיך אַליין...

ווער שטאַרבט אויף א פיזישן אונטערגאַנג? שוואַכע קינדער, איבערגעלעבטע אַלטע לייט, פאַרקרענקטע מענטשן; ווער פאַלט אונטער א מאַראַלישער עפּידעמיע? דאָס פּעבל־קינד, דער איבער־געלעבטער אַריסטאָקראַט און עטלעכע משוגעים, וואָס שפּרינגען אַרויס און פירן דאָס קראַנקע רעדל צום ווילדן טאַנץ! עס האַלטן זיך נאָר געזונטע מוחות!...

— וויפיל געזונטע מוחות האָבן מיר?—פרעג איך.

— וויפיל? זייער ווייניג, ליידער! — ענטפערט פּאָלניעווסקי.

מיר זיינען טרויעריג שטיל געבליבן. וואָס מיין שכן האָט געקלערט ווייס איך נישט, מ י ר האָט זיך געדאַכט, אַז אפילו די געזונטע, אייזערנע מוחות זיינען אויך אָנגערירט. עס זיינען פאַראַנען צווייערליי ציימן אין דער געשיכטע: אַמאָל פירט דער בעסטער, קליגסטער מענטש די מאַסע, און — אַמאָל שלעפּט די מאַסע די בעסטע קליגסטע מענטשן... דער מאַסע־אָנפירער איז

א קאַלאַמבוס, וואָס זוכט פאַר דער מענטשהייט א נײַ גליק, א נײַ אַמעריקע... קוים פעלט אָבער וואַסער און ברויט אויף דער שיף, עמפּערן זיך די שיפסקנעכט און זיי פירן !... דאָס ערשטע דאַרף מען אימיצן קוילען, מען דאַרף אי — פלייש עסן, אי — די רציחה שטילן...

און מײַן נישט — האָט מיר פּאָלניעווסקי איבער די טרויע־ריגע געדאַנקען — אַז איך מאַך מיר אַליין קאָמפּלימענטן, אַז איך האַלט מיך אַליין פאַר דעם שטאַרקן גייסט, וואָס האַלט אויס די עפּידעמיע, פאַר אן אייכענבוים, וואָס דער שטורעם רירט אים נישט פון אָרט...

— ניין, ברודער, — זאָגט ער ווייטער, — איך בין נישט פון די גבורים. איך וואָלט אפשר געוועזן מיט אַלע גלײַך, מיך וואָלט אפשר אויך דער ווינט אָפּגעריסן ווי א פּויל בלעטל פון עץ־הדעת, און מיט מיר אַרומגעדרייט אין דער לופט. א י ך וואָלט אויך געגלויבט, מיט אַלע פּוילע בלעטער צוגלײַך, אַז עס איז בײַ אונז א באַל, אַז מיר טאַנצן מיט חשק, אַז דער ווינט איז אונזער געדונ־גענער קלעזמער, וואָס שפּילט אונז צו אויפ'ן פייפערל...

מיך האָט געראַטעוועט א צופאַל... איך האָב א אידיש ווייבל דערקענט ! — הער !

איך האָב מיך איבערגעבויגן צו מײַן שכן ; זײַן פּנים איז נאָך ערנסטער, נאָך פינצטערער געוואָרן. ער האָט געשטעלט די עלנ־בויגן אויף דער קני און אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אויף די הענט...

— נאָר מײַן נישט, — מאַכט ער צו מיר, — אַז איך האָב דערקענט א העלדין פון א ראָמאַן, אן אייזערנעם כאַראַקטער, וואָס ברעכט צוימען און מויערן און גייט זיך שטאָלץ זײַן וועג ; מײַן נישט אפילו אן „אויסנאַם”, א „געבילדעטע” מיט נייע אידייען, אָדער אן „אידעאַל” בכלל... ניין, איך האָב דערקענט א פּראָסט אידיש ווייבל, פון די בעסערע, נאָר פון די בעסער אומגליקלעכע. איך האָב זי ליב געקראָגן, איך זאָג דיר אויס דעם אמת. און, ווען איך הער אָדער איך לעז עפּעס שלעכטס אויף אידן בכלל... שווימט זי מיר אַרויס פון זכרון מיט אירע פייכטע טרויעריגע אויגן, שטעלט

זיך פאַר מיר און בעט זיך: גלויב נישט, איך בין נישט אַזוי!...
ער פאַרטראַכט זיך.

די געשיכטע איז גאַנץ איינפאַך, וועקט ער זיך און הויבט אָן צוריק צו דערציילן.

מיר האָבן איבער דער גאַנצער צייט נישט קאָרעספּאָנדירט, און דו ווייסט נישט, וואָס מיט מיר איז איבער דער גאַנצער צייט געשען, איך וועל דיר דערציילן קורץ; איך פאָר ביז לוקאָוואַ...

— פון גימנאַזיום בין איך אַריין אין אוניווערזיטעט און שטודירט מעדיצין. איך האָב נ י ש ט געענדיגט... אַ ביסל זיינען חברים, אַ ביסל די לערער און מער נאָך, איך אַליין שולדיג... איך האָב געמוזט אַרויסטרעטן, ווערן אַפּטעקער, חתונה האָבן, נדן נעמען און פאַרלעגן זיך אין אַ קליין שטעטל אַ קראָם פון פּילן מיט ריצן־אויל...

עס האָט מיך דאָך אַ גליק געטראָפן; איך האָב געקראָגן אַן ערלעכן שווער, וואָס האָט מיר אויסגעציילט דאָס געלט באַלד נאָך דער חתונה, אַ גוט און שיין ווייב, אַ נישקשה׳דיג קליין שטעטל...

מיין ווייב האָט געהייסן מ אַ ר י אַ... אָט שטייט זי מיר אַצינד פאַר די אויגן... זי דרייט זיך איבער צו מיר פון שפּינל אומבאַהאָלפן: דער גאָלד־געלאָקטער קאָפּ וויל זיך נישט אונטערגעבן איר דעספּאָטישן קאַם. זיי, די לאָקן, צעלויפן זיך לוסטיג אין אַלע זייטן... זיי ווילן נית ליגן צוגעדריקט אין קראַנץ, וואָס איז דעמאָלט מאָדע געוועזן...

שלאַנק... און אַזוינע גוטע, האַרציג־לאַכנדיגע הימל־בלאָע אויגן...

די פּראַקסע האָט אונז ווייניג געשטערט... דאָס שטעטל איז צו אָרים געוועזן, און אַן אַפּטייק אָן אַ דאָקטאָר איז ווייניג וואָס ווערט. מען האָט זייער ווייניג געלייזט, האָבן מיר טאַקע געלעבט ווי אין גן־עדן... און, זומער איז עס געוועזן, שטענדיג אויף דער ווראַנדע, האַנט אין האַנט, אויג אין אויג, ליפּ אין ליפּ!

און וואָס האָט אונז געזאָלט אינטערעסירן? פּרנסה איז געוועזן, גיין ערגעץ? וואוהין? פון דער ווראַנדע האָבן מיר געזען כמעט דאָס גאַנצע שטעטל... די נידעריגע, איינגעבויגענע הייזלעך,

מיט די הויכע, ברייטע, שוואַרצע הילצערנע בוידעם, וואָס האָבן זיך געבויגן, ווי מיט רחמנות איבער די בייגל־ און אויבס־זיצער־קעס, פון די אָרימע שטעלן פאַר די הייזלעך... גלייך זיי האָבן געוואָלט באַשיצן די איינגעשרומפּענע, אַלטע, אויסגעדאַרטע פּנים'ער פאַר דער זון...

דאָס שטעטל איז אַמאָל רייך געווען, די בוידעם זיינען פול געווען מיט אַלערליי תבואות און פרוכטן; דער מאַרק — מיט פורן, מיט פּויערים, מיט מעקלער; צווישן די ווייסע סיערמיגע־נעס אין די גראָע כאַלאַטן פלעגט זיך אַמאָל באַווייזן אַ גרויסער פּריץ אויך... (אַזוי וועניגסטנס האָט מען מיר אינ'ם שטעטל דער־ציילט), נאָר דער שאָסע מיט דער באַן האָבן דאָס שטעטל אַרויס־געוואָרפן פון דער האַנדל־וועלט, די גאַס איז לער, די בוידעם פול מיט פוילע ציבעלעס און שטיקער קעז — די איינציגע ירושה, וואָס עס איז געבליבן פון די גוטע צייטן...

אָרים — ווי נאָר זיך צו דענקען! אויף יעדן קערצל קאָרן, וואָס אַ פּויער ברענגט, וואַרפן זיך 10 סוחרים, שטייגן דעם פּרייז, אין מיטן גלייכט מען זיך אויס, מען זאָגט זיך צו אָפּטרעט־געלט, אָדער מען קויפט בשותפות — נאָר אַלע צען שאַרן אומזיסט אויף אַלע טאַשן, זיי האָבן פאַר'ן קערצל תבואה נישט צו באַצאָלן, און באָרגן צו די רעשט אויף פּראָצענט...

און 100 שניידער אויף איין פּאָר ביין־קליידער, 50 שוסטער אויף אַ לאַטקעלע... איך האָב נאָך אַזאַ דלות נישט געזען...

מיר האָבן זיך אָפּגערוקט פון שטאָטישן לעבן ווי ווייט עס איז נאָר מעגלעך געווען; די גליקלעכע זיינען עמאַיסטן...

נאָר געננאַיבער אונז, ווי־זאַ־ווי, האָבן מ י ר באַמערקט אַ יונג ווייבל, אודאי נישט מער ווי פון אַ יאָר 18, העכסטנס צוואַנ־ציג. און פון איר האָבן מירביידע נישט געקענט אָפּרייסן אַן אויג... זי, פּראַוודע, פון אונז אויך נישט... עס איז געווען אַ זעלטענע דערשיינונג... שטעלט אייך פּאָר אַ שיינהייט, אַ בילד אין אַ ברודיגער ראַם, ווי נאָר אַ אידיש פענצטער קען זיין אין אַ קליין שטעטל, אונטער אַ שרעקלעך, אויסגעקרימטן דאַך... שטעל דיר

פּאָר, א פּאָר טרויעריגע, טרוימעריש־פייכטע אויגן אויף אן אַלע־באַסטער ווייס פּנים, און—אונטער א האָר־באַנד !...

גאָט ! זי האָט אויף אונז א שרעקלעכן איינדרוק געמאַכט...

שטונדן־לאַנג פלעגט זי שטיין געבויגן איבער׳ן פענצטער, פאַרבראָכן די הענט, און טרויעריג געקוקט אויף אונז, אָדער אויף די שטערן אין הימל, און שלינגען די טרערן ! מיר האָבן געזען, אז זי איז שטענדיג אַליין, עלנט, (אייערע מענער האָבן קיינמאָל קיין צייט נישט), שטענדיג פאַרטרויערט, פאַרבענקט. איר אומ־גליק איז איר געווען אויסגעגאָסן אויפ׳ן בלאַסן פּנים... זי איז זיכער געקומען ערגעץ פון דער פרעמד ; פון א בעסער, פרייער הויז, זי האָט געבענקט ערגעץ ווייט, ווייט אוועק. איר האַרץ האָט געצאַפּלט צו א פרייען לעבן. זי האָט אויך געוואָלט לעבן, ליבן און געליבט זיין... ניין, זאָגט וואָס איר ווילט, עס טרעפט זיך צווישן אייך אָפט די עולה, איר פאַרקויפט אייערע טעכטער... אמת, מיט דער צייט געוואוינען זיי זיך צו, מיט דער צייט פאַרגעסן זיי... זיי זיינען פרום, זיי זיינען גוט, און געדולדיג... נאָר ווער קען איבערציילן די ביטערע טרערן, וואָס פאַלן אויף זייער פאַרשווארצט פּנים, איידער דאָס אויג ווערט אויסגעטריקנט ? ווער קען איבער־רעכענען וויפיל קלעם עס טוט אין האַרץ, איידער עס געוואוינט זיך אָפּצושטאַרבן לעבעדיגערהייט ? און פאַרוואָס קומט עס זיי, צו ווירקלעך וויל זיי זיינען גוט און פרום ?

דו זאָלסט קענען דעם ווייבל׳ס מאַן ; א געלעניש... איינגע־הויקערט... צוויי מאָל געזען אין טאָג האָב איך אים ! אין דער פרי ארויסגיין, ביי דער נאַכט אהיים קומען...

אן עולה...

איר וועט מיר אפשר מודה זיין, אז איך האָב פּאָלניעווסקי׳ן אויף דעם נישט געהאַט וואָס צו ענטפערן...

מיר האָבןביידע געשוויגן א ווײַלע און פּאָלניעווסקי האָט וויי־טער אָנגעהויבן צו דערציילן :

— איין מאָל האָט אונז דאָס ווייבל פאַרפעלט. זי איז א גאַנצן טאָג אין פענצטער נישט געשטאַנען.

„זי מוז קראַנק זיין”, האָבן מיר געטראַכט.

פאַרנאַכט קומט אַריין דער מאַן, דאָס געלעניש, און פרעגט אויף א רפואה.

— וואָס פאַר א רפואה?

— איך ווייס? — מאַכט ער, — א רפואה!

— פאַר וועמעס וועגן?

— דאָס דאַרפט איר אויך צו וויסן? פאַר מיין ווייב'ס וועגן!

— וואָס איז איר?

— אָסור, אויב איך ווייס... זי זאָגט — דאָס האַרץ טוט איר וויי...

אַזויערנאָך, דערציילט פאָלניעווסקי, איז געוואָרן אונזער ער־שטע באַקאַנטשאַפט. איך וועל דיר לאַנג נישט ברייען... א שטי־קעל דאָקטאָר בין איך דאָך. בין איך אַהין געגאַנגען...

פאָלניעווסקי האָט גערעדט שוין האַלבע ווערטער; ער זוכט פאַפּיראָסן, דערנאָך שוועבעלעך, ענדלעך האָט ער אָפּגעהאַקט, גע־עפנט דאָס סאַקוואַיאַזש, און געפּאַרעט זיך עטלעכע מינוט.

איבער דער צייט האָבן מיך געקוועלט פאַרשיידענע געדאַנקען.

איך האָב אָנגעהויבן צוריק צו קוקן אויף פאָלניעווסקי'ן מיט אַנדערע אויגן; זיין דערציילונג האָט מיר אָנגעהויבן ווי טאָן...

ווער קען א מענטש? ווער ווייסט, וואָס אין אים שטעקט? עס הויבט זיך מיר אָן דאַכטן, אַז איך האָב פאַר מיר א קריסטלעכן טבויר, וואָס גנב'עט זיך אַריין אין א אידישער הינער־שטייג. ער עמפּערט זיך צופיל איבער'ן מזל פון אידישע טעכטער, צו לאַנג זוכט ער מיר שוועבעלעך; עפּעס שעמט ער זיך פאַר מיר! פאַר־וואָס וויל ער נישט „לאַנג ברייען”? פאַרוואָס וויל ער מיר נישט דערציילן אַלץ כהויה, מיט אַלע פּרטים? ווער ווייסט וואָס פאַר א ראָליע ער האָט אין דער זאַך געשפּילט, צי נישט די אַלטע ראָליע פון שלאַנג אין גן־עדן? וואָס איז, דאָס געוויסן וועט נישט לאָזן? אויך מיר אַן עסק! א א י ד י ש ווייבל, פאַרוואָס נישט! אַמאָל איז א מצוה געוועזן אָפּצוטויפן, היינט כאָטש צו עמפּערן א אידישע טאָכטער געגן איר גאָט, אירע עלטערן, איר מאַן, און—איר גאַנץ לעבן.

עס הייסט ליבעראַליזם, אַריינגיין אין תפיסה, ברענגען מיט זיך א פרישע כוואַליע לופט, א בונד שטראַלן פון דער זון, אויפוועקן דעם אַרעסטאַנט, געבן אים א שטיקל לעקעך, און פאַרשוואונדן ווערן... נישט צו זען ווי דער אַרעסטאַנט קריצט מיט די ציין, ווען עס דרייט צוריק איבער דער פאַרראָסטעטער שליסל אין שלאָס; ווי פינצטער עס ווערט זיין פנים, ווי ענג אים ווערט די לופט, ווי ספּאַז־מאַטיש ער אָטעמט, ווי ער רייסט פון זיך האָר און פלייש, אָדער באַגיסט, אויב ער קען נאָך וויינען, מיט ביטערע טרערן זיין פאַר־שימלט, פון מייז אויסגעביסן שטיקל קלייען־ברויט...

אויפוועקן א פינצטער, פאַרשלאָפן, פאַרדריקט אידיש־ווייבע־ריש האַרץ, זאָל דאָרטן אויפקלינגען א זיסער ראָמאַנטישער טאָן, זאָל דאָרטן אויפפלאַמען א ניי, ווילד, אומבאַקאַנט, אָדער לאַנג פאַרגעסן, געפיל; אָפּקושן זיך, און דערנאָך — אדיע! פאַרהאַ־מערט די טיר! זאָל איר זויער און ביטער זיין דאָס לעבן.

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

מיר האָבן זיך אַזוי פיל אָנגעגעסן מיט סם, מיט גאַל, מיט האַס, אַז ווען מען דערלאַנגט אונז ברויט מיט זאַלץ, זיינען מיר אויך זיכער, אַז עס איז פאַרגיפטעט... מעג די האַנט ציטערן פאַר רחמנות, מעג אין אויג הענגען א מיטלייד־טרער, אויף די ליפּן — טרייסט...

עס איז שווער צו גלויבן! מיר זיינען אויך אָנגעשטעקט, עס איז אויף אונז אויך אַן אונטערגאַנג!

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

פּאָלניעווסקי האָט דערווייל געפונען זיינע צינד־העלצער און איך האָב אומגערן גענומען א פּאַפּיראָס. מיר האָבן פאַררויכערט, די בודע איז פול געוואָרן מיט בלאָע, רויכיגע רעדער. איך האָב גע־קוקט אויף זיי, נאָכגעיאָגט און געטראַכט: נישט לאַנגער געדויי־ערט דאָס גוטע מיט'ן שלעכטן צוזאַמען!

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

— מיר האָבן זיך דערקענט, דערציילט ווייטער מיין קריסט־לעכער שכן, נאָר צו ענגערער פריינטשאַפט איז נישט געקומען...

— פאַרוואָס ?—פרעג איך אים איבערראַשט.

— פון דער ווייטנס האָבן מיר זיך ווייטער אָנגעקוקט ווי די בעסטע גוטע פריינט, נאָר נישט זי האָט געקענט צו אונז, נישט מ י ר צו׳ן איר קומען.

— זי וואָלט מער ניט באַדאַרפט! עס איז אַן אומגעהויער פרום שטעטל. אויסער דעם פעלדשער און א יונג דאַמען־שניידערל טראָגן אַלע כאַלאַטן...

אויסער דעם, ווייס איך אפשר אַליין נישט, וואָס עס האָט אונז דאָך צוריקגעהאַלטן... נאָר נישט אין דעם בין איך אויסן...

מיך האָט דערווייל געטראָפן דאָס גרעסטע אומגליק, וואָס א מענטש קען טרעפן.

די אַפּטייק האָט גאַנץ וועניג אַריינגעטראָגן און מיין ווייב האָט אָנגעהויבן קרענקען.

טאָג־טעגלעך האָב איך געזען בחוש, אַז זי שטאַרבט מיר אָפּ, און עס איז נישט געווען מיט וואָס צו רעטן. זי האָט באַדאַרפט איטאַליע, און איך האָב נישט געהאַט איר עסן צו געבן... און ביי אַן אָפּצערונג, ווי דו ווייסט, איז דער קראַנקער פול מיט האָפנונג, ער גלויבט נישט אין דער קרענק!

דאָס גאַנצע ווייטאָג, דעם גאַנצן צער מוזטו אונטערדריקן, האַלטן טיף באַגראָבן אין האַרץ. ווען דאָס האַרץ בלוטיגט, מוזטו שמייכלען, דיין שטערן מוז זיין גלאַט! יעדע סעקונדע שטאַרבט אין דיר יעדעס אבר, און דו מוזט העלפן פּלענער מאַכן וואָס עס וועט זיין איבעראַיאָר, ווי אַזוי מען וועט פאַרגרעסערן דאָס הויז, קויפן א פּיאַנע...

דאָס קול האָט זיך אים פאַרענדערט—

„איך בין נישט אימשטאַנד דיר אַלץ צו דערציילן, נאָך אַמאָל איבערצולעבן די אַלע פּינצטערע צרות... נאָר מיין אומגליק האָט מיך צוזאַמענגעבראַכט מיט איר אומגליק. מיר האָבן זיך אַזויער־נאָך נעענטער דערקענט".

פון דער ווייטנס האָט זיך געוויזן לוקאָווא!

— אין די איינציגע מינוטן, וואָס איך האָב נאָך צייט, קען איך זאָגן, אַז אַזאַ אומגליקלעך מענטש ווי דאָס ווייבל איז געווען, און

דערביי מיט אַזוי פיל געפיל און רחמנות פאַר אַנדערע — האָב איך נאָך אין מיין לעבן נישט געזען... און אַלץ אַזוי איינפאַך, נאַטירלעך, נישט איבערגעטריבן...

זי האָט מאַריאַ'ס בעט נישט אָפּגעטראָטן. זי האָט גע'פּועל'ט ביים מאַן, ער זאָל מיר געלט שאַפן אויף קלענערע פּראָצענט. זי איז אונזער וועכטערין, אונזערווירטין, אונזער קעכין, אונזער ערגעבענסטער פריינט געווען!

און אַז מאַריאַ איז געשטאָרבן, איז אפשר שווערער געווען ז י צו טרייסטן ווי מיך!

דעמאָלט האָב איך מיך איבערצייגט, אַז די שנאה צווישן פעלקער איז נ י ש ט נאַטירלעך... נישט מער, עס איז שלעכט אויף דער וועלט; הייסערע, בלוטיגערע אָדער אומגליקלעכערע ווילן פּראָטעסטירן, נאָר דער פאַלשער שרייבער, דער פּאָליטישער אדוואָקאַט שרייבט זיי א דאָנאָס אויף אידן...

איך האָב געזען בחוש, אַז אידן זיינען אונז קיין שונאים נישט, אַז מיר ק ע נ ע ן לעבן בשלום!...

לוקאַווא רוקט זיך אַלץ נענטער און נענטער, און איך האָב אַלץ מורא פאַר'ן סוף, איך האַק אים איבער און פרעג:

— און וואָס איז דער סוף געווען מיט'ן ווייבל?

— איך וויים? איך האָב צו קבורה געברענגט מיין ווייב, פאַרקויפט די אַפּטייק, צעוויינט זיך ביים געזעגענען מיט מיין שכנה, און—גאָרנישט! היינט וואוין איך אין לוקאַווא, עס גייט מיר היינט אויך נישט גוט.

— און זאָג נאָר, ווי הייסט דאָס שטעטל, וואו דו האָסט פריער געוואוינט?

— קאָנסקאָ־וואָליא —

— דיין שכנה איז א הויכע, א בלאָסע?...

— יאָ!

— א דאַרע?

— יאָ; דו קענסט זי? — פרעגט ער דערפרייט.

— זי האָט א פּעפּער אויף דער לינקער זייט נאָז?

— וואָס פאַר א פּעפּער?—לאַכט יאַנעק, וואָס פאַלט דיר איין.

איך קלער, אז איך האָב א טעות געהאַט און פרעג:
— אפשר אויף דער ר ע כ ט ע ר זייט נאָז?
— וואָס פאַר א פעפער? וואָס רעדסטו?
— האָסטו אפשר נישט באמערקט... נאָר איר מאַן איז א נעלער?
— יאָ.
— ער הייסט חיים?
— דאַכט זיך מיר, ניין, און אפשר יאָ, ווייסט דער טייוול...
— אָבער זי הייסט חנה!
— אַך, ווי! שרה! איך געדענק זיכער שרה... איך פלעג זי רופן סאָרוכנא... איר נאָמען וועל איך דאָך נישט פארגעסן!
דער נאַר בין א י ך געווען. א י י ן אידיש ווייבל לעבט אזוי?

די אלמנה

די גראָע רירעוודיגע נעפּל קלייבן זיך צוזאַמען אויף א שוואַר־צען וואָלקן! עס איז דושנע, עס וועט פאַלן א שטאַרקער רעגן; ער שיקט זיך שוין אָנזאָגן דורך עטלעכע דיקע טראָפּן... דאָס שטיבל שטייט אונטער׳ן באַרג. דאָס שטרויענע דעכל איז פול מיט לעכער; עס האָט נישט ווער עס צו פאַרריכטן.

די וואָלקן האָבן פאַרשטעלט די זון. די רעשט ליכט פאַר־שטעלט דער באַרג; אין שטיבל איז כמעט פינצטער. עס איז פאַרנאַכט, באַלד וועט די נאַכט צופאַלן. אין עק, אויפ׳ן קוימען, שטייט א ליידיג לעמפּל מיט אן אָפּגעבראָכן גלעזל אָן נאַפט... עס האָט נישט ווער צו גיין נאַפט קויפן.

אין שטיבל איז שטילער ווי אין דרויסן...

דער קוימען איז נישט ליידיג: עטלעכע ערדענע, האַלב־בע־בראָכענע טעפּלעך, א ביסל אַש... א שטיקל אָפּגעשליפענער ציגל, אייזערנע פיסלעך,—נאָר אָן א פונק פייער. פאַר דער טיר ליגט נאָך א פוילע ליפּע האָלץ, עס האָט נישט ווער זי צו צעהאַקן.

דער באַלעבאָס פון שטיבל איז קראַנק געווען א גאַנץ גייענ־דיג יאָר און וואָס א טאָג איז קלענער געוואָרן דאָס אָפּגעשפּאָרטע קניפּל...

ער האָט געזאַמלט פאַר א קינד׳ס וועגן: „צוזאַמענגעקליבן א רובל 100, אוועקגעגעבן אויף פּראָצענט”... האָט גאָט באַשערט א מיידעלע. „זאָל זיין נדן פאַר איר!”

איז אָבער געקומען די קרענק!

פון קניפּל האָט אַלע מאָל מער געפעלט געלט און דעם קראַנקן —כחות און בלוט... עס האָבן ארויסגעוואַנדערט די כלים פון

שטוב; די לעצטע איז אַרויסגעגאַנגען די ניי־מאַשין... מיט'ן לעצטן דרייער פון קניפּל איז אַרויס אויך די נשמה פון גוף...

דאָס ברודיגע שטיקל לייוונט פון'ם קניפּל הענגט אַצינד איבער א גלאָז וואַסער ביים נשמה־ליכטל.

ביי דער טיר שטייט א קליין אייזערן קעסטל... דאָס איז דער געוועזענער דינסט'ס. זי איז ערשט אַרויסגעגאַנגען זיך זוכן אַן אָרט.

אין ליידיגן שטיבל איז כמעט פינצטער...

אויף דער פּאָדלאָגע שימערט א ביסל צעוואָרפן שטרוי... אויף די פיר ווענט שטאַרן אַרויס פאַרשיידענע נעגל.

אויף זיי האָט געהאַנגען א שפּיגעלע (היינט דאַרף מען עס נישט... די אלמנה וואָלט זיך פאַר איר פּנים דערשראָקן...), א חנוכה־לעמפּל (פאַר וועמעס ווענגן?), עס האָבן געהאַנגען קליידער... יעדער האָט זיך פאַר זיין טויט אָפּגעכאַפּט זיינס!

אין ווינקל שטייט א וויגל; אין וויגל ליגט א קינד. עס שלאָפט.

אויף דער ערד לעבן וויגל זיצט די פרישע אלמנה. די דאַרע הענט געבראָכן, דער שווערער קאָפּ אָנגעשפּאַרט אויפ'ן וויגל... די אויסגעוויינטע אויגן קוקן שטאַר אויפ'ן סופיט.

עס דאַכט זיך, זי לעבט נישט, זי פילט נישט, זי קלערט נישט... איר האַרץ קלאַפּט נישט, זי האָט קיין דופק נישט...

דאָך אין מוח וואַלגערט זיך אַרום א מחשבה; קיין אַנדערע טרייבט זי נישט אַרויס, רירט זי זיך נישט—

—„הענע, האָט ער אַמאָל געזאָגט, דערלאַנג מיר דאָס שערל!" ער האָט עס נישט געדאַרפט, ער האָט דערביי עפּעס קליגעריש געשמייכלט... וואָס האָט ער געוואָלט? איך זאָל צוגיין צו אים? איך האָב געשיילט קאַרטאָפליעס.... צי האָב איך אים דערלאַנגט דאָס שערל? ניין; עס איז עמיץ דערווייל אַריינגעקומען... ווער?"

זי קען זיך נישט דערמאָנען און קלערט אַלץ: ווער?

דאָס קינד דערווייל שלאָפט און שמייכלט אין חלום.

חתונה געהאַט

(דערציילט פון א פרוי)

איך געדענק מיך נאָך פון דער צייט, ווען איך האָב אין צייכן געשפּילט און זומער צייט אויפ׳ן הויף פון ליים חלות געבאַקן; ווינטער בין איך א גאַנצן טאָג געזעסן אין שטוב און געוויגט א קליין ברודערל, וואָס איז געבוירן געוואָרן קראַנק און האָט גע־קרענקט ביז צום זיבעטן יאָר, ווען עס איז געשטאָרבן אויף אן אונטערגאַנג.—

זומער כל זמן די זון האָט געשיינט, איז דאָס אומגליקלעכע באַשעפעניש געזעסן אויפ׳ן הויף, געוואַרעמט זיך אויף דער זון און געקוקט, ווי איך שפּיל אין צייכן.

ווינטער איז עס פון וויג נישט ארויס, און איך האָב אים מעשיות דערציילט און לידעלעך געזונגען. די רעשט ברידער זיי־נען אלע אין חדר געוועזן.

די מאַמע איז שטענדיג געוועזן פאַרנומען, אפשר 10 פּרנסות האָט זי געהאַט, די אָרימע מאַמע: א פשעקופּטע געוועזן, לעקעך געבאַקן, אויף ברית׳ן און חתונות געגאַנגען... טוקערין געוועזן, קברים־מעסטערין, זאָגערין און אזוי אן איינקויפערין פאַר באַלע־באַטישע הייזער.

דער טאַטע איז פאַר 3 רובל א וואָך געוועזן א שרייבער ביי ר׳ זיינוויל טערקעלבוים אין וואַלד. — און דעמאָלט זיינען נאָך די גוטע צייטן געוועזן: די מלמדים — באַצאָלט, דירה־געלט — כמעט צו דער צייט. קיין טרוקן ברויט און מויל אריין נישט גע־פעלט.

טייל מאָל האָט די מאַמע אויף וועטשערע א קולישע געמאַכט.

דעמאָלט איז שוין א גאנצער יום־טוב געוועזן. דאָך האָט עס זעלטן פּאסירט.

די מאַמע פלעגט מערסטנטיילס אהיים קומען שפּעט, מיד; גאנץ אָפּט פארוויינט און פארביטערט. זי קלאָגט זיך, אז עס ווערן איר ביי די באַלעבאָסטעס חובות פארפאלן; אז מען הייסט איר אויסלעגן, דערנאָך — קומען מאָרגן און איבערמאָרגן... דערוויייל ווערן נייע קניות געמאַכט, און צום סוף, אז עס קומט צום חשבון, געדענקט נישט די באַלעבאָסטע, צי זי האָט נישט באצאָלט פאר'ן אייערנעכטן האלב־קווארטירל פּוטער... מען „שטעלט עס דער־וויל אוועק", מען מוז פרעגן דעם מאַן, וואָס איז דערביי געוועזן: ער האָט אן אייזערנעם זכרון, וועט אודאי געדענקען, ווי אזוי דער חשבון איז געוועזן. צומאָרגנס ווייזט זיך אויס, אז דער מאַן איז אהיים געקומען צו שפּעט פון בית־המדרש און זי האָט'ן פארגעסן צו פרעגן; דעם אַנדערן טאָג דערציילט זי מיט א נחת, אז זי האָט געפרעגט דעם מאַן, נאָר ער האָט זיך אויף איר געבייזערט וואָס זי פארדרייט אים דעם קאָפּ: „ער האָט מער נישט צו טאָן, נאָר אויסצוהערן ווייבערשע חשבונות!" און עס בלייבט, אז זי וועט זיך אַליין דערמאָנען.

דערנאָך הויבט זיך איר אָן דאכטן, כמעט אויף זיכער, אז זי האָט דאָס האלבע קווארטירל פּוטער פארעכנט; שפּעטער וואָלט זי מויערן דערויף געשטעלט. און, אז די אָרימע מאַמע דערמאָנט נאָך אמאָל וועגן קווארטירל פּוטער, הייסט זי שוין א חצופה, מאַכט זי א בלבול, וויל זי אויסנארן א האלבן גילדן... איז מען זי מתרה, אז אויב זי וועט נאָך אמאָל א פּיפּץ טאָן וועגן דער פּו־טער, זאָל זי זיך מער אין די אויגן נישט ווייזן!

די מאַמע, וואָס איז אמאָל א „גבירישע טאָכטער" געוועזן, און וואָלט, ווען נישט דער פּריץ, וואָס האָט איר צוגענומען דעם נדן, אַליין א באַלעבאָסטע געוועזן, האָט עס נישט לייכט איבערגעטראָ־גען; זי פלעגט טייל מאָל אהיים קומען מיט געשוואָלענע אויגן, געוואָרפן זיך מיט א געוויין אויפ'ן בעט און אזוי אָפּגעלעגן א גרויסע ווײלע און וויינען, און ביטערלעך וויינען, ביז זי האָט זיך אויסגעוויינט דאָס ביטערע הארץ, און איז אויפגעשטאַנען און אָפּ־

געקאָכט אונז א ביסל קליסקעלעך מיט באָבערלעך.

טייל מאָל האָט זי אויסגעלאָזט דעם כעס צו אונז; אייגנטלעך, דער עיקר צו מיר: דעם קראַנקן בערל האָט זי קיינמאָל גאָר נישט געזאָגט, די ברידער פון חדר אויך גאַנץ זעלטן — זיי פלעגן נעבעך אַהיים קומען אַזוי אויך מיט ברוינע־בלאָע, אויסגעקניפּענע באַקן און אונטערגעשלאָגענע אויגן; פאַר דאָס האָב איך גאַנץ אָפט געלעזט אַן אומזיסטן ריס ביי די האָר אָדער אַזוי א מתנת יד.

„דו ביזט נישט קראַנק געוועזן דערווייל אָנצולעגן א פייער, צושטעלן א טעפּל וואסער" — און דאָך, אַז איך האָב עס אַמאָל געטאָן, איז נאָך ערגער געוועזן: „זע נאָר מיין באַלעבאָסטע! גאָר־נישט, א פייער לעגט זי אָן, דאָס האַלץ זאָל זיך דערווייל אומזיסט און אומנישט אויסברענען... עס אַרט זי עפּעס מיין פּראַצע? — בדלות מאַכט זי מיך!"...

טייל מאָל האָט דער טאַטע געלייזט אונטער די אויגן; די מאַמע זעצט זיך אַנידער אויפ'ן בעט מיט'ן פּנים צום פענצטער, און, אַרויסקוקנדיג אין דער לופט אַריין, קרעכצן: „עס אַרט אים עפּעס? ער זיצט זיך דאָרט אין וואַלד, ווי א כראַביע, שמעקט פרישע לופט, ליגט זיך אויפ'ן גראָז, פרעסט זויער־מילך, אפשר נאָך סמעטענע, איך ווייס? און דאָ דאַרן מיר די קישקעס!"...

ביי דעם אַלעם איז דעמאָלט גוט געוועזן. מען האָט קיין הונגער נישט געליטן, און נאָך א וואָך מיט פאַרשיידענע קליינע צרות איז געקומען א פרייליכער, על כל פּנים, א רואיגער שבת. דער טאַטע פלעגט אָפט אַהיים קומען, און די מאַמע פלעגט זיך אַרומדרייען אין אַלע ווינקעלעך בסוד סודות שמייכלען.

אָפט פלעגט פרייטאָג פאַרנאַכט, פאַר ליכט בענטשן, די מאַמע מיך קושן אין קאָפּ אַריין... איך האָב געוואוסט, וואָס דאָס באַדייט, וואָרום, אַז עס האָט געטראָפן, און דער טאַטע איז נישט אַהיים געקומען אויף שבת, בין איך א „מכשפה" געוועזן! האָט מיר די מאַמע מיט'ן קעמל האַלב האָר אויסגעריסן און דערצו נאָך עטלעכע זעץ דערלאַנגט אין די פּלייצעס. איך האָב נישט געוויינט; מיין קינדיש האַרץ האָט געפילט, אַז דאָס מיינט די מאַמע נישט מיך, נאָר איר טרויעריג מזל!

דערנאָך האָט זיך דער וואַלד אויסגעהאַקט, דער טאַטע איז אין דער היים געבליבן און עס האָט אָנגעהויבן פעלן אין מויל אַריין. געפעלט ,איינגנטלעך, האָט נאָר דעם טאַטן, דער מאַמען און מיר; די רעשט קינדער האָבן ווייניג וואָס געוואוסט דערפון; דאָס קראַנ־קע ברודערל האָט גאָרנישט געדאַרפט, עס האָט געזופּט אַמאָל אַ ביסל גריץ, אויב מען האָט אים דערלאַנגט, און אַלץ אין איינעם געקוקט אויפ׳ן בעליק... די אַנדערע, נעבעך, „גייען אין חדר אַריין, זיי מוזן דאָך האָבן אַ לעפל געקעכטס"... נאָר איך בין גאַנץ אָפט הונגעריג געוועזן.

דער טאַטע מיט דער מאַמען האָבן שטענדיג דערמאָנט די אַמאָ־ליגע צייטן מיט טרערן אין די אויגן; איך — פאַרקערט! איך האָב מיך אין דער שלעכטער צייט בעסער געפילט. זייט עס האָט געפעלט ברויט אין שטוב, האָט מיך די מאַמע טאָפּלט ליב באַקו־מען; ביים קעמען האָט זי מיר קיין האָר נישט געריסן, אין די דאַרע ביינער אַריין נישט געבוכעט; דער טאַטע פלעגט מיר ביים וואַרעמעם גלעטן איבער׳ן קאָפּ און פאַרשפּילן מיך, איך זאָל נישט זען, ווי מען פאַרטיילט מיך; און איך בין נאָך ביי מיר גרויס גע־וועזן, אַז, ווען מען דאַרף פאַסטן, פאַסט איך גלייך מיט׳ן טאַטן און מיט דער מאַמע׳ן, אַז איך בין שוין אַ גרויסע מויד!

אין דער צייט איז דאָס קראַנקע ברודערל געשטאָרבן.

געשען איז דאָס אַזוי: איינמאָל האָט זיך די מאַמע אויפגע־כאַפּט און געזאָגט איבער׳ן בעט צום טאַטן: „ווייסט, בערל׳ען איז אודאי בעסער, ער איז אַ גאַנצע נאַכט געשלאָפן, קיין איינציג מאָל נישט געוועקט".

איך האָב עס דערהערט — איך האָב שטענדיג אַ לייכט שלאָף געהאַט — און בין מיט פרייד אַראָפּגעשפּרונגען פון געלעגער אויפ׳ן קאַסטן, און צוגעלאָפן זען מיין „איינציג ברודערל" (אַזוי האָב איך עס גערופן, אַזוי ליב האָב איך עס געהאַט). איך האָב געהאָפט צו דערזען אויפ׳ן פאַרמעטענעם פּנים׳ל אַ שמייכל, וואָס פלעגט זיך באַווייזן אַמאָל אין אַ יאָר... נאָר איך האָב אַ טויט פּנים געפונען.

עס איז געוואָרן אַ שבעה...

דערנאָך איז דער טאַטע נישט געזונט געוואָרן, און דער רופא האָט אָנגעהויבן צו גייִן אין שטוב אַריין...

כּל זמן עס איז געווען, ווי עס איז צו צאָלן, פלעגט אַריינגיין דער אַלטער רופא אַליין; דערנאָך, אַז דאָס גאַנצע בעטגעוואַנט מיט'ן הענג-לייכטער, מיט'ן טאַטנ'ס ספרים-שאַנק, וואָס די מאַמע האָט א צייט נישט געלאָזט רירן, זיינען אַריין אין רפואות, האָט דער רופא אָנגעהויבן שיקן דעם „יונג".

דער יונג איז דער מאַמען שרעקלעך נישט געפעלן: עס שפּראָצען אים עפּעס שפּיציגע „וואָנסעלעך", גייט אָנגעטאָן ווי א גוי און דערצו וואַרפט ער אַלעמאָל אַריין עטלעכע ווערטער פּויליש.

איך האָב פאַר'ן מורא באַקומען, עד היום ווייס איך נישט פאַרוואָס. נאָר, ווען ער האָט געדאַרפט קומען, פלעג איך אַרויסלויפן אויפ'ן הויף, און איבערוואַרטן ביז ער וועט אַוועקגיין.

איינמאָל איז א שכן קראַנק געוואָרן, אויך אן אָרימאַן, און אויך אפניס נאָך אַלע כּלים אין שטוב, און דער יונג (עד היום ווייס איך נישט, ווי אַזוי ער האָט געהייסן) איז פון אונזער שטוב אַריבערגעגאַנגען צום שכן. דורכגייענדיג דעם הויף, האָט ער מיך געטראָפן זיצן אויפ'ן קלאָץ.

איך האָב אַראָפּגעלאָזט די אויגן. דערפילנדיג, אַז ער קומט צו מיר נעענטער, איז מיר קאַלט געוואָרן אין די קנעכל און דאָס האַרץ האָט מיר אָנגעהויבן שטאַרקער צו שלאָגן.

ער איז צוגעקומען, האָט מיך אָנגענומען ביי דער גאָמבע, אויפגעהויבן מיר דעם קאָפּ און געזאָגט, דוקא אויף פּראָסט אידיש:

— „א שיינע מויד ווי דו ביזט, דאַרף נישט זיין צעשויבערט, דאַרף זיך אויך פאַר קיין בחור נישט שעמען!"

ער האָט מיך אָפּגעלאָזט, און איך בין אַריינגעלאָפן צוריק אין שטוב. איך האָב געפילט, אַז דאָס גאַנצע בלוט שלאָגט מיר אַליץ אין איינעם אין פּנים אַריין. איך האָב מיך פאַררוקט אין טונקעלסטן ווינקל אונטער'ן אויוון, מכלומרשט, אויסציילן די ברודיגע וועש... דאָס איז געווען מיטוואָך.

פרייטאָג האָב איך דאָס ערשטע מאָל דער מאַמען אַליין דער-

מאַנט, אַז מען דאַרף מיר אויסוואַשן דעם קאָפּ, אַז איך בין צע־שויבערט.

— אַ קלאָג איז צו מיר! — האָט די מאַמע פאַרבראָכן די הענט, — איך האָב זי דאָך דריי וואָכן נישט געקעמט!

פּלוצלונג ווערט זי בייז:

— מכשפה! — האָט זי אויסגעשריען, — אַזאַ גרויסע, בייז־דערוואַקסענע מויד קאָן זיך אַליין נישט צוואָגן? אַן אַנדערע אויף דיין אָרט וואָלט נאָך די אַנדערע קינדער געוואַשן!

— שרה'לע, שריי נישט! — בעט זיך דער טאַטע; נאָר דער מאַמעס כעס ווערט שטאַרקער און שטאַרקער:

— מכשפה, הערסט! ש ו י ן זאָלסטו דיך צוואָגן! הערסט —די אותה רגע! הערסט!

און דאָ האָב איך מורא צוצוגיין צום קוימען, וואו דאָס הייסע וואַסער איז געשטאַנען, ווייל, דורכגייענדיג דורך דער מאַמען, וואָלט איך געלייזט אַ בוך. געראַטעוועט האָט מיך, ווי געוויינלעך, דער טאַטע.

— שרה'לע, — האָט ער געקרעכצט, — שריי נישט, מיר טוט דער קאָפּ אַזוי וויי!...

דאָס איז געווען גענוג. דער מאַמעס כעס איז ווי מיט דער האַנט אָוועקגענומען געוואָרן... איך בין פריי דורכגעגאַנגען די שטוב און צוגעקומען צום טאָפּ וואַסער.

איך צוואָג מיך אומגעלומפּערט און זע, ווי די מאַמע גייט צו צום טאַטן און ווייזט אויף מיר מיט אַ שווערן זיפץ:

— רבונו של עולם, עס וואַקסט נעבעך, ווי אויף הייוון, — מאַכט זי שטיל צום טאַטן, נאָר מיין אויער כאַפּט יעדעס וואָרט— שיין ווי אַ גאָלד... און וואָס?

דער טאַטע האָט געענטפערט מיט נאָך אַ טיפערן זיפץ.

דער רופא האָט נישט איינמאָל פאַרזיכערט, אַז דעם טאַטן איז גאָרנישט. דאָס עגמת נפש נאָר האָט זיך אים געלעגט אויף דער לעבער, דעריבער איז זי אויפגעשוואָלן און דריקט צו דאָס האַרץ; מער נישט! דער עיקר זאָל ער מילך טרינקען, קיין עגמת נפש זיך נישט צולאָזן, גיין אין גאַס אַריין... רעדן, שמועסן, זוכן זיך אַן

עסק... דער טאטע האט אבער געזאגט, אז די פיס ווילן אים נישט טראגן. פארוואס, בין איך ערשט שפעטער געוואר געווארן.

איינמאל, זומער פארטאג, האט מיך אויפגעוועקט א שמועס צווישן טאטע־מאמע:

— ביזטו דיך אין וואלד, נעבעך, אנגעגאנגען, — מאכט די מאמע.

— א שאלה דאס איז, — ענטפערט דער טאטע, — אין וואלד האט מען אויף צוואנציג ערטער געהאקט אויף איין מאל. פארשטייסט, דער וואלד איז דעם פריץ'ס, די פויערים האבן אבער סערוויטוטן: זיי קומט די צווייגן, וואס פאלן אראפ און וואלגערן זיך אין וואלד, ווי אויך דאס האלץ פון די בוימער, וואס א דונער צעשלאגט... נו, אז מען האקט אוים דעם וואלד, האבן זיי דאך היזק דעם סערוויטוט, מוזן זיי זיך קויפן האלץ צום בויען און צום הייצן, האבן זיי, פארשטייט זיך, געוואלט לעגן אן ארעסט, אראפברענגען דעם קאמיסאר; זיי האבן זיך אבער צו־שפעט מישב געווען. ר' זיינוועלע האט נאר דערזען, אז זיי קראצן זיך אין די קעפ, האט ער שוין געגעבן א באפעל, מען זאל אנידערשטעלן נאך 40 האקער! עס איז געווארן א גיהנום, אפשר אויף 20 ערטער האט מען געהאקט. און זיין מוז מען אומעטום... וואס קלערסטו? די פיס פלעגן מיר געשוואלן ווערן ווי די באַרקים...

— ווי א מענטש זינדיגט! — קרעכצט די מאמע — איך האב געמיינט, אז דו האסט דארט גאר נישט וואס צו טאן...

— אודאי! — שמייכלט טרויעריג דער טאטע — נאר פון גראען טאג ביז שפעטער נאכט אויף די פיס!

— און אלץ פאר דריי רובל א וואך? — בייזערט זיך די מאמע.

— ער האט מיר צוגעזאגט צו דערלייגן; דערווייל, ווייסטו דאך, איז אים די טראטווע אונטערגעגאנגען... האט ער געזאגט, אז ער איז בדיל הדל געווארן...

— און דו גלויבסט?

— עס קען זיין...

— שטענדיג — בייזערט זיך די מאמע — ווערט ער בדיל הדל און דאס פארמעגן וואקסט און וואקסט.

— אז גאָט העלפט—זיפצט דער טאַטע.
עס איז שטיל א ווײלע.
— ווייסט נישט, וואָס מאכט ער? — פרעגט דער טאַטע, וואָס איז שוין כמעט א יאָר נישט ארוים פון שטוב.
— וואָס זאָל ער מאכן? ער האנדלט מיט פלאַקס, מיט אייער; א שענק האָט ער...
— און זי וואָס מאכט?
— זי, נעבעך, קראַנק...
— א שאָד, א גוט מענטש—
— א בריליאַנט! די איינציגע באַלעבאָסטע, וואָס „מאכט נישט איין" א גראָשן; זי וואָלט אפילו געצאָלט צו דער צייט, נאָר זי האָט ביי אים ווייניג וואָס צו שאַפן...
— דאכט זיך, — מאַכט דער טאַטע, — דאָס דריטע ווייב.
— אודאי! — באַשטעטיגט די מאַמע.
— זעסט, שרה, — מאַכט דער טאַטע, — דאכט זיך שוין— א איד א גביר... האָט ער קיין מזל נישט צו ווייבער... יעדערער האָט זיין פעקל.
— און אַזאַ יונג בלוט! — האָט צוגעגעבן די מאַמע, — אינגאַנצן עטלעכע און צוואַנציג יאָר.
— נו גיי וויים? ער איז א ו ד א י א זיבעציגער און — אייזן שטאַרק.
— און אָן א בריל!...
— און זיין גאַנג; די פּאָדלאָגע ציטערט!
— און איך, זעסטו, ליג אין בעט.
עס האָט מיך דורכגענומען ביי די לעצטע ווערטער.
— גאָט וועט העלפן, — טרייסט די מאַמע.
— נאָר זי, זי... — קרעכצט ווייטער דער טאַטע און וואַרפט א בליק צו מיר אויפ'ן קאַסטן. — זי וואַקסט, קיין עין הרע, ווי אויף הייוועו... פאַרנט... האָסט געזען?...
— א שאלה דאָס איז!
— און א פּנים... שיינט ווי די זון...
עס איז ווייטער שטיל געוואָרן א ווײלע.

— ווייסט, שרה'לע, — מאַכט ווייטער דער טאַטע, — מען איז נישט יוצא פאַר גאָט.

— מיט וואָס ?

— מיט איר ! ווי אַלט ביזטו געווען צו דער חתונה ?

— איינגער פאַר איר !

— נו ?...

— נו... וואָס ?

אין דער אייגענער מינוט האָט מען צוויי קלעפּ געטאָן אין לאָדן.

די מאַמע איז אַראָפּגעשפּרונגען פון בעט. אין איין רגע האָט זי אָפּגעריסן דאָס שטריקל, אויף וועלכן דער לאָדן האָט זיך גע־האַלטן און אויפגעפּראַלט דאָס פענצטער, וואָס האָט שוין לאַנג קיין באַשלעג נישט געהאַט.

— וואָס איז ? — האָט זי אַרויסגעשריען אין גאַס אַריין.

— רבקה זיינוווילעס איז נפטר געוואָרן.

די מאַמע איז צוריקגעשפּרונגען פון פענצטער.

— ברוך דין אמת ! — האָט דער טאַטע אַרויסגעזאָגט... — שטאַרבן איז גאָרנישט...

— ברוך דין אמת, — מאַכט די מאַמע, — ערשט פון איר געדרעדט !

דעמאָלט האָב איך געהאַט אַ וואונדערלעך אומרואיגע צייט. איך ווייס אַליין נישט, וואָס מיט מיר איז געווען.

טייל מאָל בין איך גאַנצע נעכט נישט געשלאָפן. די שלייפן האָבן מיר ווי האַמער געקלאַפּט און דאָס האַרץ האָט גענאָגט, גלייך עס וואָלט זיך געשראָקן פאַר עפּעס, אָדער שרעקלעך נאָך עפּעס געבענקט ; טייל מאָל איז מיר ווייטער אַזוי וואַרעם און ווייך גע־ווען אויפ'ן האַרץ, אַז איך האָב געוואָלט אַלץ אַרומנעמען און קושן און האַלזן.

נאָר וועמען ? די ברידערלעך האָבן זיך נישט געלאָזט ; דער 5־יאָריגער יוחנן האָט אויך געקאָפּעט און געשריען, אַז ער וויל זיך נישט שפּילן מיט אַ מיידל. די מאַמע, אויסער דעם, וואָס איך

האָב פאַר איר מורא געהאַט, איז שטענדיג בייז און פאַריאָגט...
דער טאַטע — נאָך קראַנקער.

במשך א קורצער צייט איז ער אינגאַנצן גראָ געוואָרן ווי א טויב, דאָס פּנים איז איינגעשרומפּען געוואָרן ווי א פּאַרמעט, און די אויגן האָבן אַרויסגעקוקט אַזוי אומבאַהאָלפן און מיט אַזאַ שטום געבעט, אַז עס איז געגנוג געווען, איך זאָל עס דערזען און אַרויס־לויפן פון שטוב מיט א געוויין.

דעמאָלט דערמאָן איך מיך אָן מיין בערל'ען... אים וואָלט איך געקאָנט אַלץ דערציילן, קושן און האַלזן... ליגט ער דאָרט אין דער קאַלטער ערד, און עס כאַפּט מיך אָן נאָך א ביטערלעכער געוויין...

די טרערן, איינגעטלעך, פלעגן זיך מיר באַווייזן גאַנץ אָפט אָן א טעם.

טייל מאָל קוק איך פון פענצטער אַרויס אויפ'ן הויף און זע, ווי די לבנה שווימט און שווימט צו אַלע מאָל נענטער צו דעם אויסגעווייסטן צוים, וואָס איז נעבן אונזער פענצטער, און קען דעם צוים נישט אַריבערשווימען.

און איך באַקום פּלוצלונג רחמנות אויף דער לבנה, עס הויבט מיך אָן קלעמען ביים האַרץ און די אויגן גיסן און גיסן...

טייל מאָל, ווייטער, פלעג איך אַרומגיין מאַט. איך פלעג מיך אַזוי אַרום וואַקלען אָן כח מיט א בלאַס פּנים און אונטערגעשלאָ־גענע אויגן; אין די אויערן רוישט, דער קאָפּ איז שווער, און עס דאַכט זיך מיר, אַז עס איז מיר אַזוי נישט גוט אויף דער וועלט, אַזוי נישט גוט, אַז עס וואָלט אַמבעסטן געווען צו שטאַרבן.

דעמאָלט, ווייטער, האָב איך בערל'ען שטאַרק מקנא געווען... ער ליגט זיך דאָרט אַזוי רואיג...

גאַנץ אָפט אויך, האָט זיך מיר גע'חלומ'ט, אַז איך שטאַרב, אַז איך ליג אין קבר, אָדער, אַז איך פלי אַרום אין הימל אין איין העמד מיט צעלאָזטע האָר און קוק אַראָפּ און זע, וואָס אויף דער וועלט טוט זיך.

פּונקט דעמאָלט האָב איך פאַרלוירן די אַלע חבר'טעס, מיט וועלכע איך האָב אַמאָל אין צייכן געשפּילט, און האָב שוין קיין

אַנדערע נישט באַקומען. איינע איז שוין אַרויסגעגאַנגען שבת מיט אַן אַטלאַסענער יופּע און אַ קייט און אַ זייגער! עס האָט שוין געזאָלט זיין איר חתונה. אַנדערע זיינען „כלה מיידלעך" געוואָרן. שדכנים און מחותנים „האַקן אָפּ די טירן", און מען האָט זיי געקעמט, געוואַשן, געקליידט, בשעת ווען איך בין נאָך אַרומגעגאַנגען באָרוועס, אין אַן אַלטער בעזינע, קורצער ספּאָדניצע, אין אַן אויסגעבליאַקעוועטן ציצענעם סטאַניק, וואָס האָט אויף מיר אויפ'ן סאַמאָראָדנע פּראַנט אין עטלעכע ערטער געפּלאַצט, און איך האָט איס צוגעלאַטעט מיט אַן אַנדער קאָליר ציץ... די כלה-מיידלעך האָבן מיך געמיידט און מיט יונגע קינדער האָב איך מיר געשעמט צו חבר'ן; אויך האָבן מיך שוין די צייכן נישט געוויילט. בייטאָג פלעג איך מיך דעריבער נישט אַרויסווייזן אין גאַס אַריין. די מאַמע, ווייטער, האָט מיך אין ערגעץ נישט געשיקט, און אפילו, אַז איך האָב אַמאָל געוואָלט גיין אַ גאַנג, נישט געלאָזט. פאַר דאָס פלעג איך מיך אָפּט אַרויסכאַפּן פאַרנאַכט און אַרומגיין אונטער'ן הויז ביי די שפּייכלער, אָדער זעצן זיך נישט ווייט פון טייך.

זומער פלעג איך אַזוי זיצן ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריין.

אין אָנהויב פלעגט אַמאָל די מאַמע צו מיר אַרויסגיין; צוגעגאַנגען איז זי קיינמאָל נישט, נאָר אין טויער זיך געשטעלט, אומגעקוקט זיך און אַוועקגעגאַנגען — איך פלעג כמעט הערן ווי זי זיפצט קוקנדיג אויף מיר פון ווייטן.

מיט דער צייט האָט דאָס אויך אויפגעהערט.

איך פלעג מיר אָפּזיצן איינע אַליין שעה'ן-לאַנג און איינהערן זיך ווי עס רוישט דאָס קליינע טייכל, ווי עס שפּרינגען די פרעש פון גראָז אין טייך אַריין, אָדער נאָכיאָגן ערגעץ אַ לייכטן וואָלקן אין הימל...

איך פלעג אַמאָל האַלב איינשלאָפן מיט אָפענע אויגן.

איינמאָל האָב איך דערהערט פון ווייטנס אַ טרויעריג לידל. דאָס קול איז געווען יונג און פריש, און עס האָט זיך מיר מיט אַ טרויער אויסגעגאָסן אינ'ם גאַנצן לייב; עס איז געווען אַ אידיש לידל.

דאָס זינגט דער „רופא־יונג", — טראַכט איך, — אַנדערע וואָלטן זמירות, נישט קיין לידלעך געזונגען.

איך טראַכט אויך, אַז מען מוז אַריין אין שטוב און אַזוינע לידלעך נישט הערן און מיט'ן רופא־יונג זיך נישט טרעפן. נאָר אויפגעהויבן האָב איך מיך נישט; איך בין עפּעס ווי פאַר'חלומ'ט געוועזן, מאַט, און בין געבליבן זיצן אויפ'ן אָרט, כאָטש דאָס האַרץ איז אומרואיק געוועזן.

דאָס לידל קומט צו אַלץ נענטער און נענטער, עס גייט פון יענער זייט טייך איבער דער בריק.

איך הער שוין טריט אויפ'ן זאַמד, איך וויל ווייטער אַנטלויפן, נאָר די פיס פאָלגן נישט און איך זיץ ווייטער.

ענדלעך איז ער צוגעקומען צום אָרט, וואו איך בין געזעסן.

— דו ביזט עס, לאה?

איך ענטפער נישט.

אין די אויערן רוישט מיר נאָך שטאַרקער, די שלייפן שלאָגן נאָך האַסטיגער און עס דאַכט זיך מיר, אַז איך האָב קיינמאָל אַזאַ גוט און זיס קול נישט געהערט.

ער מאַכט זיך וועניג דערפון, וואָס איך ענטפער אים נישט. ער זעצט זיך לעבן מיר אויפ'ן קלאָץ און קוקט מיר גלייך אין פּנים אַריין.

זיין בליק האָב איך נישט ג ע ז ע ן, ווייל איך האָב די אויגן נישט אויפגעהויבן, דאָך ג ע פ י ל ט האָב איך, ווי עס האָט מיר געברענט דאָס פּנים.

— ביזט א שיינע מויד, לאה, — מאַכט ער צו מיר, — א שאָד!

עס האָט מיך אָנגעכאַפּט א שרעקלעך געוויין און איך בין אַנט־לאָפן.

דעם צווייטן אָוונט בין איך שוין נישט אַרויסגעגאַנגען, דעם דריטן אויך נישט. נאָר דעם פערטן, פרייטאָג צו נאַכט, איז מיר שוין אַזוי שווער געווען אויפ'ן האַרצן, אַז איך האָב ג ע מ ו ז ט אַרויסגיין; עס האָט זיך מיר געדאַכט, אַז איך וועל דערשטיקט ווערן אין שטוב. ער האָט אויף מיר, אפנים אין שאָטן, אונטער א

הויז־ווינקל, געוואַרט, ווייל, קוים האָב איך מיך געזעצט אויף מיין אָרט, איז ער מיר ווי אויסגעוואַקסן פון אונטער דער ערד.

— אַנטלויף נישט פאַר מיר, לאה! — האָט ער זיך מיט אַ ווייך, האַרציק קול געבעטן, — גלויב מיר, איך וועל דיר קיין שלעכטס נישט טאָן.

זיין ערנסט, ווייך קול האָט מיך בארואיגט.

ער האָט אָנגעהויבן ציען אַ שטיל טרויעריק לידל, און מיר זיינען ווייטער געקומען די טרערן אין די אויגן אריין. איך האָב מיך נישט געקענט איינהאַלטן, און האָב אָנגעהויבן שטיל צו וויינען.

— וואָס וויינסטו לאה? — האָט ער אָפּ און פרעגט, אָנגע־מענדיק מיך ביי דער האַנט.

— דו זינגסט אַזוי טרויעריק, — האָב איך אים געענטפערט און אַרויסגעצויגן די האַנט פון זיינער.

— איך בין אַ יתום, — מאַכט ער, — עלנט... אין דער פרעמד.

עס האָט עמיץ זיך באַוויזן פון גאַס און מיר זיינען זיך צעלאָפן.

דאָס לידל האָב איך מיך אויסגעלערנט און פלעג עס זינגען שטילערהייט יעדע נאַכט אויפ'ן געלעגער; דערמיט בין איך איינ־געשלאָפן. דערמיט בין איך אויפגעשטאַנען. דאָך גאַנץ אָפט האָב איך חרטה געהאַט און געוויינט, וואָס איך האָב מיך באַקענט מיט אַ „רופא־יונג", וואָס קליידט זיך דייטש און גאָלט זיך דאָס בערדל. וואָלט ער זיך אַזוי געטראָגן ווי דער אַלטער רופא, וואָלט ער כאָטש אַ פרומער איד געוועזן... איך האָב געוואוסט, אַז ווען דער טאַטע ווערט עס געוואויר, שטאַרבט ער, חס ושלום, פאַר עגמת נפש; די מאַמע וואָלט זיך אַ מעשה געטאָן! דער סוד איז מיר געלעגן ווי אַ שטיין אויפ'ן האַרץ.

איך גיי צו צום טאַטנ'ס בעט, דערלאַנגען אים עפּעס, אָדער די מאַמע קומט אַריין פון גאַס, און איך דערמאָן מיך אָן מיין זינד, הויבן אונטער מיר אָן הענט און פיס ציטערן, און דאָס פּנים פאַר־לירט דעם לעצטן טראָפּן בלוט, און דאָך האָב איך אים יעדן טאָג צוגעזאָגט, אַז איך וועל מאָרגן אויך אַרויסקומען; און איך האָב נישט געהאַט פאַר וואָס פאַר אים צו אַנטלויפן. ער האָט מיר שוין

אפילו ביי דער האַנט נישט אָנגענומען, מער נישט געזאָגט, אַז איך בין אַ שיינע מויד. ער האָט מיט מיר נאָר גערעדט, געלערנט מיך לידלעך... איינמאָל נאָר האָט ער מיר אַ שטיקל באָקסער געבראַכט.

— עס, לאה!

איך וויל נישט נעמען.

— פאַרוואָס? — פרעגט ער טרויעריג, — פאַרוואָס ווילסטו ביי מיר נישט נעמען?

איך האָב מיר אַרויסגעכאַפּט, אַז איך וואָלט בעסער געגעסן אַ שטיקל ברויט.

ווי לאַנג אונזער זיצן צוזאַמען און זינגען האָט געדויערט, ווייס איך נישט. נאָר איינמאָל איז ער געקומען טרויעריגער ווי שטענדיג. איך האָב עס באַלד אין פּנים דערקענט, און האָב'ן גע־פרעגט, וואָס איז אים.

— איך מוז אַוועקפאָרן.

— וואוהין? — פרעג איך אָן אַ קול.

— צו דער סוב־רעוויזיע.

איך האָב אים געכאַפּט ביי דער האַנט.

— צו די זעלנער וועסטו גיין?

— ניין, — האָט ער מיר געענטפערט און דריקט מיר די האַנט — איך בין אַ שוואַכער... איך ליד אויפ'ן האַרץ, קיין זעלנער וועל איך נישט זיין, נאָר שטעלן מוז איך מיך...

— וועסט צוריק קומען?

— אודאי...

מיר שווייגן אַ ווײַלע.

— עס וועט נאָך דויערן, — מאַכט ער, — אַ פּאָר וואָכן...

איך שווייג און ער קוקט אויף מיר מיט אַ געבעט.

— וועסט בענקען נאָך מיר?

— יאָ... — האָב איך אַליין קוים געהערט מיין תשובה.

מיר שווייגן ווייטער אַ ווײַלע.

— לאָמיר זיך געזעגענען.

מיין האַנט איז נאָך געלעגן אין זיינער.

— פאַר געזונט! — האָב איך אים געזאָגט מיט א פאַרציטערט קול.

ער האָט זיך איבערגעבויגן, מיך א קוש געטאָן, און איז פאַרשוואונדן געוואָרן.

איך בין לאַנג געשטאַנען ווי שכור.

— לאה! — האָב איך דערהערט דער מאַמע'ס קול, נאָר דאָס אַלטע, ווייכע, כמעט זינגענדיגע קול, נאָך פון דער צייט, ווען דער טאַטע איז געזונט געווען.

— לאה'שי!

אזוי האָט מען מיך שוין לאַנג נישט גערופן. איך האָב נאָך א מאָל א ציטער געטאָן און בין מיט די נאָך ברענענדיגע ליפּן אריינגעפאַלן אין שטוב. נאָר איך האָב די שטוב נישט דערקענט. אויפ'ן טיש זיינען געשטאַנען צוויי פרעמדע לייכטער מיט ברענענדיגע ליכט, עס איז געשטאַנען בראָנפן מיט לעקעך — דער טאַטע איז געזעסן אויף א שטול, אָנגעלענט אויף א קישן, אויפ'ן פּנים האָט עפּעס ווי געשמייכלט פון יעדן רונצל אַרויס. — עס זיינען געשטאַנען נאָך בענקלעך ביים טיש, אויך פרעמדע... עס זיינען דאָ פרעמדע מענטשן געוועזן — נאָר די מאַמע כאַפּט מיך אַרום און קושט, און האַלזט מיך:

— מזל טוב, טאָכטער, טאָכטערשי, לאה'שי, מזל טוב!

איך פאַרשטיי נישט, וואָס מען מיינט, נאָר דאָס האַרץ שרעקט זיך און קלאַפּט, און קלאַפּט אזוי מורא'דיג! אז די מאַמע האָט מיך אַרויסגעלאָזט פון די אָרעם, האָט מיך דער טאַטע צוגערופן. איך האָב קיין כח נישט געהאַט צו שטיין און האָב מיך אַראָפּגעלאָזט פאַר אים אויף די קני און אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אויף זיין שויס. ער גלעט מיר דעם קאָפּ, קרייזלט מיר די האָר:

— וועסט שוין, קינד מיינס, נישט ליידן קיין הונגער, קיין נויט; וועסט שוין, קינד מיינס, נישט אַרומגיין נאַקעט און באָרוועס... וועסט זיין א נגידה... דו וועסט זיין רייך... דו וועסט פאַר דיינע ברידערלעך מלמד־געלט צאָלן... מען וועט זיי שוין פון די חדרים נישט אַרויסוואַרפן... דו וועסט אונז אויך העלפן... א י ך וועל געזונט ווערן...

— און ווייסט ווער דער חתן איז? — פרעגט די מאַמע, מיט א פרייד — טאַקע ר׳ זיינוויל! טאַקע ר׳ זיינוויל! ער האָט אַליין א שדכן געשיקט...

איך ווייס נישט, וואָס מיט מיר איז געשען, נאָר אויפגעכאַפּט האָב איך מיך אויפ׳ן געלעגער אין מיטן טאָג.

— געלויבט איז גאָט! — האָט די מאַמע אויסגעשריען.

— געלויבט איז זיין ליבער נאָמען! — האָט דער טאַטע געזאָגט.

און מען האָט מיך ווייטער געהאַלזט און געקושט. נאָך מער— מען האָט מיר איינגעמאַכטס דערלאַנגט!.... אפשר וויל איך וואַסער מיט זאַפט? אפשר א ביסל ווין?

איך האָב צוריק די אויגן פאַרמאַכט און געקייכט מיט א שטיקענדיג געוויין.

— וואויל, וואויל, — פרייט זיך די מאַמע—זאָל זי זיך אָפּוויינען, מיין אָרים קינד! מיר זיינען זיך אַליין שולדיג, אויף א מאָל אַזאַ נחת דערציילט! אַזוי פּלוצלונג! עס קען אן אָדער פּלאַצן, חס ושלום! נאָר אַצינד געלויבט איז גאָט! ווין דיר אָפּ דאָס האַרץ, זאָלן אַלע צרות אַוועקשווימען מיט די טרערן און א ניי לעבן זאָל זיך אָנהויבן, א ניי לעבן...

דער מענטש האָט צוויי מלאכים — א גוטן און א שלעכטן מלאך, און איך בין זיכער געווען, אַז דער גוטער מלאך הייסט מיר אינ׳ם רופא־יונג פאַרגעסן, עסן ר׳ זיינוויל׳ס איינגעמאַכטס, טרינקען זיין זאַפט מיט וואַסער און קליידן זיך אויף זיין חשבון, בשעת ווען דער שלעכטער מלאך האָט מיך איינגערעדט, איך זאָל איינמאָל פאַר אַלע מאָל זאָגן דעם טאַטן און דער מאַמען, אַז איך וויל נישט, באין אופן נישט.

ר׳ זיינוויל׳ן האָב איך נאָך נישט געקענט, איך האָב׳ן אפשר אַמאָל געזען, נאָר — אָדער פאַרגעסן, אָדער באַלד נישט געוואוסט, ווער מען איך זע... נאָר אונטער די אויגן האָב איך אים פיינט געהאַט.

באַלד די צווייטע נאַכט האָט זיך מיר גע׳חלום׳ט, אַז איך שטיי אונטער דער חופּה.

דער חתן איז ר׳ זיינוווילע און מען פירט מיך 7 מאָל אַרום אים, נאָר די פּיס זיינען מיר פאַרשטאַרט און די אונטערפירערקעס טראָגען מיך אין דער הויך...

דערנאָך האָט מען מיך אַהיים געפירט.

די מאַמע האָט אַנטקעגן געטאַנצט מיט אַ קוילִיטש, און עס גייט שוין די גאָלדענע יויך.

איך האָב מורא די אויגן אויפצוהייבן. איך בין זיכער, אַז איך וועל דערזען אַ בלינדן, אָן אַן אויג, און אַ לאַנגע, אַ שרעקלעך לאַנגע נאָז... עס קומט מיר אַ קאַלטער שוויים אויפ׳ן לייב — נאָר פּלוצלונג רוימט ער מיר איין אין אויער:

— לאה׳שי, אַ שיינע מויד ביזטו!

און דאָס קול איז גאָר נישט פון קיין אַלטן מאַן — עס איז יענעמ׳ס קול... איך עפן אַ ביסל די אויגן — עס איז יענעמ׳ס פּנים...

— טס! — רוימט ער מיר אַריין, — זאָג נישט אויס. איך האָב ר׳ זיינוויל׳ען פאַרנאַרט אין וואַלד אַריין, אַריינגעלעגט אין אַ זאַק, צוגעבונדן אַ שטיין און אַריינגעוואָרפן אין טייך (אַזאַ מעשה האָט מיר אַמאָל די מאַמע דערציילט) און בין איך דאָ אויף זיין אָרט!

איך האָב מיך אויפגעכאַפּט פאַרציטערט.

דורך אַ שפּאַרע פון לאָדן, האָט אַריינגעשלאָגן אַ בלאַסער שיין פון דער לבנה, און האָט באַלייכט די גאַנצע שטוב. איך באַמערק ערשט, אַז אין מיטן באַלקן הענגט צוריק דער הענג-לייכטער. טאַטע-מאַמע שלאָפן אויף בעטגעוואַנט, — דער טאַטע שמייכלט פון שלאָף, די מאַמע אָטעמט רואיג... און דער גוטער מלאך זאָגט מיר: אַז דו וועסט זיין גוט און פרום, וועט דער טאַטע געזונט ווערן, די מאַמע וועט אויף דער עלטער נישט אַרבעטן אַזוי שווער און ביטער, און פון דיינע ברידערלעך, וועלן אַרויסקומען לומדים, רבנים, גאונים; גרויסע, גרויסע אידן, מען וועט פאַר זיי צאָלן מלמד־געלט.

— נאָר קושן, — זאָגט דער שלעכטער מלאך, — וועט דיר ר׳ זיינוויל׳ע... ער וועט זיך צו דיר צורירן מיט די פייכטע וואָנצן... ער וועט דיך ארומנעמען מיט די ביינערדיגע הענט... אויך וועט ער דיך פייניגן ווי יענע ווייבער, און וועט דיך יונגערהייט יאָגן אין קבר אריין; און ער וועט קומען צופאָרן און וועט ענגמת נפש האָבן, דיך קיין לידלעך שוין נישט לערנען, וועסט שוין מיט אים אוונט אויף אוונט נישט זיצן... דו וועסט זיצן מיט ר׳ זיינוויל׳ען...

— ניין! הימל און ערד זאָלן צוזאַמען קומען! צערייסן די תנאים.

איך בין שוין נישט געשלאָפן ביז אין דער פרי.

די ערשטע האָט זיך אויפגעכאַפּט די מאַמע; איך וויל מיט איר רעדן, נאָר איך בין געוואוינט אין אַלע געפּאַרן זיך ווענדן צום טאַטנ׳ס הילף.

אָט, וועקט זיך שוין דער טאַטע.

— ווייסט, שרה׳לע, — זיינען זיינע ערשטע ווערטער, — איך פיל מיך גאָר, גאָר גוט; וועסט זען, איך וועל היינט נאָך גיין אין גאַס אריין.

— געלויבט איז זיין ליבער נאָמען; אַלץ אין אונזער טאַכטער׳ס מזל, אַלץ אונזער טאָכטער׳ס, דער צדקה׳ס זכות.

— און דער רופא איז טאַקע גערעכט, די מילך שמעקט מיר זייער וואויל...

זיי שווייגן און דער גוטער מלאך זאָגט מיר נאָכאַמאָל:

— אז דו וועסט גוט און פרום זיין, וועט דער טאַטע ווערן געזונט; וועט אָבער פון דיינע ליפּן ארויס א זינדיג וואָרט—פאַלט ער אַוועק און שטאַרבט.

— הערסטו, שרה׳לע, — מאַכט ווייטער דער טאַטע, — הער שוין אויף צו זיין א פּשעקופּקע...

— וואָס רעדסטו?

— וואָס דו הערסט! — איך וויל היינט נאָך זיין ביי ר׳ זיינוויל׳ען... ער וועט מיך צונעמען צו א געשעפט, אָדער באָרגן עטלעכע רובל, וועלן מיר זיך מאַכן א געוועלבל, איך וועל שטיין א

ביסל, דו א ביסל—דערנאָך וועל איך אָנהויבן האַנדלען מיט תבואה...

— הלואי זאָל גאָט געבן!

— אודאי וועט גאָט געבן! אז דו וועסט היינט נעמען אויף חתונה קליידער, זאָלסטו דיר אויך נעמען... כאָטש אויף צוויי קליידער, און פאַרוואָס נישט? עס האָט געהייסן נעמען וואָס מען דאַרף; דו וועסט דאָך נישט זיין אויפ׳ן אויפרופן אין דיינע בגדים.

— גיי שוין גיי! — ענטפערט די מאַמע, — דער עיקר מוז מען די קינדער עפּעס מאַכן — ראובן גייט באָרוועס, ער האָט זיך יענע וואָך א האָלץ אַריינגענומען, לאָמט ער נאָך... אויך גייט צו ווינטער, מען דאַרף לייבלעך און העמדלעך, וואַטאָווע קאַפּאָט־קעלעך.

— נעם, נעם...

— הערסט, מאַכט דער גוטער מלאך, אז דו וועסט רעדן א שלעכט וואָרט, וועט די מאַמע דיינע קיין קלייד נישט האָבן, און דו ווייסט אַז דאָס אַלטע פאַלט איר אַראָפּ פון לייב; דיינע ברידער־לעך וועלן ווינטער צייט אין די גרעסטע פרעסט לויפן אין חדר אַריין באָרוועס, און זומער וועלן זיי זיך אַריינגעמען העלצער אין די פים...

— איך זאָג דיר דעם אמת, — מאַכט די מאַמע,—מען וואָלט געדאַרפט אַליין אויסרעדן „ברחל בתך הקטנה״, וואָרום ז י י ע ר א גוטער מענטש איז ער נישט... מען דאַרף אָפּרעדן, וויפיל ער וועט איר פאַרשרייבן — וואָרום יורשים וועט זיין ווי האָ[illegible]... ווען אפילו נישט קיין אַקט — זאָל ער כאָטש געבן א חרם־קוויטל, וואָרום טאַטע, ווי לאַנג קען אַזוינער לעבן? נאָך א יאָר, נאָך א יאָר...

— ביי וואוילטאָג, — זיפצט דער טאַטע, — לעבט מען לאַנג.

— לאַנג! פאַרגעס נישט — 70 יאָר... טייל מאָל ווערט אים עפּעס ווי טויט אונטער די אויערן...

און דער שלעכטער מלאך זאָגט: אז דו וועסט שווייגן, וועסטו גיין אונטער דער חופּה מיט א טויטן, מיט א מת וועסט לעבן... מען וועט דיך לעגן־פירן מיט א בר־מנן...

די מאַמע זיפצט.

— אַלץ איז ביי גאָט אין די הענט—מאַכט דער טאַטע.

די מאַמע זיפצט ווייטער און דער טאַטע זאָגט:

— און וואָס קען מען טאָן... מען האָט געקאָנט בעסער מאַכן? אודאי, ווען איך בין געזונט, ווען איך פאַרדין, ווען עס איז כאָטש דאָ טרוקן ברויט אין שטוב...

ער האָט אָפּגעהאַקט; מיר האָט זיך געדאַכט, אַז עפּעס ווײנט דעם טאַטן אין האַרץ.

— וואָלט זי כאָטש אינגער געווען מיט א פּאָר יאָר, וואָלט איך דאָס לעצטע געטאָן... ווײס איך? אפשר אויף דער לאָטעריע געשטעלט...

און איך האָב געשוויגן.

מיין 70־יאָריגער חתן האָט געגעבן אויף חתונה־קליידער, עט־לעכע הונדערט גילדן דעם טאַטן און מיר א תוספת־כתובה אויף 150 גילדן...

מענטשן האָבן געזאָגט: א וואוילער שידוך!

איך האָב חבר׳טעס באַקומען; די מיט דער סאַמעטענער יופּע און גאָלדענעם קייט־און־זייגער, פלעגט ביי מיר זיין צוויי־דריי מאָל אין טאָג. זי איז געווען גליקלעך ווי די וועלט, וואָס איך האָב זי דעריאָגט, וואָס מיר האָבן חתונה אין איין חודש! איך האָב גע־האַט נאָך חבר׳טעס. נאָר זי האָט זיך צוגעקלעפּט צו מיר. „יענע זיינען דאָך „סמאַרקאַטע מיידלעך"; ווער ווייסט, ווי לאַנג עס וועט נאָך ביי זיי דויערן!"

רבקה האָט חתונה פון דער פרעמד, נאָר עסן קעסט וועט זי פריער אין דער היים 2 צי 3 יאָר. איבער דער גאַנצער צייט וועלן מיר זיך האַלטן צוזאַמען; זי וועט אַריינלויפן צו מ י ר אויף ציקאָריע, איך צו א י ר אויף ציקאָריע, אָדער שבת נאָכ׳ן שלאָף אויף ביילעק־יויך.

— און אַז איך וועל ווערן א קימפּעטאָרין, — מאַכט איינמאָל רבקה און דאָס פּנים שטראַלט איר — וועסטו זיצן ביי מיר—יאָ? איך שווייג.

— וואַי! — מאַכט רבקה — וואָס טרויערסטו אַזוי? עס טרעפט זיך צו 70 יאָר אויך...

— גיי שוין, גיי! — טרייסט זי מיך ווייטער, — אַז גאָט וויל, שיסט אַ בעזים! און וועןן נישט — ווי לאַנג, מיינסטו, וועט עס דויערן? אַ מענטש לעבט דאָך נישט אייביג! אַזאַ יאָר אויף מיר, וואָס פאַר אַ יונגע אַלמנה דו וועסט זיין! די פינגער צו לעקן!

רבקה ווינטשט ר' זיינוויל'ן נישט קיין שלעכטס:

— ער איז אפילו אַ כלב שבכלבים! יענע ווייב האָט ער גע־פייניגט... נאָר יענע ווייב איז אַ קראַנקע געוועזן, און „דו ביזט געזונט ווי אַ נוס... דיך וועט ער גוט באַהאַנדלען, נאָך ווי הייסט גוט!"

ע ר איז צוריק געקומען!

דעם טאַטן איז מאַקע בעסער, נאָר עס האָט זיך אים פאַרגלוסט אַ ביסל טרוקענע באַנקעס — אַזוי האָט ער מורא געהאַט ארויס־צוגיין. ער פילט, אַז פון ליגן, און דערנאָך זיצן אַלץ אין איינעם, האָט זיך אים דאָס בלוט פאַרזאַמלט אויף איין אָרט, מען דאַרף עס צעשלאָגן! — אַ ביסל אויך ברעכן אים די פלייצעס און אויף דעם איז טרוקענע באַנקעס אַ רפואה בדוקה.

איך האָב אָנגעהויבן ציטערן ווי אין אַ פיבער: מיט טרוקענע באַנקעס קומט דער „יונג", נישט דער רופא אַליין.

— וועסט אַריינרופן דעם רופא? —פרעגט מיך דער טאַטע.

— וואָס רעדסטו? — פאַלט אים די מאַמע אין די רייד, אַ כלה־מיידל...

זי איז אַליין געגאַנגען.

— וואָס ביזטו אַזוי בלאַס געוואָרן? — פרעגט מיך דער טאַטע דערשראָקן.

— גאָרנישט.

— שוין עטלעכע טעג... — פאָרשט דער טאַטע.

עס דאַכט זיך דיר, טאַטע.

— די מאַמע זאָגט אויך...

— ע!

— היינט, — וויל מיך דער טאטע דערפרייען — וועט מען דיר שוין מעסטן די חתונה־קליידער.

איך שווייג.

— דו פרייסט זיך גאר נישט?—פרעגט דער טאטע.

— פארוואס זאל איך מיך נישט פרייען?

— דו ווייסט דאך אפילו גארנישט, וואס מען מאכט דיר.

— מען האט דאך מיר א מאס גענומען!

דערווייל איז אנגעקומען די מאמע מיט'ן רופא אליין.

עס איז מיר גרינגער געווארן אויפ'ן הארץ; נאר אין איינוועגס האט אין מיר עפעס געקלאגט: דו וועסט אים אפשר שוין מער נישט זען...

— אוי א וועלט, — קומט אריין דער רופא, סאפענדיג און קרעכצנדיג, — ר' זיינוויל'ע האט חתונה מיט א יונגער מויד, און לייזער'ל דעם גבאי'ס ווערט א פרוש—אנטלאפן פון ווייב!

— לייזער'ל?—שרייט אויס די מאמע פארוואונדערט.

— ווי איר הערט! היינט גיי איך ארום צו 60 יאר פון אין דער פרי ביז נאכט אויף די פיס, און מיין יונג לעגט זיך אין בעט אריין...

איך הויב אן ווייטער צו ציטערן.

— האלט נישט אזא גוי!—באמערקט די מאמע.

— א גוי? — מאכט דער רופא, — ווי הייסט א גוי?

— וואס טויג מיר די מעשיות, — האקט איבער אומגעדולדיג דער טאטע — טוט בעסער אייערס.

מיין טאטע איז בטבע געוועזן א גוטער; עס האט זיך מיר שטענדיג געדאכט, אז ער קען קיין פליג אויף דער וואנט נישט רירן, און דאך האט אין זיינע רייד געשטעקט אזוי פיל בזיון פאר'ן רופא.

אלס קראנקער אין בעט פלעגט ער גליקלעך זיין, אז עמיץ איז אריינגעגאנגען און באלאקעט מיט אים; נאר מיט'ן רופא האט ער קיינמאל נישט געקענט ריידן אווארט. ער האט אים שטענדיג איבערגעהאקט אין מיטן און געהייסן, ער זאל זיינס טאן, נאר אצינד האב איך עס דאס ערשטע מאל אזוי שטארק דערפילט; עס האט מיר אנגעהויבן דאס הארץ וויי צו טאן... ווארום, ווי אזוי וואלט

ער נאָך יענעם באַליידיגט, יענעם, וואָס ליגט נעבעך קראַנק...

פאַרוואָס איז ער קראַנק?

געזאָגט האָט ער, אַז ער האָט אַ האַרץ־פעלער.

וואָס דאָס איז האָב איך ריכטיג נישט געוואוסט; מן הסתם איז עס אַזוינס, וואָס לעגט אַמאָל אין בעט אַריין, און דאָך — האָט מיר דאָס האַרץ געזאָגט, — אַז איך מוז אויך האָבן אַ שטיקל שולד דערביי.

ביינאַכט האָב איך אין שלאָף געוויינט; די מאַמע האָט מיך אויפגעוועקט, און געזעצט זיך ביי מיר אויפ'ן בעט.

— שאַ, קינד מיינס! — האָט זי מיר געזאָגט, — לאָמיר דעם טאַטן נישט וועקן; און אונזער שמועס איז געווען פון מויל אויף אויער.

די מאַמע, האָב איך באַמערקט, איז שטאַרק צערודערט; זי קוקט אויף מיר פאַרשטענדיג, זי וויל עפּעס ביי מיר דערגיין און איך האָב מיך באַשלאָסן איר גאָר נישט צו זאָגן, על כל פּנים נישט ווען דער טאַטע שלאָפט.

— קינד מיינס, וואָס האָסטו געוויינט?

— איך וויים נישט, מאַמע.

— פילסט דיך געזונט?

— יאָ, מאַמעשי! נאָר טייל מאָל טוט מיר דער קאָפּ וויי.

זי איז געזעסן האַלב אָנגעשפּאַרט אויפ'ן בעט און איך האָב צוגערוקט דעם קאָפּ און אָנגעלעגט אויף איר האַרץ.

— מאַמע, — פרעג איך, — וואָס קלאַפּט ביי דיר דאָס האַרץ?

— פאַר מורא, טאָכטערשי.

— דו האָסט אויך מורא ביינאַכט?

— ביינאַכט און בייטאָג, איך האָב שטענדיג מורא.

— וואָס האָסטו מורא...

— איך האָב מורא פאַר דיר...

— פאַר מיר?

די מאַמע ענטפערט נישט נאָר איך פיל, אַז עס פאַלט מיר אירם אַ טרער אויפ'ן פּנים, אַ וואַרימע טרער.

— דו וויינסט, מאַמעשי?

די טרערן פאַלן אַפּטער און אָפּטער.

„איך וועל נישט זאָגן", באַפעסטיג איך מיך אין דער דעה.

אין א ווײַלע ארום פרעגט מיך פּלוצלונג די מאַמע:

— צי האָט דיר נישט רבקה עפּעס אָנדערציילט?

— וועגן וואָס, מאַמע?

— וועגן דײַן חתן?

— פון וואַנען קען זי מײַן חתן?...

— זי זאָל אים קענען, וואָלט זי נישט גערעדט; נאָר אזוי, ווי אין שטאָט... ווייסט נישט, פאַר קנאה... א איד א גביר, האָט כח צו נעמען אויף דער עלטער א בתולה, ר ע ד ט מען אודאי... ווייס איך? צי האָט מען דיר נישט געזאָגט אז דאָס לעצטע ווייב זײַנס איז געשטאָרבן, ווײַל ער האָט זי געפּײַניגט?

איך זאָג איר גאַנץ קאַלטבלוטיג, אז איך האָב עפּעס געהערט דערפון, נאָר פון וועמען, ווייס איך נישט.

— אודאי פון רבקה'ן — דאָס מויל זאָל איר הינטן שטיין — בייזערט זיך די מאַמע.

— פון וואָס דען — פרעג איך — איז זי אזוי פּלוצלונג גע־שטאָרבן?

— פון וואָס? א האַרץ־פעלער האָט זי געהאַט...

— נו וואָס? אז מען האָט א האַרץ־פעלער שטאַרבט מען?

— אודאי...

מיר האָט עפּעס ווי געקנאַקט אין מוח...

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

איך בין געוואָרן א „זיידן קינד" — מען האָט מיך אין אַלע הייזער געלויבט; די טאַטע־מאַמע האָבן עס גאָר נישט געקענט פאַרשטיין; דער שניידער אודאי נישט. איך האָב מיר גאָר נישט אויסגעבאָטן: וואָס די מאַמע האָט געוואָלט, האָט זי געמאַכט, וואָס פאַר א מאַטעריע, וואָס פאַר א שניט, וואָס פאַר א קליידער... אַלץ וואָס זי האָט נאָר אַליין געוואָלט.

רבקה פלעגט ארײַנקומען און קנײַפּן זיך אין די באַקן: „ווער פאַרלאָזט זיך אין מאָדע זאַכן אויף א מאַמען — א אידענע פון

דער אַלטער וועלט ?! וועסט שבת קענען זיך ווייזן, נישט אין שול, נישט אין גאַס, אין ערגעץ נישט!"

— דו קוילעסט זיך! — האָט זי געענדיגט.

מיר איז איינגעפאַלן, אַז איך בין שוין לאַנג געקוילעט. און איך האָב רואיג געוואַרט אויף שבת נחמו, ווען מען האָט געזאָלט פאַרבעטן דעם חתן אויף קדוש...

דערנאָך וועט זיין אַן אויפרופן, דערנאָך אַ חתונה.

דעם טאַטן איז ווירקלעך בעסער. ער גייט טייל מאָל אַרויס אין גאַס אַריין, ער הויבט אָן געוואָר צו ווערן וועגן תבואה. רעדן, ווי ער האָט געקלערט, דעם חתן וועגן אַ הלואה, האַלט ער נאָך פאַר צו פרי. ער רעכנט שבת-נחמו צו פאַרבעטן אים נאָך אויף שלש סעודות און נאָכ'ן שלש סעודות, אַריינצוואַרפן עטלעכע ווער־טער.

אַז עס איז שוין אַזוי גוט, איז צייט אָפּצושיקן דעם רופא; מען האָט אפילו היינט קרעדיט, ער מאָנט נישט, שיקט שוין נישט דעם יונג, קומט אַליין. נאָר עס איז צייט, זאָל זיין אַן עק. וויפיל מען האָט אָפּגעשיקט, ווייס איך נישט, נאָר דער שליח איז געוועזן אברהמ'ל, וואָס האָט געזאָלט דורכגייענדיג אין חדר אַריין, דער־לאַנגען די עטלעכע גילדן.

שפּעטער דאָך איז פּלוצלונג אַריינגעקומען דער י ו נ ג...

— וואָס? וועניג געשיקט?—באַגעגנט אים דער טאַטע.

— ניין, ר' יהודה—איך בין געקומען זיך געזעגענען.

— מיט מיר?—פרעגט דער טאַטע פאַרוואונדערט.

אַזוי ווי ער איז אַריינגעקומען, בין איך אַנידערגעפאַלן אויפ'ן ערשטן בענקל, וואָס איז געשטאַנען לעבן מיר; נאָר ביי די ווער־טער האָב איך מיך פּלוצלונג אויפגעשטעלט און אין קאָפּ האָט אויפגעבליצט אַ געדאַנק, אַז איך דאַרף אים שטיצן, נישט לאָזן באַליידיגן, עס איז דאָך נישט געקומען דערצו.

— איך פלעג דאָ אַריינקומען, — האָט ער געמאַכט מיט זיין ווייך, זיס טרויעריג קויל, וואָס האָט זיך געגאָסן אין האַרץ אַריין ווי אַ בוימל—אַצינד פאָר איך אַוועק, אויף שטענדיג... האָב איך געמיינט—

— נו, נו, אדרבה, — מאכט שוין געלאסענער דער טאטע — זעץ דיך, יונגער מאן, עס איז אפילו שיין פון דיין זייט, אז דו געדענקסט א באלעבאס... אדרבה...

— טאכטערשי, — מאכט ער צו מיר, — מען דארף אים עפעס געבן!

ער האט זיך אויפגעשטעלט בלאס, מיט ציטערדיגע ליפן און פייערדיגע אויגן, נאר אין דער רגע האט זיך אים דאס פנים צוריק מרה־שחורה׳דיג געענדערט.

— ניין, ר׳ יהודה, איך דארף נישט, איך דאנק אייך — זייט געזונט!

ער האט די הענט נישט אויסגעצויגן צו קיינעם, און אויף מיר קוים א בליק געווארפן.

אין דעם בליק האט דאך געשטעקט א פארוואורף, עס האט זיך מיר גע דאכט, אז ער באשולדיגט מיך, אז ער וועט מיר נישט מוחל זיין — וואס, האב איך רעכט אליין נישט געוואוסט.

און איך בין ווייטער אין חלשות געבליבן.

— שוין דאס דריטע מאל, — הער איך, — זאגט די מאמע צום טאטן...

„עס מאכט נישט אויס, אין די יארן טרעפט זיך עס... נאר חס ושלום ווערט ר׳ זיינוויל׳ע געוואויר, שיקט ער אפ די תנאים!... ער האט שוין נענוג געהאט יענע חולנית..."

קיין חולנית בין איך דאך נישט געווען.

אין חלשות בין איך אין גאנצן נאך איין־איינציג מאל געפאלן: ביי דער גאלדענער יויך, אז איך האב „ר׳ זיינוויל׳ן" דאס ערשטע מאל רעכט דערזען...

נישט מער.

אפילו נעכטן, ווען דער רופא, וואס שניידט מיין „ר׳ זיינוויל׳ן" אויס אלע חודש אויס די נעגל, וואס וואקסן אים אין די פינגער אריין, האט מיך, ארויסגייענדיג געפרעגט, צי איך געדענק זיין יונג, און דערציילט, אז ער איז געשטארבן אין ווארשעווער שפי־טאל — בין איך נישט געפאלן חלשות, איך האב קוים א טרער

געלאַזט. איך האָב אַליין נישט געוואוסט פון איר, נאָר דעם רופא איז זי, די טרער, געפעלן.

— איר זייט א גוטע, — האָט ער געזאָגט, און דעמאָלט האָב איך זי ערשט דערפילט אויף דער באַק.

מער נישט.

איך בין א געזונטע; איך לעב שוין 5 יאָר מיט ר' זיינוויל'ן... ווי אַזוי, וועל איך אפשר אַן אַנדערש מאָל דערציילן.

קלאָץ-געשיכטן

1.

דער קלאָץ אַליין.

אין מיטן מארק ליגט אן אַלטער, פוילער קלאָץ...

דאכט זיך, טויט ווי אַלע טויטע — און דאָך, אין א שטילער זו־מער־נאכט, ווען אַלץ ארום איז פארזונקען אין טיפן שלאָף, ווען לבנה און שטערן דרימלען אונטער א לייכטן זילבער־נעפּל, וועקט זיך אין מיר אויף דער אַלטער כשוף־מאכער... „האָקוס־פּאָקוס!" —דער קלאָץ לעבט!

ערגעץ אין מצרים ליגט א פאר'כשופ'טער אַלטער קלאָץ, וואָס וועקט זיך יעדן פרימאָרגן (ווען די פרישע, ריינע זון שטייט אויף) און יעדן אָוונט (ווען זי גייט אונטער פארשעמט און פארבלוטיגט) און גיט פון זיך ארויס א וואונדערלעכן קלאנג; —מ י י ן קלאָץ דערציילט גאַנצע געשיכטן.

אַלץ, וואָס איך שרייב פונ'ם שטעטל, האָב איך אים צו פאר־דאנקען, דאָס אַלץ זיינען „קלאָץ־געשיכטן"... דאָס אַלץ דערציילט ער מיר.

נאָר אָנהויבן הויבט ער אָן פון ז י ך. רעכט האָט ער! יע־דערער איז ביי זיך דער היילינגער מיטלפּונקט, ארום וועלכן ער שטעלט זיך אויס די רעשט וועלט.

עס גייט כסדר: א י ך, און דערנאָך ערשט אַלץ, וואָס מ י י ן איז: מ י י ן משפחה, מ י י נ ע חברים, מ י י נ ע

גוטע פריינט, מיינע באַקאַנטע, מיין שטאָט, מיין געגנט, מיין לאַנד... אַלץ וואָס מיין איז!

שפּעטער נעמען מיר שוין שותּפים צו: אונזער ערד, אונזער וועלט.

פאַר דעם קומען מיר צוריק צו: מיין גאָט! נאָר דאָס זאָל זיין אַ סגולה צו פּרנסה...

טייל מיינען אפילו, אַז זיי זיינען, נישט נאָר דער מיטל־פּונקט, נאָר זאָגאַר דער ברען־פּונקט פון דער וועלט. דאָס גאַנצע ליכט לויפט זיך דאָ צוזאַמען אַרויסצושטראַלן ערשט פון זיי אויף דער רעשט וועלט... אָן אַ חלב'ן ליכטל אפילו אין האַנט, לויפן די באַרעמהערציגע לייט אַרום אין די גאַסן און שרייען: ליכט! ליכט! ווי אַמאָל דער כּביכול און דערנאָך, להבדיל, געטע פאַר'ן טויט...

אַנדערע קלערן גאָר: צי איז אויסער זיי נאָך עפּעס פאַראַן!...

„איך בין איך" — על כּן — בין איך דאָ! נאָר די רעשט וועלט צי איז זי נישט מיינס אַ חלום פון אַ זומער צי אַ ווינטער־נאַכט, ווי עס מאַכט זיך?

און באמת, ווער נויטיגט מיך צו גלויבן, אַז אויסער מיך עק־זיסטירט נאָך עפּעס? פילן פיל איך נאָר מיין הונגער, מיין דורשט, מיין עגמת־נפש... איי וואָס—מען זאָגט? דאָס איז ווייניג!

מען פלעגט אַמאָל זאָגן, אַז עס איז פאַראַן: ערלעכקייט, רחמנות, יושר אמת וכדומה, און עס האָט זיך אויסגעוויזן — אַ חלום, אַ וויסטער חלום...

און — והא ראיה! אַז איך איך נאָר, נעם אַ קאָפּ בראַנ־פען, טאַנצט די גאַנצע וועלט אַרום ווי שכּור!

לאָמיר בעסער צוריקגיין צום קלאַץ, צו זיין אויטאָביאָגראַפיע!

געוועזן איז ער אַמאָל אַ בוים.
אַ פרישער גרינער בוים אין וואַלד!

געוואָרצלט האָט ער אין דער ערד, געצויגן זיך אין הימל אַריין... און אָדלער, נאַטירלעך, פליט העכער: זיינס האָט ער דאָך געטאָן בשלמות; ער האָט זיך געהויבן און געהויבן איבער זיינס גלייכן געוואקסן! ער האָט שוין אפילו א גרוים שטיק הימל געזען!

טייל מאָל האָט זיך אים געדאַכט, אַז, אָט־אָט, פאַלט אַראָפּ דאָס טעלערל פון הימל און לעגט זיך אים — א קרוין אויפ'ן קאָפּ! און ער איז ווערט די קרוין, ער ציט זיך אַלץ־אין־איינעם אַרויף!... געלעבט האָט זיך נישט שלעכט!

מויזנטער בלעטער צום אָטעמען, אַריינצוציען גרינצייג... אויפ'ן פּאָר שאָק וואָרצלען אונטער דער ערד, צו ציען חיונה — זאַפט און זאַלץ; דאָס איז פאַר'ן גוף; די נשמה האָט: פויגל־קאָנצערט און וואָלקן־מאַסקאַראַדע!

צווישן די צווייגן זשומט, ברומט, טרילערט און קלינגט... אויפ'ן הימל פליט און ציט, און יאָגט זיך. פון א זייט שווימט א סטאַדע וואָליגע שעפעלעך; אָט טרייבט זיי אנטקעגן א גראָמאַדע צויטיגע, שוואַרצע וועלף... אַלע פאַרשווינדן, און איבער דער ברייט פון הימל ציט זיך אויס א לאַנגער דייטש מיט גרויסע שטיוול, מיט א מעשענער פּיקל־הויב אויפ'ן קאָפּ... ער ווערט אויך צערונען, שאַ! דער הימל הענגט אַרויס וועש צו טריקענען... דאָס „גרעט" שאָקלט זיך, הוידעט און וואַרפט זיך, גלייך עס וויל אַראָפּפאַלן און א האַלבע וועלט „מלביש־ערומים" זיין...

דאָס אַלץ איז זומער.

ווינטער ציט הילט זיך איין דער בוים אין ווייסן מאַנטל און דרימלט. ער שלאָפט איין, און חלומ'ט־איבער א וועלט!

אין אַזא שלאָף הערט ער איינמאָל: טראַך! טראַך!

א האַק, צי א דונער! ער צי אן אַנדערער?

איידער ער קומט צו זיך — באַץ! ער ליגט שוין אויסגעצויגן אויפ'ן שניי...

און ער שלאָפט ווייטער איין... און ער חלומ'ט ווייטער:

— פאַרפאַלן! עס וועט זיך אָנהויבן א ניי לעבן, גאָר אַן אַנדער לעבן! נישט אין היימישן וואַלד, נישט צווישן זיינס־גלייכן—בוימער, נאָר אין דער אייביגער פרעמד!

נישט „הימל און ערד" וועט עס הייסן, נאָר „הימל און וואַסער" בעסער געזאָגט: הימל און הימל, אַן אמת'ער פון אויבן, אַן אָפּ־געשפּיגלטער פון אונטן...

א מאַשט וועט ער זיין, אויף דער גרעסטער שיף שווימען; אַף דער גרעסטער שיף, אויפ'ן גרעסטן ים! און א וועלט וועט ער זען!

דעם וואַלד וועט ער דאָך ניש פאַרגעסן!

וועט ער נענטער קומען צו א שטיק ערד, וועט ער זיך שאָקלען און גריסן דעם וואַלד... פון צייט צו צייט וועט אים דער ווינט צוטראָגן א ביסל ריח פון נאָדלען און בלעטער... אויף דער שיף וועט געוויס זיין א שטייגל... דרינען א קליין זיס פויגעלע...

ער חלומ'ט און פילט, ווי די האַק שפּאַרט אים אין די זייטן, שיילט און רייסט... שאַדט ניט!

„מערפי קאַזאַק, אַטאַמאַנאָם בודיעש!"

אַנדערע האָט מען אויף פּיצפּיצלעך צעהאַקט, אויף אַש פאַר־ברענט, אויף אַלע וועלט־עקן פאַרשפּרייט דאָס אַש און צעזייט, און ער וועט זיין א מאַשט!

אויפגעכאַפּט האָט ער זיך נישט אַלס מאַשט... מען האָט פון אים קוים א באַלקן געמאַכט, אין א הויז איינגעמויערט.

ענג, דושנע, פינצטער — עס דריקט פון אַלע זייטן...

ער פאַלט אַוועק אין א נייעם שלאָף, אין א וויסטן שלאָף; אָן חלומות, אָן האָפנונג, אָן טרייסט...

און אַזוי איז ער פופציג און אפשר הונדערט יאָר געשלאָפן...

און עס וועקט אים ווייטער: טראַך! טראַך!

ער כאַפּט זיך שוין אויף באמת אין א ים. אין א רויטן, פייערדיגן ים... כוואַליעס פייער שלאָגן...

דאָס איז מיין עק, — טראַכט ער — אין גיהנום בין איך!— מיינט ער.

נאָר א קלאָץ דענקט און די פּאָזשארנע קאָמאנדע לענקט און טוט אירס... אצינד ליגט ער אין מיטן גאַס...

ער ליגט און פוילט און ניצט נאָך דער קליינער וועלט...

האָלץ־וועָרים ציִען פון אים די גאַנצע פרנסה... א צעשויבערטע דינסט־מויד לויפט צו און רייסט אוים א קינדל... דער שרייבער פון מאַגיסטראַט נעמט זיך יעדן טאָג נאָכ'ן מיטאָג א צאָן־שטע־כער... פרייטאָג רייסט פון אים ווער אין נאָט גלויבט עדות צום נעגל־פאַרברענען...

קומט אין מיטן דער נאַכט אין שטעטל א קליין סוחר'ל, א נשרפ'ל, צי אזוי א בעטלער, נעכטיגט ער איבער אויפ'ן קלאָץ...

טייל מאָל ציט זיך אויף אים אוים דער נאַכט־וועכטער און שנאָרכט...

2.

ביימאָג.

א זומער־מאָרגן...

מיט א געשריי און געוויין, געלעכטער און געזאַנג רייסט זיך ראָס יונגוואַרג אַרוים פון די קליינע הייזלעך... נאַקעט, האַלב־נאַ־קעט, מיט און אָן שטיקלעך ברויט אין די הענט — לויפט עס צום קלאָץ.

מען שפּילט זיך...

און שפּילן זיך הייסט קאָפּירן די עלטערע וועלט.

אַלס חתן־כלה פאָרט מען אויף שטעקן שפּאַצירן, קושט מען זיך אין די ווינקעלעך, שענקט מען זיך מתנות.

איז ווייניג, דערלעגט מען נ אָ ך א שערבעלע, נאָך א שטיקל גלאָז פון א גרין אָדער א בלאָ־געוועזענער פלאַש, נאָך א שטיקל לעדער... אַניט גייט דער שידוך אָפּ, האָט מען א דין־תורה, צאָלט מען קנס...

אַלס מאַן און ווייב, קריגט מען זיך, שעלט מען זיך און מען

שרייט... ווערט מען מיד, לאָזט מען דעם רעשט גרימצאָרן אויס צו די קינדער, צו די אָרימע קינדער פון האָלץ און שמאַטעס...

זיי זיינען „ממזרים"... ווילן נישט לערנען, נישט פרום זיין, נישט טאָן די הענט אין קאַלטן וואַסער אריין... נאָר פרעסן וויל עס און זויפן, און עס האָט א קישקע אָן א דנאָ!

פאַר גרויס צרות מאַכט מען זיך „שטעלן"; פאַרשעלט מען די קונים'ס ביינער. צו דער סחורה — ווי א גאָט אין הימל — לעגט מען צו, און צאָלן מוז מען פּאַטענט, שטעל־געלט, מלמד־געלט, דירה־געלט, היינט קינדער חתונה מאַכן... און זיי דינגען זיך נאָך, די נשמה ציען זיי ארויס!

דערנאָך גייט א לויה... א קאַץ איז גע'פגר'ט, צי מען האָט א טויט מייזל געפונען...

אין מיטן קומט דער בעלפער...

אין מיטן טאָג פאַרנעמען דעם קלאָץ עטלעכע ווייבלעך, קעסט־קינדער... ביים שיינעם וועטער זעצן זיי זיך אויס אין די ווייסע יאַקעלעך, קאָלירטע טיכלעך און, פּאַר בושה, מיט א האַנט־אַרבעט אויף דער שויס. און מען פאַרברענגט א גוטע שעה...

פריער גייט עס צו שטיל.

איינע רויטלט זיך און דערציילט, ווי גוט זי ווערט באַהאַנדלט. די צווייטע „האָט נאָך זייט זי לעבט אַזאַ מאַן נישט געזען!", די דריטע שווייגט און פּלאַמט; די מוז זיין די גליקלעכסטע... טייל מאָל שלינגט דאָך איינע אַראָפּ א טרער נאָך א טרער — מען האָט איר געוויס אַן אַלטן מלמד געגעבן...

דערנאָך ווערט רעדאַגירט די שטאָט־צייטונג, די מויל־אַרבעט, וואָס צעפליט זיך פייל פון בויגן אין אַלע שטובן, אין אַלע הייזער אריין, און קומט דערנאָך צוריק צום קלאָץ פאַרגרעסערט און פאַר־שענערט, ניט צום דערקענען...

עלטערע מענטשן זאָגן, אַז פון קלאָץ וועט קיין גוטס ניט אַרויס...

פאַרנאַכט גייען שוין די יונגע ווייבלעך, אויסגעפּוצט אין די נאָך פרישע חתונה־קליידער אונטער דער שטאָט, אויפ'ן שאָסע,

ביים ראַנד פון קליינעם וועלדל, פון וועלכן אונזער קלאָץ קומט אַרויס. אין וועלדל זיך „אַריינלאָזן“, איז קיין שטייגער נישט; עס וואָלט שוין צופיל „דייטשעריש“ אָדער „פּריציש“־געווען... די „שיינע ברײַנדל“ פלעגט שפּאַצירן אין וואַלד, האָט זי זיך אַמאָל אויסגעשפּאַצירט, אויף אַלע שונאים געזאָגט! — „אַ רחמנות אויפ׳ן אַלטן פאָטער, אויפ׳ן געוועזענעם לאַנד־שרכן, ער שעמט זיך פאַר דער ליכטיגער שיין!“

דעם קלאָץ פאַרנעמען דערווייל עטלעכע אַלטע ווייבער, וואָס כאַפּן זיך אַרויס אויף אַ רגע. אַ ביסל לופט צו שעפּן, אַ ביסל נחת צו האָבן און אָפּצורעדן זיך פון האַרץ...

און, אַז מען האָט שוין איבערגעשיט דאָס גאַנצע שטעטל, רעדט מען פון „וואָס אַמאָל איז געווען און היינט איז ניטאָ“...

אַמאָל זיינען געווען געטרייע מענער און היינט — פאַר די היינט אַרויסצוואַרפן, איינם ביי איינם טרפה ווי חזיר; עס גייט זיי קיין וואָר וואָרט אַרויס פון מויל... נאָך דער חתונה איז „קעטשע־לע־מעטשעלע“, ביי איין טיש עסט מען, פון איין שיסל; — וואָס עלטער, ווערט מען קעלטער, און—גאָרניט!

פאַרצייטנס פלעגט אַ אידענע האַלטן אַן אור־איניקל ביים פאַר־טוך און איר אייגנס ביי דער ברוסט; היינט נאָכ׳ן דריטן, העכס־טענס נאָכ׳ן פערטן מאָל — קראַנק, דאַרף מען שוין דאָקטוירים און... דאָ רוימט מען זיך איין עטלעכע סודות און מען שפּייט אויף אַלע זייטן...

דעריבער שטראָפט טאַקע דער בורא־עולם... ער וועט זיין גוטס נישט וואַרפן אין דער בלאָטע אַריין. פּרנסה נישטאָ, קליינע קינדער גייען אויס ווי די ליכט, פאַר זעלנער נעמט מען... און קהל, און רב שווייגן! —

אפילו די זון איז שוין אויך נישט דאָס, וואָס אַמאָל! פאַר־צייטן פלעגט מען פון פסח ביז סוכות גיין אין איין העמד... עס רעדט זיך נאָר אַזוי, באַשפּינט און באַנייט איז מען געווען, און די ספּאָדניצעס מיט די זילבערנע און גאָלדענע פליטן זיינען אַ סך שענער געווען, ווי די היינטיגע מאָדעס... נאָר וואָרעם איז געווען,

א מחיה! ווער האָט געוואוסט פון הוסטן, פון שווערן אָטעם, פון א ציטערניש אין די ביינער?

די זון גייט אונטער; די ווייבער צעלויפן זיך; מען דאַרף וועטשערע קאָכן. פאַר די „געטרייע" מענער, דאָס פּנים פאַרפלאַמען...

עס פלאַמט אויף איין פענצטער נאָכ'ן צווייטן, א שויבן־טיר נאָך א שויבן־טיר. מיט רויטע אויגן קוקן די הייזלעך אין גאַס אריין, און ביים קלאָץ זיצן שוין מענער נאָך מנחה־מעריב.

מען רעדט פון פּאָליטיק, פון פּרנסה, פון אידישן מזל...

איינער ציט זיך אוים אויף דער וואַרעמער ערד. שפּאַרט אָן דעם קאָפּ אויפ'ן ווייכן, פוילן האָלץ און קוקט אין הימל אריין מיט צער, מיט נחת, מיט געבעט — ווי איינער, ווי אמאָל — און דרימעלט אזוי איין.

פּלוצלונג ווערט א געשרייערײ פון טיר און פענצטער, ווייבערשע קולות רופן: חיים, יוסל, ראובן.

אַנדערע, מיט א צולאָג, — א קללה: דיין נאָמען זאָל אַהיים קומען, די קאַרטאָפל ווערן קאַליע!

און ערשט גאָר שפּעט, אז דאָס שטעטל שלאָפט איין, רוקט זיך ארוים פון נידעריגסטן הייזל ר' שמערל, דער געוועזענער לאַנדשדכן...

פערציג יאָר איז ער ארומגעלאָפן זוכן חתנים און כּלות, ביז ער האָט די פים פאַרלוירן; קוים ער שלעפּט זיי נאָך...

א האַלבן געגנט האָט ער חתונה געמאַכט, נאָר זיין אייגענער טאָכטער פאַרגעסן... אין גרויען צאָפּ אריין פאַרגעסן... ניינצן יאָר דערלעבט!

ער זעצט זיך און באַהאַלט דעם אַלטן גרויען קאָפּ אין די ציטערדיגע הענט... נדן האָט ער איר געקליבן; נישט געגעסן, נישט געטרונקען, צופּוס מוילן גאַנצע נעגאַנגען... אַלץ געקליבן און געקליבן!

אזא חרפה, אזא שאנד!
ער הויבט די אויגן אויף צום הימל.
באטש גוט, וואס זיין רחל האט עס נישט דערלעבט!

— גאט! — וויינט אין אים דאס הארץ — זאל זי נאך תשובה טאן... אוועק וועל איך מיט איר... איך וועל איר א נייעם נדן צוזאמען מאכן... מיט די קראנקע פיס וועל איך פון טיר צו טיר אויף הכנסת־כלה גיין... חתונה מאכן, לייטיש חתונה מאכן!

— גאט, שיק א שטראל פון דיין ליכט אין איר הארץ אריין! א הארץ האט זי דאך א גוטע געהאט, א גוט הארץ... א שטילע איז זי, א גוטע געווען... א הארציגע!...

— מעשה־שטן, מעשה־שטן! — קלאגט דער אלטער אין דער שטילער נאכט אריין...

— און — אז ער גייט אויך אוועק, דעמאלט דערציילט מיר דער קלאץ זיינע מעשה'לעך.

3.

נאך האלבער נאכט.

דאפלט דיק ווערט דער קלאץ; ער גיסט זיך מיט זיין אייגענעם שאטן צוזאמען. א גרויע, טיפע שטילקייט ווינט זיך איבער'ן טויטן מארק.

דאס שטעטל שלאפט; טיר און טויער געשלאסן.

זעלטן רוישט דורך דער לופט א פלעדערמויז; און אומגליקלעכע פלעדערמויז אין א שטעטל, וואו די ווייבער האבן קיין האר ניט! פון ערגעץ אן אונטערגאס בלעקט פון צייט צו צייט א קעלבל, גלייך עס וואלט זיך געקלאגט אויפ'ן לעבן, וואס עס איז צו קורץ און ווערט נאך פאר דער צייט איבערגעריסן מיט געוואלט. פון צייט צו צייט לאזט זיך הערן א הונט פון דער קריסטלעכער פאר־

שטאָט, וואָס קאָן די לבנה נישט ליידן; וואָס רירט זי זיך אין דער שטילער נאַכט? — — —

ווייטער איז שטיל, די אָרימע קליינע וועלט האָט קוים איינגע־וויגט אירע קליינע — ווען אויך גענוג טיפע — שמערצן, האָפנונ־גען און פאַרלאַנגונגען, ווי אויך איר קליינעם יצר־הרע...

שטיל און טרויעריג ליגט דער קלאָץ אין מיטן מאַרק; שטיל און טרויעריג שווימט איבער אים אין הימל א פולע געלע לבנה.

וואָס ביזטו לבנה אַזוי געל? וואָס איז אַזוי קרענקלעך דיין פּנים? פון דיר שניידט מען דאָך קיין צאָן שטעכער, קיין עדות צו נעגל, קיין קינדלעך? צי האָסטו מיטלייד מיט'ן אידישן־קעלבל פון אונטערגאַס? צי שרעקט דיך דער הונט פון דער קריסטלעכער פאָרשטאָט?

און פיליכט ביזטו גאָר אונז אָרימע מענטשן מקנא, ווייל, ווי עס איז, האָבן מיר א נאַכט צום שלאָפן?

קראַנקע לבנה! — ניט אַלע שלאָפן.

דאָ און דאָרט שפּאַרט זיך אַרויס א ביסל ליכט דורך א שפּאַרע פון א לאָדן; אַרום מאַנכע ציטערן דין־שטראַלנדיגע, רויטלעך־בלויע מגן־דוד'ס...

דאָ איז זיך א שניידער, צי א שוסטער, און אפשר א טליתים־וועבער, ביי דער אַרבעט פאַרזעסן. אָן אָרימע נייטאָרין פּינטלט מיט די רויטע אויגן און נייט, און שטעפּט...

דאָרט שטייט אויף א דערשראָקענע מוטער צום קראַנקן קינד...

ערגעץ אַנדערש אין ווינקעלע, ביי א גראָשעדיג חלב'ן ליכטל, ציילט אוים א בעטלער זיין צוזאַמענגעמאַכט פאַרמעגן.

אינ'ם גרויסן, ווייסן הויז ליגט א קראַנקע; זרח שענקער'ס ווייב. גיי באַרעכן א וועלט: א יונג ווייבל, אַן אַלטער מאַן; גייט ער אַרום א געזונטער און זי ליגט איבעראַנאַנד! שטאַרבט זי אַוועק, עס ברענט א קאַגאַניק, עס זיצט א חברה־מאַן... זרח גייט אַהין און צוריק פאַרטראַכט און רייסט זיך איינציגע האָר פון דער ווייבער באָרד:

„ער האָט זי באַלד נישט געוואָלט! וואָס האָט אים געטוינט אַזאַ בלאַסע, אַזאַ ווייסע... מען האָט זי אים איינגערעדט; איינגע־רעדט האָט מען זי אים... ער האָט י ע נ ע געוואָלט און י ע נ ע ר להכעיס האָט ער מיט דער חתונה געהאַט..."

עס לייכט זיך אויך ביים דיין אין פענצטער. ער זיצט נאָך און לערנט, און אפשר קלערט ער שוין וועגן אַ הספד; זרח איז אַ גביר און אַ איד אַ למדן: אשת חבר כחבר...

וואו עס איז פינצטער שלאָפן אויך ניט אַלע...

געגנאַיבער דעם גרויסע ווייסן הויז שטייט אַן איינגעפאַלענע, פאַרפינצטערטע שטוב, מיט אויסגעביסענע ווענט. די לאָדן הענגען קרום אַראָפּ און פאַרמאַכן שוין לאַנג ניט די פענצטער. אין שטוב, ביי דער בלאַסער שיין פון דער לבנה ציטערן ווי בלוטיגע פלעקן די קישן אָן ציכלעך אויף צוויי שטענדיג זיפצנדיגע בעטן...

אין אַלטער איינגעשרומפּענער ווייבער־קאָפּ מיט אויסגעלאָשענע אויגן הויבט זיך אויף און רופט צום צווייטן בעט:

— טויבע, הערסט?

עס קומט פון צווייטן בעט קיין ענטפער, עס הערט זיך פון דאָרט קיין אָטעם ניט. די אַלטע לאָזט זיך נאַרן, זי ווייס, אַז טויבע שלאָפט ניט, אַז זי קען ניט שלאָפן... עס לאָזט זי ניט שלאָפן...

— טויבע! רופט די אַלטע האַרטער.

— וואָס ווילסטו, מאַמע? — הערט זיך פון צווייטן בעט אַן אָפּגעריסן קול, אָנגעזאָפּט מיט טרערן, — וועסט מיר די קינדער וועקן!

די אַלטע שווייגט אַ רגע. אין דער שטילקייט הערט זי, ווי טויבע דרייט זיך איבער אין בעט און פאַרגראָבט דאָס פּנים אין קישן.

— הערסט, טויבע! — מאַכט די אַלטע נאָך אַ ווײַלע — דיין מאַנדל וועט היינט־מאָרגן אוועק... ער האָט שוין דעם טלית־זאַק פאַרפּאַקט... אַן עגונה וויל ער דיך לאָזן, אַן עגונה! ער האָט דען

יהדות? ער האָט דען אַ אידיש האַרץ?... ער וועט דיר קיין גט ניט לאָזן!

פון צווייטן בעט הערט זיך אַ פאַרשטיקט געוויין.

די אַלטע מרוטשעט פאַר זיך:

— טאַטע־מאַמע ניט געפאָלגט... געפּוצטע שטיוועלעך גע־וואָלט... זרח — אַ שמאַלץ־גרוב — נישט! געפּוצטע שטיוועלעך! דעם טאַטן אין קבר אַריינגעפירט... גאָט שווייגט ניט, גאָט צאָלט... רבונו־של־עולם...

טויבע שפּרינגט אַרויס, ווי אַן אונטערגעשאָסענער פויגל, פון בעט, כאַפּט אויף זיך אַ קלייד מיט אַ שאַל און לויפט אַרויס פון שטוב.

— און יענע שטאַרבט, — מרוטשעט ווייטער די אַלטע און לעגט דעם ציטערדיגן קאָפּ צוריק אויף'ן רויטלעך־שוואַרצן קישן — וואָלט ער איר אַ גט געלאָזט, וואָלט אפשר נאָך צוריק זווג געווען...

טויבע זעצט זיך אויף'ן קלאָץ. די באָרוועסע פיס צעפליסן זיך אין זאַמד, די גרויע שאַל מיט'ן גרויען קלייד אין דער גרויער לבנה נאַכט... עס זעט זיך נאָר איר בלאַסער פּנים מיט די ברענענדיגע אויגן, וואָס קענען זיך ניט אָפּרייסן פון גרויסן, ווייסן הויז, פון ציטערדיגן ליכט, וואָס רייסט זיך אַרויס דורך דער שפּאַרע פון די גרינע לאָדן...

— שטאַרבן — טראַכט טויבע — איז נאָך גאָרניט!

נאָר זי דערשרעקט זיך פאַר אירע אייגענע ווערטער; זי זאָל עס נאָר ניט האָבן אַרויסגעזאָגט אין אַ בייזער שעה!

— לעב, לעב מירעלע: ליספּעלט זי מיט ציטערדיגע ליפּן. זאָל דיר גאָט דיין לעבן באַנייען... הונדערט און צוואַנציג יאָר זאָלסטו לעבן...

דאָס געבעט רייסט זיך אָפּ פון זיך אַליין. טרויעריג־פינצטערע געדאַנקען באַהערשן זי. נאָך בייטאָג האָט זי געהערט, אַז דער דאָקטאָר האָט אָפּגעטראָטן פון מירל'ס בעט, אַז אַלע מבינים האָבן אָוועקגעמאַכט מיט דער האַנט...

„איין גאָט קען העלפן", האָט מען געזאָגט, און טויבע'ס האַרץ

ציטערט, צי וויל ניט גאָט אויספירן זיינס... צי איז זי מיט זרח'ן קיין זווג ניט געווען...

ער (איר מאַן) מוז אוועק, עס איז שוין ניטאָ פון וואַנען צו לעבן... אַמעריקע ציט אים... און יענע—יענע שטאַרבט...

זי בלייבט און זרח בלייבט...

— „נאָר ניט קיין גט, נאָר ניט קיין גט!" צאַפּלט אין איר דאָס האַרץ —

דאָס אַלץ האָט מיר דער קלאָץ דערציילט.

נאָך קבורה

פּערזאָנען: די אלמנה. צוויי מומעס.

די סצענע: רעכטס און לינקס — טירן. אין הינ־טערגרונט—צוויי פענצטער אונטער פאָרהאַנגען. אויף דערוואַנט אן איבערגעקערטער שפּיגל. אויף א פענצ־טער לייכט—א נשמה־לעמפּל; דעריבער א שטיקל ליי־ווענט. אין מיט שטוב — א הענג־לייכטער מיט אַריינ־געשטעקטע קאָלירטע ליכט. צווישן די פענצטער — א קיך־בענקל, דערויף: א שטיקל בייגל, אייער־שאָלן, א ווישט־דערעסן איי; ־ רעשטלעך פון א סעודת הבראה. געבעט מעבל אין הינטערגרונט.

פאַרנאַכט. שפּעטער באַווייזט זיך די לבנה אין פענצטער.

די אלמנה:

זיצט אויפן בענקעלע פארשטיינערט און פארגעסן.

די מומעס:

ביים טיש קוקן אויף איר מיט מיטליידנדיגער שרעק.

ערשטע מומע:

האָט נאָך קיין טרער נישט געלאָזט...

צווייטע מומע:

זי קוקט—וואָס זעט זי? (פּויזע).

ערשטע מומע:

(עטוואָס האַפנונג) ס'פנים, דאַכט זיך, גייט איר אָפּ...

די אלמנה:

(ליבלעך) מומע, וואס האסטו געטאן אויפ'ן בית־עלמין?...

ערשטע מומע:

גארנישט...

די אלמנה:

(מיט א פארגליווערטן שמייכל בלימעלעך געריסן?

ערשטע מומע:

(צו דער צווייטער) דאס האט זי געטאן.. אין מיטן קריעה שניידן אראפגעבויגן זיך...

די אלמנה:

(צו דער צווייטער) און דו, מומע? (פארגעסט זיך. פויזע).

ערשטע מומע:

צוריק פארשטיינערט.

(פויזע).

צווייטע מומע:

וואלט זי א טאטן געהאט...

ערשטע מומע:

א מאמען!... א מאמע וויסט שטענדיג, וואס צו טאן...

צווייטע מומע:

אדער א קינד.

ערשטע מומע:

ס'וואלט געוויינט...

צווייטע מומע:

א קליינס. וואלט עס געצופט ביי דער ברוסט.

(פויזע).

ערשטע מומע:

ארויסגייענדיג פון טויער האָט זי געפרעגט: „וואו איז מיין מאַן?"...

צווייטע מומע:

דאָס זעלבע אריינקומענדיג אין שטוב... „נאָך נישטאָ?"

(פויזע).

ערשטע מומע:

כ'מוז גיין אהיים! די קינדער וועלן קומען פון חדר... כאַטש א ביסל קארטאָפל...

צווייטע מומע:

מיינער איז ערשט געקומען פון וועג. ר'וועט שעלטן.

ערשטע מומע:

מען דארף זי לעגן שלאָגן...

(ווילן צוגיין)

די אלמנה:

מיידלוויין האָב איך געקאָנט טאנצן...

די מומעס:

(שפרינגען אָפּ פאַר שרעק).

די אלמנה:

(מער צו זיך) און פייפן אויך... (צו די מומעס מיט א שעל־מישן שמייכל) קיינער נישט געוואוסט... ער—אויך נישט..

די מומעס:

(נענטער קומענדיג) גאָט איז מיט דיר!

די אלמנה:

גאָט?—מיט מיר?

(די מומעס שטעלן זיך אָפּ דערשראָקן)

ערשטע מומע:

מען דאַרף זי לעגן שלאָפֿן...

צווייטע מומע:

(צוגייענדיג) קום, קום שלאָפֿן...

ערשטע מומע:

קום, כ'וועל מיט דיר לייענען קריאת־שמע...

צווייטע מומע:

(לייענט איר) „המפיל"— (די אלמנה זאָגט נישט נאָך).

ערשטע מומע:

כ'וועל דיך אויסטאָן...

צווייטע מומע:

(וויל עס טאָן).

די אלמנה:

(שפּרינגט אָפּ) ניין... ניין... כ'מוז ביי אים זיצן... כ'מוז ביי אים זיצן (אָפּגעווענדט רעכטס) כ'וועל קיין פרעמדן נישט צו־לאָזן... איך אליין... איך אליין... (אויפֿן שוועל שוין באַרי־מעריש) ביי מיר נעמט ער אלץ... איך שלעפּ'ם איין... כ'זינג אים לידעלעך (אָפּ).

די מומעס:

(גייען נאָך; קומען צוריק נאָך א ווײַלע, שטעלן זיך אויף דער שוועל, איינע געגן דער אַנדערער).

ערשטע מומע:

ווי געשווינד זי איז איינגעשלאָפֿן...

צווייטע מומע:

מיט אָפּענע אויגן!

ערשטע מומע:

שנאַרכט!

צווייטע מומע:

עפּעס צו געשווינד... זי נאַרט! —

ערשטע מומע:

נאָך וואָס?

צווייטע מומע:

כ'ווייס? (פּויזע) און אפשר האָט זי פאַרגעסן... (זיפצט אָפּ) קום!

די מומעס:

(גייען און שטעלן זיך אָפּ אין מיטן שטוב).

ערשטע מומע:

זי קאָן זיך אויפכאַפּן,„ אַריינקומען אהער און פּלוצלונג דער־זען — (קוקנדיג אויפן קאַנאַניקל) אויסלעשן?

צווייטע מומע:

מען טאָר נישט... פאַרשטעלן! (רוקט עס אָפּ צום פענצטער־ווינקל, אונטער דעם פאָרהאַנג, עס שימערט קוים).

ערשטע מומע:

ס'שטיקל לייוונט? (רוקט עס אויך איבער).

צווייטע מומע:

דער שפּיגל?

ערשטע מומע:

ס'איז פינצטער, זי וועט אפשר נישט זען... אומדרייען טאָר מען נישט... קום... אַט, נאָך ס'בענקל... (רוקט עס צו א פענצ־טער צו, פאַרלעגט מיט אן עק פאָרהאַנג)

צווייטע מומע:

און דאָס פוס־בענקל (רוקט עס צום צווייטן פענצטער צו, פאַר־שטעלט עס מיטן צווייטן עק פאָרהאַנג. פּויזע) אז זי האָט קיינעם נישט אין שטוב...

ערשטע מומע:

צוויי איינזאַמע מענטשן געווען...

צווייטע מומע:

מיר וועלן דאָך באַלד צוריקקומען...

(זיי גייען צו דער טיר לינקס)

די אלמנה:

(באַווייזט זיך אויף דער שוועל, זעט די מומעס פון הינטן, שמייכלט שעלמיש, ציט זיך ראַש צוריק).

ערשטע מומע:

וועלן מיר פאַרשליסן פון דער צווייטער זייט...

צווייטע מומע:

פון דער צווייטער זייט...

די מומעס:

(אָפּ; די טיר ווערט פון דער צווייטער זייט פאַרשלאָסן).

די אלמנה:

(באַווייזט זיך מיט'ן פריערדיגן שמייכל אויף דער שוועל. קוקט זיך אום): אָפּגענאַרט! — (גייט איבער דער שטוב, טרעט אויף אן אייער־שאָל, עס קנאַקט. זי דערשרעקט זיך, בלייבט שטיין, קוקט זיך אומרואיג אום—דער בליק פאַרהאַלט זיך ביי דער לבנה אין פענצטער) די לבנה שיינט!... (קוקט אַרויס).

די גאַס שלאָפט (דרייט זיך איבער צו דער שטוב זייער ליבלעך). קום, חתן מיינער, ש פּ א צ י ר ן ... (גלייך זי נעמט אימיצן אונטערן אָרעם. שפּאַצירט) נאָר זאָלסט מיך נישט קושן... הערסט, האָסט צייט!... (בויגט צו דעם קאָפּ די האָר מענסטו... זיי שמעקן? — איך שמיר זיי מיט נאָר־נישט... דאָס שמעקט מיין נשמה... אַזוי זאָגסטו? יאָ? — וואָס רעדסטו היינט אַזוי ווייניג? דיינע ליפּן רירן זיך, און

איך הער קיין קלאַנג... (שטעלט זיך אָפּ) וואָס קוקסטו עפּעס אַוועק אָן א זייט?... (פּויזע. אומרואיג) עפּעס פיל איך נישט דיין האַנט... דיך אויך נישט... (דערשראָקן) וואו ביזטו? — אה! (שמייכלט) ערב שבת! געגאַנגען דאַווגען... (באַטראַכט זיך) און איך בין נאָך נישט אָנגעטאָן! (וויל צוגיין צו דער באַנק, בלייבט א ווײַלע שטיין, שמייכלט) ער וועט באַלד קו־מען און זאָגן (מאַכט נאָך) „גוט שבת"... אזוי האַלב זינגענ־דיג: „גוט שבת"... און (שטעלט אויס דאָס מויל צום קושן) דערנאָך אויף און אַפּ: „שלום עליכם" (זינגט מיט א מענער־שטים, האַקט אָפּ אין דער מיט) ווי... נאָך נישט קיין ליכט געבענטשט... (נעמט פון שאַנק אַרויס ליכט און לײַכטער — בענטשט זייער לאַנגזאַם ליכט, צעלאַכט זיך אין מיטן) כ'זע דיך! כ'זע דיך דורך די פינגער (ענדיגט ראַש) — שוין צו־ריק געקומען... גיי נישט צו, גיי נישט... „שלום עליכם" זינג, כ'וועל מיך איבערטאָן... לכבוד שבת... קוק נישט... נאַשער, קוק נישט... זינג! (זינגט „שלום עליכם", גייט צו צו דער שאַנק, עפנט די שאַנק־טיר צום צושויער, בלייבט פאַרשטעלט בײַ דער שאַנק, זאָגט אָן און ווערטער, און אָפּט איבערגעהאַקט) פאַרוואָס זינגסטו נישט? הערסט נישט, ווי איך זינג? (באַ־ווײַזט זיך איבערגעטאָן אין ווײַסן) פאַרוואָס זינגסטו נישט? —ביזט ברוגז? פאַרוואָס? (וויל זיך דערמאָנען. הויבט העכער די ברעמען, באַמערקט דעם הענג־לײַכטער; גלײַך זי האָט פלוצלונג פאַרשטאַנען) א! יום־טוב און נישט אָנ־געצונדן דעם הענג־לײַכטער! ווילסט מער ליכט!

כ'קען דיך, ווילסט דיך באָדן אין ליכט — יום־טוב... גוט, גוט... א מערכה — יום־טוב, נישט שבת... וואַרט, כ'וועל אָנ־צינדן... און מיטאַמאָל מיט צווײַ ליכט (נעמט זיי פון טיש) רוק מיר אונטער א שטול! ווילסט נישט? — פאַרוואָס? ביזט נאָך בייז? שלעכטער! (מיט טרערן) שלעכטער... נאַר ס'שאַדט נישט! כ'קאָן אַליין (צורוקנדיג זיך א שטול מיט די פיס, אַרויפשפּרינגענדיג און אָנצינדענדיג) וואַרט, וואַרט—שפּעטער... נאָכ'ן עסן... וועל איך ברוגז ווערן... איך (גייט

אַראָפּ) ניין, ניין? ... כ'שפּאָס נאָר... ביזט, נעבעך, א שוואַכער... (שטעלט צוריק די ליכט) נו קום עסן... זעץ דיך... אזוי... איך קום באַלד מיט'ן עסן (גייט אָפּ רעכטס, ברענגט אַריין געשיר, שטעלט צום טיש, זעצט זיך גלייך עמיץ זיצט איר געגנאיבער) עס, לעבן מיינס, עס געזונטערהייט... פיש מיט ראָזשינקעס, ווי דו האָסט ליב... עסט נישט? די אויגן פאַלן דיר צו?... אי... מיר פאַרשטייען זיך דערויף! וואַרט, כ'וועל דיך שוין וועקן (גייט ראַש אָפּ רעכטס. קומט צוריק באָרוועס, איינגעהילט אין א ווייס ליילעך, איבערשרעקנדיג) בו—בו—בו! — וואו ביזטו? האָסט זיך באַהאַלטן? וואָס אים ליגט אין זינען! כ'וועל דיך געפינען, כ'וועל דיך געפינען (זוכט איט אַרום, אונטער שטולן, אונטערן טיש, אין שאַנק, בלייבט שוין מיד) גענוג שוין... כ'בין מיד... אזוי פיל נעכט נישט געשלאָפן! קום שוין... קום שוין... נאַ! (שטעלט אויס די ליפּן צום קושען) נאַ (דערלאַנגט אין דער לופט אַריין די צעפּ) כ'וועל דיך אַרומוויקלען... נו שוין... אה! פון אונטער'ן אויוון אהער געקומען... כאַ־כאַ־כאַ! (שטעקט אין מיטן לאַכן) וואו גייסטו? וואו גייסטו? עפּעס ווערסטו מיר אַלץ דינער און דינער (נאָכגייענדיג) צום פענצטער?... צום פענצטער? ווילסט ארויס פון פענצטער? (צולויפנדיג) כ'וויל נישט! כ'האָב מורא! (שטרעקט אויס די האַנט, ווי צום אָנכאַפּן ביי א פּאָלע, שטרויכלט איבער'ן ק"ד־בענקל, באַטאַפּט עס, רוקט אָפּ ווערפון דעם פּאָרהאַנג, דערזעט די רעשטלעך פון סעודת־הבראה, אויסגעשויי) אָ! (שפּרינגט אָפּ ביז צו דער טיר לינקס, פאַלט, פאַרגעסט זיך, שפּאַרט זיך אָן אָן בענקל; הינטער די קוליסן שטילע ציטער).

ס'גערטל שלאָפט איין... שלאָפט איין, טס... טס... (הינטער די קוליסן: פויגל־צוויטשער, וואָס ווערט אַלע מאָל שטילער און זעלטענער).

די פייגעלעך, שטיל זינגענדיג, שלאָפן איין... טס, טס! (נאָך שטילע מוזיק).

ס'קליינע וואַסער, צווישן די ביימעלעך, שלאָפט איין,
שלאָפט איין...
און עס גלאַנצט, און עס ציטערט אַזוי שטיל, אַזוי שטיל...
אָ, דער וואַסער שוואַן שווימט איבער'ן גלאַנץ, איבער'ן
וואַסער שפּיגל, שווימט אַזוי שטיל...

(עס פאַלט א פאַרהאַנג. פֿאָרהאַנג).

צוזאַמען

(פאָלקסטימלעך)

מיט יוסל מלמד איז שלעכט...

ער אַליין האַלט עס אפילו נישט פאַר שלעכט. ווארום וואָס? קיין האָניג פון לעבן האָט ער קיינמאָל נישט געלעקט... קיין יונגער־מאַן איז ער נישט, קיין מיתה חטופה וואָלט עס נישט געווען; ליגט שוין, לא עליכם, א שיינע פאַר וואָכן! און דערצו איז פונקט חודש ניסן, וואָלט ער כאָטש פטור געוואָרן פון חבוט הקבר. לאָזט זי אָבער נישט, יענטל די רביצין; מאַכט זי קולות, זי און די קינ־דער... גוס'ט ער און גוס'ט, שוין עטלעכע מאָל וידוי געזאָגט. אויסגעצויגן זיך, איבערגעדרייט צו דער וואַנט, און זי לאָזט נישט קומען צו יציאת נשמה; זי און די קינדער. ער פּינטלט מיט די אויגן, בעט זיך ביי איר רחמים, — דאָס קול האָט ער שוין לאַנג אָנגעוואָרן, — און זי מיט די קינדער טרעטן נישט אָפּ פון בעט און מאַכן יללות...

קריגט מען דאָרט אויבן אויף אים רחמנות.

מאַכט זיך, איינמאָל ביינאַכט, שוין אפילו נאָך חצות, הויבט עפּעס אָן צו רוישן אונטער'ן פענצטערל, און פּאַמעלעך גייט אי־בער דאָס רוישן אין א מין נגינה — עפּעס נישט געזונגען, נישט געשפּילט אויף א כלי, און פאַרט נגינה, און אַזוי מחיה'דיג שטיל און זיס, אַז עס צעגייט אין אַלע אברים.

ווערן יוסל'ס ווייב מיט די קינדער מיטאַמאָל שטיל, הערן זיך איין צו דער נגינה. באַלד דערפילן זיי עפּעס א זיסע מידקייט אין גאַנצן גוף, לאָזן זיך אַראָפּ אויף דער ערד אַרום בעט, שפּאַרן אָן

די קעפּ אָן די לייסטן, די ברעמען פאַלן צו, די אויגן שליסן זיך, און זיי דרעמלען איין.

האָט זיך די נשמה דערמיט באַנוצט און אַרויסגעכאַפּט זיך פון גוף.

מילא, גלייך אַרויף קאָן דאָך די נשמה נישט; נישט אַזוי לייכט זיך אָפּצושאָקלען פון שטויב פון דער ערד און אויסגלייכן די פליגעלעך, און אגב מוז זי דאָך, על פי דין, בלייבן ביים גוף, כל זמן ער קומט נישט צו קבר ישראל; מוז נאָכגיין דער מטה, זען די קבורה, אויסהערן קדיש.

פליט זי, די נשמה אַרויס דורך די נאָזלעכער פון גוף, כאַפּט זיך אַרויס דורך דעם אָפענעם לופט־שיקל פון שטוב, שטעלט זיך א ווײַלע און וואַרפט פון יענער זייט אַריין א רחמנות־בליק צום בעט, צום אויסגעצויגענעם גוף, וואָס האָט שוין אפילו ניט געצאַפּלט, דרייט זיך אוים, און הויבט אָן זיך אַרומצודרייען אַרום הויז...

איז אָבער יוסל מלמד בטבע א פאַרטראַכטער געווען, א פאַר־חוש'טע נשמה געהאַט, פאַסגעסט זי זיך, די נשמה, לאָזט זיך אין מאַרק אַריין, דערנאָך פון מאַרק און פון שטעטל אַרוים; מיידט אוים די לעצטע הייזלעך, די באָד און גייט אַזוי אַלץ ווייטער און ווייטער...

איין בורא עולם ווייסט, ווי לאַנג עס האָט געדויערט וויפיל זי איז אָפּגעגאַנגען. פליען האָט זי כמעט נאָך נישט געקאָנט, גייט זי און גייט און קומט צו צו א בערגל. דערהערט זי פלוצלונג פון דער הויך א גערויש, א גערויש אַזוי ווי פון פליגל. דערמאָנט זי זיך, די נשמה, אָן דעם טויט, מיינט זי, אַז ס'איז שוין נאָך קבורה, אַז זי גייט עס אַרויף, וואו מען דאַרף. און אַז דאָס רוישן, די פלי־געל פון די מלאכים, וואָס מען האָט איר געשיקט אנטקעגן... צע־שמייכלט זי זיך, די נשמה, עס קומט איר: פאַר דער תורה הקדושה אוועקגעלעגט דאָס געזונט מיט'ן לעבן... ווערט זי דער־פרייט: איילט זיך צו, סאָפּעט און גייט באַרג אַרויף, אַלץ פאַר־חוש'ט, אין מיטן הויבט זי אָבער די אויגן אויף, דערזעט זי — א ווינט־מיל! און די ווינט־מיל דרייט זיך, א ווינטל געווען, און די

פליגל רוישן אין דער לופטן. מילא, דערמאָנט זי זיך, אַז עס איז נאָך פאַר קבורה און קוקט אַזוי ווייטער: ביי דער ווינט־מיל, דער־זעט זי, שטייט א הייזל, מיט עטלעכע פענצטערלעך, און צוויי פון די פענצטערלעך זיינען זייער ליכטיג. וואונדערט זי זיך, וואָס עס לייכט זיך נאָך ערגעץ אַזוי שפּעט. קוקט זי זיך אום, דערקענט זי די מיל; ערשט פאַראיאָרן האָט זי דאָ ווייץ גע'כשר'ט, משגיח געוועזן ביים מאָלן מצה־שמורה־מעל, ס'איז פריידל דער אלמנה'ס מיל... פלעגט ביי איר מאָלצייטן עסן, די בנים פארהערן—גרויסע עם הארצים געווען! — און זי פלעגט מכבד זיין מיט גריוון און קלאָגן זיך פאַר אים, באשר בכן, דער מאַן האָט זי פאַרלאָזט בחצי ימיו, איבערגעלאָזט איינע אליין מיט קינדער אין א דאָרף, מיט א גרויסער ווינט־מיל, וואָס וואַקסט איר איבער'ן קאָפּ... וכדומה... און אויפ'ן שכן פלעגט זי זיך קלאָגן, אויפ'ן איד פון צווייטן דאָרף, פון דער צווייטער ווינט־מיל, וואָס רעדט איר אָפּ די קונים, — און אצינד אַזוינע יום־טוב'דיגע ליכטיגע שויבן! איז איר א גרויסער חידוש, דער נשמה, גייט זי נענטער צו, קוקט אריין, און ווערט נאָך מער נתפעל. נישט חודש, נישט שבת און קיין יום־טוב אודאי נישט. און דער טיש איז וויים געדעקט, און אויפ'ן טיש שטייט א שאַבאַשניק, אַנגעצונדן אלע זיבן ליכט, אויפ'ן וויסן טישטעך —כבוד. די בנים זיינען נישט אין שטוב, אודאי אין דער צווייטער מיט די פינצטערע פענצטערלעך, שלאָפן שוין אודאי... און ביים טיש זיצט פריידל, נישט פארמעליגט, א שבת־יום־טוב'דיג מלבוש, מיט א וויים זיידן טיכל איבער'ן קאָפּ — פון איין זייט, און עפּעס א איד, אין א נייעם קאַשקעט און א טוכענער קאַפּאָטע — אין דער צווייטער זייט טיש. פּאַלט איר איין: דער איד פון צווייטן דאָרף, פון דער צווייטער מיל! און ער איז אויך גאָר נישט פאַר־מעליגט, און דער איד, זעט מען בחוש, שדכ'נט זיך צו איר... מען נעמט א קאָפּ, מען טרינקט לחיים... און זי בעט זיך נאָר: שטיל! די קינדער זאָלן אין דער צווייטער שטוב נישט הערן... און מען הויבט ווייטער אויף די גלעזלעך!

אין מיטן ווערט די אידענע טרויעריג און פרעגט: און די קינדער? קינדער אין שטוב, זאָגט דער איד, האָט ער פיינט...

כ'זאָל וועלן קינדער, זאָגט דער איד, וואָלט ער א בתולה גענומען און אייגענע געהאַט... ווייל זי זיך פון אים אָפּרוקן... כאַפּט ער זי אָן ביי דער האַנט און קוקט איר אין די אויגן אַריין... די מיידלעך, זאָגט ער, מעגן זיך שטעלן אין שטעטל אויף אַן אָרט, ער וועט זיי אָפּפירן. דאָס אינגל, — ער האָט א קרוב א דרדקי־מלמד, וועט ער אים אָפּגעבן פאַר א באַהעלפער... און — ווי זי וויל! זי — א אידענע! כליפּעט און טרינקט ווייטער: לחיים! און דערווייל קרייעט דער האָן, דער איד כאַפּט זיך אויף, ער מוז פאָרן אין שטעטעל אַריין נאָך א חופּה און א מנין... זי באַגלייט אים ביז צו דער טיר, ער פאַרשווינדט אין דער נאַכט אַריין, און זי וואַקלט זיך צוריק, קומט צו צו דער טיר פון דער שטוב, וואו די קינדער שלאָפן, פאַלט צו מיט'ן פּנים צו דער מזוזה, און צעוויינט זיך אויף א קול: הלואי וואָלט זי דער מאַן געווען מיט זיך מיטגענומען, נישט אי־בערגעלאָזט איינע אליין, וואָלטן די קינדער יתומים אָן טאַטע־מאַמע געווען, קיין שטיף־טאַטן נישט באַקומען, וואָלט ווער אויף זיי רחמנות געהאַט.

כאַפּט זיך ערשט די נשמה, וואָס מיט איר איז געשען, און דרייט זיך אויס, און לאָזט זיך צוריק אַהיים... בלאָנדזשעט א ביסל און קומט דאָך צום שטעטל צו. מען קלאַפּט אין שול אַריין: דריי מאָל! א שטיין איז איר אַראָפּ פון האַרץ; אפנים, מען ווייסט נאָך נישט... קומט צו צו דער שטוב, דער לופטשיק — אָפן, דער עולם אַרום בעט שלאָפט, די נאָז־לעכער פון גוף — נאָך נישט פאַרקילט. כאַפּט זי זיך צוריק אין גוף אַריין, און גאַרנישט!

אין דער פרי, דער גערודער אין מאַרק וועקט זיך, פויערים מיט פורן קומען אָן; קלייטן עפענען זיך, די איינגעשלאָפענע בני בית כאַפּן זיך אויף: א נס! יוסל מלמד שוויצט. איבער נאַכט א קריזיס געווען. מענטשן גייען דאַוונען און טרעטן אָפּ: ששון ושמחה, נאָר רעדן רעדט ער נישט, אָפּגעשוואַכט, גייט מען דאַווּנען. יוסל, זאָגט מען, איז אונזער... טרייבט דאָס ווייב, די מיידלעך אַרויס צו דער שטעל, די אינגלעך אין חדר אַריין, און וויל אויך אַרויסגיין און אַריינרופן א שכנה אויף איר אָרט, נאָר אַזוי, ווי זיי בלייבן אליין, זעצט זיך יוסל אויף און זאָגט איר: זיי ווייסן,

זאָגט ער איר, אַז דו וועסט היינט מאָרגן אַוועקגיין פון דער וועלט, דעריבער זאָג איך דיר אָן, זאָלסט קומען אהין מיט א ריינעם חשבון. גיי, על כן, אין מארק אריין, זע איינצומאָנען דיינע חובות און באַצאָל וועמען דו ביזט שולדיג... דאָס זאָלסטו טאָן איבער'ן טאָג און פּארנאַכט זאָלסטו אהיים קומען, מיטברענגען זאָלסטו א מנין מענטשן, און וועסט דיך לעגן אין בעט און ווידוי זאָגן, און די רעשט געהער צו זיין ליבן נאָמען... ווארום איך וויל נישט, מיינע קינדער זאָלן באַקומען א שטיף-טאַטן, האָב איך מיר עס אויסגע-בעטן, זיי זאָלן בעסער בלייבן יתומים אָן טאַטע-מאַמע, וועט קהל אויף זיי רחמנות האָבן און השגחה געבן...

מיינט׳ זי ער רעדט פון וועג, נאָך נישט ביי די קלאָרע געדאַנקען, וויל זי אים אָבער נישט דערצאָרענען, שאָקלט מיט׳ן קאָפּ אויף יאָ, און גייט ארויס...

פּאַרנאַכט, מנחה צייט, קומט זי צוריק, פרעגט ער זי צי זי האָט אַלץ געטאָן, ווי זי האָט געהייסן. וויל זי אים ווייטער נישט דער-צאָרענען, שאָקלט זי ווייטער מיט׳ן קאָפּ אויף יאָ. פרעגט ער ווע-גען מנין, נאָר איידער זי ענטפערט, קומען טאַקע אריין מענטשן, געקומען זיינען זיי מבקר חולה זיין, מיינט ער, אַז זי האָט זיי באַ-שטעלט, זאָגט ער איר: גיי אין בעט אריין... הויבט זי זיך אָן צו שרעקן, פּינטלט צו די מענטשן מיט די אויגן: וואָס וויל ער פון איר. זאָגט מען איר, אַז א מאַן, בפרט א שכיב מרע, מוז מען פאָלגן, און ער זאָגט, אַז ער איז אויף איר גוזר, לעגט זי זיך אויפ׳ן בעט... הייסט ער, עס זאָל עמיץ מיט איר זאָגן וידוי, „מיט מיר אויך", זאָגט ער... זעען די אידן, אַז זיין פּנים ענדערט זיך, נעמט איינער א מעבר יבק און זאָגט פאַר, הייסט ער, זי זאָל דוקא מיט-זאָגן, ראָטן די אידן, זי זאָל פאָלגן. מן הסתם ווייסט ער, וואָס ער וויל. זאָגט זי נאָך, און קלאַפּט זיך אין הארץ... און זאָגנדיג ווערט איר קול וואָס אמאָל שוואַכער און שוואַכער, און דאָס פּנים אַלץ געלער און שווארצער... און די עדה אידן קוקט און עס שטאַרט זיי דער אָטעם פאַר שרעק, נאָר דער זאָגער קוקט דורך ברילן אין מעבר יבק אריין און זעט נישט, וואָס ארום טוט זיך און הערט נישט אויף צו זאָגן... און יוסל זאָגט און שמייכלט, און די

אידענע נעבעך קאָן שוין קוים מאַכן מיט די ליפּן, און זי ציט זיך איין, ווי א קנויל, און גיט זיך מיטאַמאָל א צי אויס איבער'ן בעט, יוסל אין זיין בעט אויך, און מיט איין מאָל, זעען די אידן, ווי פון ביידע נאָזלעכער אַזוי ביי אים, אַזוי ביי איר, באַווייזן זיך פלעמ־לעך און די פלעמלעך פליען צו צום לופטשיק, און גיסן זיך צוזאַמען אין איין פלעמל און דאָס פלעמל פליט אַרויס... שרייען די אידן אויס: ברוך דיין אמת, פאַלט דער מעבר יבק פון זאָגער'ס האַנט אַרויס...

און די קינדער זיינען טאַקע געבליבן אָן טאַטע־מאַמע... און ווען קיין שטיף־טאַטן נישט האָבן.

אָן מזל

...איר זוילט אַלץ פאַרזאָרגן; דאָס לעבן שטרעקט איר פּאָר קינדער.

און איך זאָג אייך: יעדעס קינד ווערט געבוירן מיט זיין מזל, — אָדער עס העלפט נישט, אָדער מען דאַרף נישט.

פאַרוואָס בין איך אַזוי עלנט, אַזוי נע ונד, און האָב נישט דעם קאָפּ אָנידערצולעגן, און ווי קום איך אהער?

נישט געהאַט מיין הייזל אין זאַוויכאָסט? נישט געהאַט א קראָם מיט סחורה? — און דערצו בין איך דאָך א שיפער 1) גע־ווען פון נאָך פסח אָן—צווישן וואסער און הימל אויף סכות קומט מען אהיים מיט מתנות פון קעניגסבערג! א לעבן געווען!

האָב איך אָבער געוואָלט פאַרזאָרגן...

א בת יחידה, אַן אויג אין קאָפּ, אַן אבן טוב—א קינד...

אז די מוטער, עליה־השלום איז געגאַנגען פון דער וועלט, האָב איך נאָך קיין גרוי האָר אין דער באָרד נישט געהאַט, און מען האָט מיר גערעדט שידוכים, האָט מען מיך געשטאָכן מיט מעסער... איך וועל מיין רחל־לאה קיין שטיפמאַמען נישט געבן!

עס קומט נאָך פסח, האַלץ־סוחרים קומען אָנצופאָרן, מען רייסט זיך איבער מיר, מען ביעט מיר ממון קורח. מען קען מיך פאַר'ן

---

1) אַזוינער, וואָס פירט אַריבער די טראַטוועס איבער'ן וואַסער.

ערלעכן מאַן און פאַר'ן גוטן באַלעבאָס אויף דער טראַטוווע, און אַז איך קויף איין באַל—נו, וועל איך מיך אַוועקלאָזן אויפ'ן וואַסער און איבערלאָזן מיין איין־איינציג קינד אויף פרעמדע הענט?

בלייב איך אין דער היים און זעץ מיך אין געוועלבל אַריין.

קיין שפע איז, מן־הסתם, נ י ש ט געווען. אַ שיפער איז קיין סוחר נישט. מען רייסט מיר די קונים פון קרעמל אַרויס, און איך בלייב שטיין מיט אַן אָפן מויל... מוז איך אָפשפּאָרן אַ שטוב פון דער דירה און פאַרדינגען, אַבי מען לעבט.

נאָר קיין חרטה, חס ושלום, האָב איך נישט; פאַר הונגער, חס ושלום, שטאַרבט מען נישט. פאַר דאָס פאַרשפּאַר איך צען מאָל אין טאָג דאָס קרעמל און לויף אַהיים זען, ווי רחל־לאה וואַקסט... און זי וואַקסט, קיין עין הרע, ווי אויף הייוון — די מוטער אויס'ן אויג: חן־גריבלעך און אַזוינע שטילע, גוטע אויגעלעך — האַלב־לאַכנדיגע, האַלב־וויינענדיגע, און אין גאַנצן אַזוי פאַר'חלומ'ט...

איך וויל דאָך זי אין געוועלב אַריין נישט לאָזן! אימשטיינס געזאָגט סחורה: שמירעכץ צו שטיוול און שמירעכץ צו רעדער, און אייל און אַ ביסל נאַפט, און די קונים: באַלעגאַלעס מיט פויערים. איך וויל גאָר נישט, זי זאָל זייערע לשונות הערן...

און נאָך מנחה־מעריב! מעג זיין אויסטערליש נייעס פון פּאָליטיק, מעג זאָגן, להבדיל, דער גרעסטער מגיד, — איך לויף אַהיים צו מיין נחת, צו מיין טרייסט...

און איך ווייס, אַז זי איז שוין, ברוך השם, איבער זעכצן, נאָר איך מאַך מיך נישט ווִיסנדיג... איך פאַרגעס מיך און האַלט זי אויף דער שויס... און גאָט דאַנק איך, וואָס מען דערמאָנט מיך נישט... אַ שטיל נפש, גייט נישט פון שטוב אַרויס, האָבן לייט אָן איר פאַרגעסן... רעדט מען איר קיין שידוכים נישט...

„הלואי ווייטער" טראַכט איך; עס ווילט זיך נישט בלייבן אַליין.

מאַכט זיך אָבער אַ מעשה.

דערציילט מען מיר, אַז דער יונגער ברענהאָלץ, דעם פּאָדריאַד־

טשיק׳ס זון, דרייט זיך, ווען איך בין ביי מנחה־ומעריב אין בית־המדרש, פאר מיינע פענצטער... ער שפאצירט דער בחור...

און א בחור, אצינד וויל איך שוין מיין מויל צו קיין בייזן נישט ברענגען, גאר — א מאכל, זאג איך אייך...

קלער איך מיר: איך וועל מיט איר רעדן, וואָרענען. ווארום מיט אים רעדן, איז — ארבעס אָן דער וואנט — מען שמועסט א פרי!

קאָן מען אָבער מיט איר נישט רעדן...

— רחל־לאה, — הויב איך אָן. עפנט זי אויף מיר א פאר ריינע, אזוינע צנועה׳דיגע קינדער־אויגן, און אזוינע קלאָרע, און פרעגט:

— וואָס, טאטע?

מוז איך זי פארעדן מיט עפעס אנדערש. ניי ווארף א שטיק בלאָטע אין א קלאָר וואסער אריין.

נאָר שלאָפן טאָר מען נישט; א טאטע ט אָ ר נישט שלאָפן...

שיקט מיר, דאכט זיך, גאָט די רפואה:

עס איז א יריד ביי אונז, פאלט אריין מיינס אן אלטן ידיד, צוזאמען פון איין סידור אלף־בית געלערנט, אויך נישט פאר אייך געדאכט, אן אלמן געוואָרן. נאָר א מענטש מיט פלייצעס, א גבור, שטעלט אָפּ פון הינטן א וואָגן מיט א פאָר פערד. „וואָס טוסטו דאָ, אברהם־משה?" ער איז געקומען א כלה אָנקוקן, א קאץ אין זאק קויפט ער נישט. „נו?" — „איז פונקט די סחורה אוועקגעפאָרן אויף א חתונה". „אָן עלטערע אידענע?" פרעג איך; איך וויים, ער האָט קינדער. צעלאכט ער זיך, אז עס הילכט: „וואָס איז? א בתולה, האָב איך קיין ציין נישט?... נאָר אז זי איז אוועקגעפאָרן, כאפט זי דער רוח". אזא לשון האָט ער שוין געהאט.

זאָג איך אים: איך האָב אויך א בתולה.

„נו", זאָגט ער, „וועלן מיר זען"...

וואָס דארף מען בעסער?...

עס איז אפילו צו נאָענט... איינגאנצן א מייל אָנדערהאלבן...

אַזאַ בחור ווי ברענהאָלץ קאָן זיך אַמאָל אַראָפּכאַפּן... נאָר—זאָל ער פּרואוון שפּאַצירן אונטער אברהם־משה׳ס פענצטער, אברהם־משה וועט כאַפּן אַ „קלאָניצע״... ער האָט דעמאָלט נאָך פערד געהאַלטן.

דאַנק איך און לויב זיין ליבן נאָמען: אַן אָנגעזאָפּטער איד, אין גאַנצן דריי שטיקלעך קינדער; און אַ הויז, און אַ מחיה אין הויז — אַן אכסניא, און אַ הויז מיט כל טוב — טאָקע שמאַלץ און האָניג... און הונדערטער ביי לייטן... שרייבט מען תנאים; אַן אַלמן מאַכט קיין שהיות נישט — איז מגביל זמן החתונה אויף נישט ווייט... מיין רחל־לאה, ווי עס פּאַסט פאַר אַ אידישער טאָכטער, שוויינט... אין די אויגן אַ ביסל טרויער, אַ ביסל פּחד — ווי דער שטייגער איז פון אַ כשר׳ער נשמה. ערשט צום חופה טאָג, ביים אל מלא רחמים, האָט זי זיך, נעבעך, צעוויינט... אָבער צעוויינט! מילא — אַ חופה, אַ גילדענע יויך — אַ מצוה־טענצל און צומאָרגנס פאַר איך אַהיים נאָר מיט אַ גרינג האַרץ. עס בענקט זיך שוין אפילו צו דער טאָכטער, נאָר ווי ווייט איז?

און עס איז שליט־וועג — מען גליטשט זיך אַזוי שטיל איבער׳ן שניי — פאַרמאַך איך די אויגן; דרימל איך, דאַכט זיך, איין און שטעלט זיך מיר דער טייך פאַר די אויגן...

טראַכט איך: סוף ווינטער... נאָך אַ פּאָר וואָכן וועט דער שניי זיך צעלאָזן, דאָס אייז — פּלאַצן און אָפּשווימען... עס וועט זיך עפענען אַ וואַסערדיגע וועלט... עס וועלן אָנקומען סוחרים פון געהילץ... איך ווער צוריק שיפער, צוריק צווישן וואַסער און הימל... אוים בלאָטיג שטעטל, אוים פינצטער געוועלבעל, — עס וועט זיין אַ לעבן...

און וואָס פאַר אַ מתנות איך וועל ברענגען פאַר רחל־לאה׳ן פון קעניגסבערג...

האָט אָבער מיין קינד קיין מזל נישט געהאַט...

צעגאַנגען איז דער שניי, אָפּגעגאַנגען איז דאָס אייז, אָבער פאַר די געהילץ סוחרים איז געקומען מיין איידעם׳ס עלטערער בן

16 יאָר און א יונג ווי א בוים, און א מגושם מיט א גראָב קול,— און נישט קיין גרויסער חכם.

ער קומט אריין אָן שלום. אָן גוט מאָרגן, און גיט א קלאַפּ מיט דער בייטש אָן פּאָדלאָגע.

— וואָס האָט איר עס אָפּגענאַרט דעם טאַטן, וואָס?

— מיט וואָס, — פרעג איך, — האָב איך אים אָפּגענאַרט? איך וויים איך האָב איר אוועקגעגעבן דער מוטער'ס צירונג, גענגע־בען נדן מער, ווי איך און מיין שטייגער האָט געמעגט, און א האַלב געיועלבל אויסגעלעדיגט אויף מלבושים —

— איר האָט אים, — זאָגט ער מיט'ן גראָבן קול—א חולנית פאַר א ווייב געגעבן... הויט און ביין, — זאָגט ער, — אז מען רירט זי אָן, קנאַקט זי...

ווערט מיר, מן הסתם, א לאָך אין האַרץ. לאָז איך אַלץ אי־בער אויף גאָט'ס געבאָט, און כאַפּ מיך אריבער צום איידעם.

איך קום אריין: מיין אברהם־משה זיצט אין די שעלקעס ביים איוון און וואָרעמט זיך, מיט די הענט הינטער זיך... ער הייבט זיך אפילו נישט אויף, מיט די אויגן שטעכט ער מיך — און זי — א האַלבע רחל־לאה... זי דערזעט מיך און פאַלט מיר איבער'ן האַלז מיט אזא געוויין, מיט אזא געוויין — — — און פלוצלונג דערפיל איך, ווי עס פאַלט איר דאָס קעפל ביי מיר איבער'ן אקסל, —זי חלש'ט...

איך טראָג זי אין דער צווייטער שטוב אריין, — איך פיל גאָר נישט, וואָס איך טראָג — איך לעג זי אויפ'ן בעט, שפּריץ וואסער—קוים זי קומט צו זיך.

— טאָכטער, — בויג איך מיך צו איר צו — ער באַהאַנדלט דיך שלעכט?

— ניין, — קוים וואָס זי רעדט, — פריער, אז איך בין געזונט געווען, אודאי נישט...

— מען גיט דיר נישט צו עסן?

אויך נישט. זי איז די גאַנצע באַלעבאָסטע. און אז איך קוק מיך אום זע איך אָן אָפענע שאַנק: א סלאָי מאַרינירטע הערינג,—

א גרויכערטער לעקער — טעפּ מיט שמאַלץ, אויף אַלע אידישע קינדער געזאָגט...

— וואָס דען, טאָכטער?

— איך בענק...

— וואָס בענקסטו?

— אהיים, — זאָגט זי, — אהיים...

— וואָס הייסט אהיים? וואו א מאַן איז, דאָרט איז די היים...

פאַרגראָבט זי דאָס פּנים אין קישן און וויינט, און וויינט אזוי שטיל, אזוי הארציג... און בעט זיך איך זאָל זי נישט איבערלאָזן אליין...

און זי הויבט אויף דעם קאָפּ — א קאָפּ פון א פויגעלע — און בעט זיך:

— בלייב דו כאָטש ביי מיר, טאַטע!

און וואָס מיינט איר, איך האָב לאַנג איבערגעטראַכט? חס ושלום! וואָכן לאַנג האָט זיך מיר גע׳חלום׳ט, אז איך שווים מיט טראַטוועס אויף דעם ווייסל. מיטאַמאָל — ארויסגעריסן פון הארץ! איך כאַפּ א פורל, לויף אהיים — פאַרקויף בחצי חנם דאָס געוועלבל מיט דער נחלה און קום צוריק, און צי מיך אריין צום איידעם. ער קרימט זיך אפילו, נאָר ווער הערט׳ן...

און מיינט איר עס האָט געהאָלפן?

אָפּגעזאָגט זיך פון לעבן פאַר זיך... פון א קדיש זיך אָפּגעזאָגט... אוים שיפער — אוים הויז, אוים געוועלבל! — אַלץ אבי דאָס שטיקל קינד צו פאַרזאָרגן, צו ראַטעווען... און זי? גייט נעבעך אוים... ווי א ליכט...

מיר אויף דער האַנט האָט זי די אויגן פאַרשלאָסן — — אז אָן מזל...

עיקר שכחתי...

מיינט איר אפשר, איך האָב נישט געפונען ביי איר אונטער׳ן קישן בריוו פון ברענהאָלצ׳ן?...

זי האָט זיי אפילו נישט געעפנט.—

פון וועג אַראָפּ

אין דער שטילער אויסגעשטראַלטער הויך, צווישן איין שורה און דער צווייטער, הערט זיך פון צווישן די זילבער־ און גאָלד־שטראַלנדיגע שטערנדלעך א זיפץ.

„ווער זיפצט דאָרט, קינדער?" פרעגט מיט א רחמנות־קול די שווימענדיגע לבנה, און פאַרהאַלט זיך נישט, און קוקט זיך נישט אום צו זען, פון וואַנען דער קרעכץ איז געקומען.

„איך!" ענטפערט אונטער איר א שטערנדל און צעפלאַקערט זיך רויט.

„וואָס פעלט דיר, קינד?"

„מאַמע, איך קאָן נישט מער, איך האַלט עס שוין לענגער נישט אויס!"

„אייביג, אייביג — קלאָגט זיך דאָס שטערנדל — אייביג דער זעלבער וועג, די זעלבע ליניע!"

„די ג ר א ד ע", טרייסט די לבנה.

„צווישן וועלכע פּונקטן?"

„פון וואַנען און וואוהין?"

„וואו איז דער אָנהויב, וואו איז דער סוף פון אייביגן גיין? אפשר גייען מיר פון נ י ש ט צ ו נ י ש ט, פון שלעכטס צו שלעכטס? וואוהין פירט אונזער וועג? דו ווייסט עס, מאַמע?"

„ע ר ווייסט"...

„און פאַרוואָס אַנטפּלעקט ער אונז זיינע סודות נישט? פאַר־וואָס זאָגט ער נישט, וואָס ער וויל פון אונז? וואָס מיר טוען?"

— מיר לייכטן!

„דאָס אַלטע ליד, מיר לייכטן פאַר ד י וואָס זיינען אונטן און טרייסטן זיך מיט אונזער ליכט... מיר זיינען וועג־ווייזער

פאַר די, וואָס בלאָנדזשען אין סטעפּן אָדער פאַרטרויען זיך דעם ים... אָבער מיר פאַר זיך אַליין? מיר ליכטן, און אונזערע איי־גענע נשמות זיינען פאַרשלייערט, איינגעהילט אין שאָטן... אַנדערע זעען ביי אונזער ליכט, און מיר אַליין ווערן ווי בלינדע שאָף גע־טריבן! און מען טאָר זיך נישט אָפּשטעלן, נישט פאַרהאַלטן זיך אַ ווײַלע און אַ קלער טאָן: צו וואָס? און נישט לאַנגזאַמער גיין, און נישט געשווינדער... א י י ן איינמאָל פאַר אַלע מאָל אָפּגע־שטעלטער וועג, א י י ן איינמאָל פאַר אַלעמאָל אויסגעמאָסטענע צייט! טאָרסט קיינעם נישט אָפּוואַרטן, קיינעם נישט דעריאָגן! צו קיינעם זיך נישט ווענדן אויף דיין וועג!

„און שטענדיג, שטענדיג אַליין — יעדעם האָט זיך ז י י ן וועג, און יעדעם איז עלנט פאַר זיך אויף זיין אייגענעם וועג”...

„טויזנטער אומגליקלעכע שוועסטער קרייצן דורך דיין ליניע— קיין איינציגע קומט צו דיר נישט צו, קיינעם קאָנסטו נישט באַ־גריסן — קיין איינציגע פרעגן: ווי גייט עס דיר, שוועסטער? קיינע שמייכלט דיר נישט צו, און דו שמייכלסט צו קיינער נישט! מיר זיינען אַזוי נאָענט און אַזוי פרעמד; און די הערצער קלעמען אַזוי פאַר בענקשאַפט! און מען פילט זיך אַזוי דערנידעריגט!”

„מיר זיינען דאָך הויך!”, טרייסט די לבנה — „די אונטן זיינען א ו נ ז מקנא”...

„די נאַרן! זיי, וואָס טרעפן זיך און האַלזן, און קושן זיך און טרייסטן זיך, און לעבן נאָר אַזוי קורץ — זיי זיינען אונז מקנא! אונז, עלנטע, פאַר׳יתומ׳טע, וואָס לעבן א י י ב י ג, אָדער כ מ ע ט אייביג!”

„זע!” — טייט מען דאָרט אַרויף מיט די פינגער — „אַ שטער־רענדל האָט זיך אין גאָלד צעפלאָסן”... זיי ווייסן נישט, אַז דאָס גיסט זיך פאַר בענקשאַפט די נשמה אויס...

„שירה זאָגן זיי, די שטערן, די גליקלעכע שטערן”, און עס פאַלט זיי גאָר נישט איין, אַז צווישן איין „הללויה” און דעם צווייטן, ווײַנט מען דאָ, פאַרגייט מען פון בענקשאַפט”...

„איך קאָן נישט מער!”

„שווייג, קינד, — מען הערט — — גיי דיין גראָדן וועג...”

„קינד! זיין ווילן מוז געשען! א שטערנדל וואָס רירט זיך פון אָרט, ווערט אראָפּגעשלײדערט"...

„וואוהין, מאַמע? צו יענע דאָרט אונטן אראָפּ?"

„ניין, קינד, טיפער!... און דאָרט ווערט מען געשטראָפט... אייביג געשטראָפט... ווער עס האָט ווילען אויסגעטראַכט, דער האָט אויך אויסגעטראַכט די שטראָף! שרעקלעך מוז זי זיין! שווער איז זיין האַנט! טויזנטער, טויזנטער קינדער פאַרליר איך אזוי, און קיין איינציגעס איז נישט צוריקגעקומען, עס זאָל כאָטש דערציילן, וואָס עס טוט זיך דאָרט... וואָס פאַר א יסורים מען ליידט; און גרויס מוזן זיי דאָך זיין די יסורים; שווער איז זיין האַנט... און קיין זיפץ פון דאָרט ארויף קומט נישט; אין דער פינצטערנישט ווערט אַלץ פאַרשטיקט! און קיין שטראַל פון די זינדיגע געשטראָפטע קומט נישט ארויף, — אראָפּגעשלײדערט, ווערן זיי, פאַלנדיג, שוין אין דער לופט פאַרלאָשן! היט דיך! טו תּשובה אויף דיינע רייד!"

„ניין, מאַמע! אראָפּ וויל איך! ליידן וויל איך! אייביג ליידן, נאָר וויסן. אז דאָס זיינען די יסורים וואָס איך אליין האָב אויף מיר גענומען! מיינע יסורים, מיין ווילן איז געשען!"...

אין גאָלד צעפלאַקערט זיך דאָס שטערנדל, און רוקט זיך אָפּ, און בליץ־שנעל ווערט עס אראָפּגעשלײדערט און פאַלנדיג, ווערט עס אויסגעלאָשן אין דער לופט, און די לבנה זיפצט און שווייגט ווייטער; זי טאָר זיך אפילו נישט אומקוקן...

אין קעלער־שטוב

(א בילד)

א גרויסע קעלער־שטוב, פול מיט בעטן!

פריידע די האלעדריגיכע שלאפט שוין לאנג אויף איר קאסטן, אין איר ווינקעלע צווישן אויוון און וואנט. זי האט זיך היינט פרי געלעגט, ווייל עס איז מארגן יריד אין א נאענט שטעטל, דארף מען אויפשטיין פרי און ארויספארן מיט דער מאזש. זי שלאפט דאך אומרואיג — זי וועט האבן צרות צרורות מיט'ן געלעגנהייט: זי האט באדונגען דעם באלעגאלע, ער זאל זי אויפנעמען מיט א קליין פעסל, און נאך פאר'ן איינשלאפן האט זי א ישוב געהאט, אז עס איז גלייכער מיטצונעמען דאס גרויסע פאס. זי האט זיך לאנג אומרואיג געווארפן אויפ'ן געלעגער: „א בייז מויל א אידענע האט", האט זי אויף זיך אליין זיך געבייזערט, „ארויסגעכאפט זיך: „ס'קליינע פעסל"! נאך וואס? נאך ווען? דעם באלעגאלע'ס דאגה? ער וועט דארפן מפיים זיין די פערד מיט נאך א ביסל האבער?" אזוי ווארטשענדיג אויף דער מיאוס'ער צונג, וואס אן אשה האט, איז זי קוים איינגעשלאפן. פון אונטער'ן איבערגעבעט שטארט ארויס א רויט קאפ־טיכל, וואס פאלט איר אראפ ארום פנים, ווי א רעמל ארום דער שפיציגער, בלאלעכער נאז. זי אטעמט שווער. זי מוז האלטן די ביינער העגט אויפ'ן אלטן הארץ; גאט ווייסט, וואס עס חלומ'ט זיך איר! אפשר ווארפט זי דער באלעגאלע אוועק, און זי בלייבט א האלב יאר אן פרנסה!

דער ווינקל געגנאיבער געהערט צו יוסל וואסער־טרעגער. דאס ווייב מיט צוויי קינדער שלאפן אין איין בעט און ער מיט'ן עלטערן

חדר־אינגל — אין צווייען. פון די בעטן רייסט זיך אויך אַלע מאָל אַרויס אַ זיפץ, דאָ איז מען אויך איינגעשלאָפן מיט עגמת־נפש. דאָס חדר־אינגל האָט געוויינט „רבי געלט"! און די נאָך עלטערע טאָכטער איז געבליבן אָן אָן אָרט. זי האָט געהאַט אַ וואוילע שטעל, ביי'ן אַ פּאָר פאָלק אָן קינדער, דאָרף פּלוצלונג די באַלעבאָסטע שטאַרבן! זי איז אַהיים געקומען; זי וועט דאָך נישט בלייבן אַליין מיט'ן אַלמן! עס קומט איר אַ פּאָר רובל שכירות; מען וואָלט געקאָנט דערפון כאָטש, רבי־געלט באַצאָלן; טענה'ט אָבער דער אַלמן „לא פקדני" — דאָס ווייב האָט אים נישט אָנגעזאָגט און ער אַליין ווייסט נישט; ער האָט זיך קיינמאָל נישט געמישט אין ווייבערישע זאַכן. איידער מען איז איינגעשלאָפן האָט מען זיך אפילו אַ ביסל געקריגט: די מוטער האָט געראָטן, מען זאָל דעם אַלמן רופן צו אַ דין־תורה; די טאָכטער וויל בעסער שרייבן אַ פּראָשעניע אָדער צום „מיראָוואָי", אָדער צום „נאַ־טשאַלניק", יונה ווילביידע עצות נישט הערן: דער אַלמן וועט זיך נוקם זיין און אָפּרעדן אים אַלע באַלעבאַטים. „ער דאַרף נאָר — זאָגט יונה — געבן אַ פּיפּץ, בין איך אוים קאַפּעליוש־מאַכער... עס האָט דען אַ שיעור וויפל וואַסער־טרעגער עס גייען היינט אַרום שלינג־און־שלאַנג, זייט מען האָט די וואַסער־לייטונג געמאַכט?"

אַרויף צו־ציער שנאָרכט בערל טרעגער איינער אַליין ווי אַ „כראַביע" אין בעט. ביידע קינדער שלאָפן אין צווייטן; דאָס ווייב איז אַ קעכין און האָט היינט אַ חתונה. דאָך — שלאָפט מען אויך נישט רואיג. בערל'ען בלאָנדזשעט אַרום שוין אַ צייט עפּעס אַ ווייטאָג צווישן די ביינער, אויך דער עלטערער זון זיפצט אַלע מאָל פון שלאָף; ער אַרבעט ביי קאַלך־לעשן און האָט זיך אַ ביסל אָפּגעבריט.

נאָך ווייטער שלאָפט ווי אַ „כראַבינע", איינע אַליין אין בעט, צירל די זיצערין; אין צווייטן שלאָפן אַלע דריי קינדער. איר מאַן איז אַ נאַכט־וועכטער. בעלות, אַז ער וועט קומען וועט זי אַרויס־גיין מיט ברויט און פרישע בייגל.

מיר האַלטן שוין ביים דריטן ווינקל, עס שטייט נאָך אַ בעט — אַ שמאָל אייזערן בעטל. אַן אומגעזונט־געריטלטער פרויען־קאָפּ

שלאָגט זיך אָפּ פון א קנויל־אַלטוואַרג, וואָס דינט אים אַלס קישן. די יונג־פאַרברענטע ליפּן עפענען זיך אָפּט, אַרויסצולאָזן א שווערן זיפץ. „א שווערע פּרנסה" האָט איר מאַן, „ער האָט קיין מזל נישט". מיט חירוף־נפש האָט ער יענע וואָך אַרויסגעשלעפּט א קרפּערנעם קעסל און באַגראָבן אין זאַמד הינטער דער שטאָט—האָט מען אים געפונען! ווער ווייסט מיט וואָס ער וועט היינט אַהיים קומען? אפשר זיצט ער שוין גאָר... און דאָ האָט מען דריי וואָכען קיין טעפּל וואַרעם וואַסער נישט צוגעשטעלט... פון דער דירה טרייבט מען...

„א שווערע פּרנסה... אָן מזל!" זיפצן די פאַרברענטע ליפּן. און מען מוז זי דנאָך פאַר שכנים היטן. מען פרעגט אַלץ: וואָס טוט דיין מאַן? וואָס קומט ער אַזוי שפּעט אַהיים?...

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

איבער אַלע בעטן ציטערט א טונקעלע שיין פון מיט שטוב; פון איבער שפּאַנישע ווענטלעך, וואָס זיינען די גרענעצן פון א יונג פּאָר פּאַלק'ס ממשלה. טריינע „ד' אמות" די יונגע באַלעבאָסטע שלאָפט נאָך נישט; ערשט צוויי חדשים נאָך דער חתונה—ווארט זי אויפ'ן מאַן, וואָס דאַרף קומען פון בית־המדרש. ביי איר ברענט זיך עס דער קאַגאַניעץ, וואָס וואַרפט העל־ווייסע פלעקען, אויפ'ן שוואַרצן סופיט, און שיקט אַרויס דורך די לעכער פון שפּאַנישן ווענטל, די עטלעכע אָרימע שטראַלן, וואָס טאַנצן איבער די אָרימע בעטן מיט די אָפּגעאַרבעטע, מידע פּנים'ער.

אין טריינעס ממשלה איז ליכטיגער און ריינער — צווישןביידע בעטן אויף א ווייס טישל ליגט א קרבן־מנחה סידור צווישן צוויי קליינע מעשענע לייכטערלעך — איר דרשה געשאַנק! אויף דער וואַנט הענגען התונה־מלבושים, א טלית־זאַק מיט אַן אויסגענייטן מגן־דוד. פאַר דאָס איז קיין בענקלעך אין דער ממשלה נישטאָ. זי זיצט אויף א בעט, פאַרריכט א נעץ פאַר די ציבעלעס, וואָס ליגן לעבן איר צעוואָרפן אויפ'ן ליילעך. דאָס גאַנצע בעטגעוואַנט ליגט אויפ'ן צווייטן בעט — אונטער'ן בעטגעוואַנט איז באַהאַלטן דאָס יויכל אויף וועטשערע.

עס עפנט זיך שטיל די טיר. טריינע ווערט רויטלעכער, זי

פאַרלירט די נעץ פון דער האַנט און שפּרינגט אויף פון בעט. זי בלייבט דאָך שטיין, — עס פּאַסט נישט פאַר שכנים; טאָמער כאַפּט זיך וועלכער אויף, וועט מען חוכא־טלולא פון איר מאַכן! צרות האָט זי פון די שכנים! פון פריידעלע'ן, דער עיקר... זי קאָן נישט פאַרשטיין, ווי אַזוי מען שילט נישט א מאַן באַלד צומאָרגנס נאָך דער חופּה! „וואַרט — זאָגט זי, דו „אַלטע מכשפה!"—דו וועסט שוין זען! וואָס פאַר א מזל דו וועסט ביי אים האָבן... ווייז אים נאָר א פינגער!"

פריידל לאָזט איר קיין פרייע מינוט. א מאַן, — זאָגט זי, — אַז מען פירט אים נישט אַרום ביי דער נאָז, איז ער ערגער ווי א וואָלף; ציט ער די קליי פון די ביינער אַרויס, דאָס בלוט זויגט ער אויס פון די אָדערן! שוין 10 יאָר — זאָגט פריידל — זיצט זי אָן א מאַן, און קאָן נאָך אַלץ צו די כחות נישט קומען! און פריידל איז א קלוגע אידענע. א מלומדת! „וואָס עס קומט אים— זאָגט זי—על פּי דין, וואַרף אים ווי א הונט א ביין, און ווייטער— וואַרא! נ אָ ר פון דער ווייטנס און — נ אָ ר געפּלוכט!

טריינע האָט צייט דאָס אַלעס צו דערמאָנען, ווייל עס דויערט, איידער יוסל'ע גנב'עט זיך דורך אויף די נעגל צווישן די שכנים; יעדער טריט זיינער שלאָגט איר אָפּ אין האַרץ, נאָר אַנטקעגן גיין— פאַר קיין שום געלט. אָט פאַלט ער שיר! אָט איז ער שוין ביי די וועגטלעך. — זי אָטעמט אָפּ.

— גוטנאָוונט! — מאַכט ער שטיל מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן.

— גוט־יאָר!—ענטפערט זי נאָך שטילער.

— ווילסט עסן?—פרעגט זי.

— און דו?

— מאַ...

ער איז אַרויס הינטער די וועגטלעך און איז צוריקגעקומען מיט אָפּגעגאָסענע הענט; זי דערלאַנגט אים א האַנטעך. אויפ'ן עק פון טיש שטייט שוין גרייט א „מוציא" מיט זאַלץ און דאָס אָפּער־גענומענע יויכל.

ער זיצט אויף ז י י ן בעט; אויפ'ן גאַנצן בעט־געוואַנט; זי אויף איר'ן מיט די ציבעלעס. זיי עסן גאַנץ לאַנגזאַם און רעדן

דערביי מיט די אויגן — ווי ערשט נאָך א חתונה, און מיט די מיילער—פון פרנסה.

— נו, ווי האַלטסטו?

— אַט, — זיפצט ער אָפּ, — דריי תּלמידים האָב איך שוין!

— בלייבט טאַקע מלמדות?—פרעגט זי טרויעריג.

— מאַ! — ענטפערט ער.

— געלויבט איז גאָט דערפאַר, — טרייסט זי זיך און אים צוזאַמען.

— געלויבט איז גאָט, — זאָגט ער איר נאָך, — נאָר דאָס איז ערשט 120 רובל!

ער זיפצט.

— נו, וואָס זיפצסטו?

— רעכן: — ענטפערט ער, — א רובל א וואָך דירה־געלט, איז 26 רובל א זמן; שולדיג בין איך נאָך... חתונה הוצאות...

— ווי הייסט?—פרעגט זי פאַרוואונדערט.

ער שמייכלט:

— דו מיינסט טאַקע, נאַרעלע, אַז דער טאַטע האָט געקאָנט מער ווי צוזאָגן?

— נו, הכּלל? — האַקט זי אים איבער.

— דאָס הייסט, — פירט ער ווייטער דעם חשבון, — א רובל 12, איז שוין 38, וואָס בלייבט אויף עסן?

זי רעכנט:

— 82, דאַכט זיך?

— אויף 26 וואָכן!

— נו וואָס איז,—מאַכט זי — א י ב ע ר 3 רובל א וואָך!

— און וואו איז, — פרעגט ער טרויעריג, — האָליץ, ליכט... שבת ויום־טוב?

— עט, גאָט פאַרלאָזט נישט, — טרייסט זי, — א י ך קען אויך עפּעס טאָן: אָט, האָב איך איינגעקויפט ציבעלעס! אייער זיינען וואָלוול, וועל איך אויך איינקויפן, במשך א פּאָר וואָכן וועט עפּעס כאַפּן אויפ'ן שאָק!

— און רעכן נאָר איבער, — פירט זי ווייטער, — וואָס קאָסט

האַלץ און ליכט? אַ גאַרנישט! אַ פּ ש ר, אַ רובל אַ וואָך... בלייבט אַלץ...

— און שבת! און יום־טוב? וואָס רעדסטו, קינד?

און דאָס וואָרט „קינד" איז אַרויס אַזוי ווייך, אַזוי גוט־האַר־ציג, אַז זי צעשמייכלט זיך.

— נו, בענטש נאָר בענטש, — מאַכט זי, — לעג אָפּ די חשבונות אויף מאָרגן... שוין צייט צו שלאָפן.

זי פאַרשעמט זיך דאָך, לאָזט אַראָפּ די ברעמען און גלייך זי פאַרענטפערט זיך:

— דו קומסט אַזוי שפּעט... — זאָגט זי מיט אַ האַלב־נעמאַכטן בענעץ.

ער בויגט זיך צו איר צו איבער'ן טיש:

— נאַריש קינד, — פליסטערן זיינע ליפּן, — איך קום דאָך אומישנע שפּעט, מיר זאָלן קענען צוזאַמען עסן... פאַרשטייסט? אַזוי פּאַסט דאָך נישט... ווייסט דאָך, אַ מלמד!

— נו, בענטש נאָר, בענטש! — ראַט זי דאָס איריגע מיט פעסטער געשלאָסענע אויגן.

ער מאַכט די זייניגע אויך צו. ער וויל ערנסט בענטשן. די אויגן רייסן זיך אים דאָך אַלע ווײַלע אויף... ער דריקט פעסטער אַראָפּ די ברעמען, עס בלייבט דאָך אַ שפּאַלט, דורך וועלכן ער זעט זי, עפּעס וואונדער־פאַרביג באַלויכט, אַז ער קען פון איר דעם בליק נישט אָפּרייסן.

זי איז מיד—קריגט ער רחמנות.

ער זעט ווי זי רוקט זיך העכער אַרויף אויפ'ן בעט, שפּאַרט אָן דעם קאָפּ אָן דער וואַנט. „זי וועט אַזוי איינשלאָפן", קלערט ער.

— פאַרוואָס נעמט זי נישט קיין קישן? — ערגערט אים.

אויסרעדן קאָן ער נישט, מאַכט ער: מ... מ...!

זי הערט דאָך נישט, ער יאָגט צו דאָס בענטשן, ענדיגט, שטעלט זיך אויף, און בלייבט שטיין, נישט וויסנדיג וואָס צו טאָן.

ער רופט: טריינע! נאָר אַ ז ו י שטיל, אַז עס קען זי נישט וועקן. ער רוקט זיך צו צו איר בעט און בויגט זיך איבער איר. איר פּנים שמייכלט אַזוי זיס... עס מוז זיך איר עפּעס גוטס

חלום'ען... און ווי שיין זי שמייכלט... אן עבירה זי וועקן! דאָך וועט איר דאָס קעפּל ווײ טאָן... איי, האָט זי האָר געהאַט,—ער האָט זיי אויף די תנאים געזען—שווארצע, לאנגע... היינט גאָל... דער ציפּיק איז א געשטיקטער, א דינער מיט לעכלעך... אפילו א חנ'עוודיגער... ער שמייכלט אויך מיט!

מען מוז זי דאָך וועקן! ער בויגט זיך צו נאָך נעענטער, דער־פילט איר אָטעם, ציט אים גיריג אין זיך אריין... זי ציט אים צו ווי א מאגנעט... א ון נישט ווילנדיג רירט ער אָן אירע ליפּן מיט די זייניגע.

— איך שלאָף גאָר נישט, — מאכט זי ראַפּטום און עפנט א פּאָר שעלמיש־לאכנדיגע אויגן. זי וואָרפט אים אירע הענט ארום אקסל און ציט אים צו צו זיך.

— נישקשה, — רוימט זי אים אין אויער אריין, אזוי זיס, אזוי גוט—נישקשה... גאָט, דער גוטער, וועט העלפן... דאָס האָט ע ר דאָך אונז צוזאמען געברענגט... ער וועט נישט פארלאָזן! עס וועט זיין—אי האָלץ... אי ליכט... עס וועט זיין פּרנסה... עס וועט גוט זיין... ג אָ ר גוט זיין... ס'וואָר, יוסל'ע? ס'וואָר!

ער ענטפערט נישט, ער ציטערט אינגאנצן.

זי שטופּט אים א ביסל אָפּ פון זיך.

— קוק אויף מיר, יוסל—פּאָלט, איר איין צו פארלאנגען.

יוסל וויל פּאָלגן און קען נישט.

— בטלן,—מאכט זי צו אים ווייך,—נאָך נישט צוגעוואוינט, הא?

ער וויל באהאלטן זיין קאָפּ אויף איר ברוסט, זי לאָזט נישט.

— וואָס שעמסטו דיך, בטלן! קושן מעגסטו, און קוקן נישט?

ער וויל בעסער קושן; זי לאָזט נישט.

— קוק אויף מיר, איך בעט דיך!

יוסל עפנט די אויגן מיט כוח; זיי פאלן דאָך באלד צוריק צו.

— איך בעט דיך,—מאכט זי נאָך ווייכער, נאָך זיידענער.

ע ר קוקט. אצינד לאָזט ז י אראָפּ די ברעמען.

— זאָג נאָר—מאכט זי,—זאָג מיר דעם אמת, איך בעט דיך... איך בין עפּעס א שיין ווייבל?

יאָ!—רוימט ער איר איין, און זי דערפילט נאָך הייסער זיין אָטעם.

— ווער האָט דיר געזאָגט?

— איך זע דאָך! א מלכה ביזטו, א מלכה!

— און זאָג נאָר, יוסל—פרעגט זי ווייטער,—דו וועסט שוין שטענדיג אזוי... שטענדיג אזוי זיין?

— ווי אזוי מיינסטו, טריינע?

— איך מיין,—ציטערט איר שטימע,—געגן מיר אזוי גוט...

— ווי דען?

— אזוי הארציג?

— ווי דען?

— שטענדיג?

— שטענדיג!—איז ער מבטיח.

— וועסט מיט מיר עסן שטענדיג צוזאמען?

— זיכער... בלי נדר,—ענטפערט ער.

— און... וועסט אויף מיר קיינמאָל נישט שרייען?...

— ק י י נ מ אָ ל ... בלי מסקנא!

— קיינמאָל נישט אָנטאָן קיין צרות?...

— צרות? איך? דיר?... ווי הייסט? פארוואָס?

— איך ווייס? פריידע זאָגט—

— וואָ—די מכשפה!

ער רוקט זיך ווייטער צו. זי שטויסט אים אָפּ צוריק.

— יוסל'ע?

— וואָס?

— זאָג—ווי הייס איך?

— טריינע!

— פע—פארציט זי די קליינע ליפּעלעך—

— טריינעשי—פארבעסערט זיך יוסל.

עס געפעלט איר אַלץ נישט.

— טריינעניו...

— ניין!

— נו—טריינע־לעבן, טריינע־קרוין, טריינע־הארץ... שוין גוט אזוי?

— יאָ!—ענטפערט זי גליקלעך, נאָר...

— וואָס נאָר, לעבן מיינס, נחת מיינס?

— נאָר, הער יוסל... און... שטאַמלט זי.

און וואָס?

— און אַז עס וועט, חס ושלום פעלן אַמאָל פּרנסה... אַז איך וועל וועניג פאַרדינען... וועסטו אפשר... אפשר שרייען...

טרערן קומען איר אין די אויגן אריין.

— חס ושלום! חס ושלום!

ער רייסט אוים דעם קאָפּ פון אירע הענט, און פאַלט צו צו די נאָך אָפענע ליפּן.

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

— א רעכטע שיינע, ריינע כפּרה, צו זייער קאָפּ, צו זייערע הענט און פים — הערט זיך א קול פון הינטער די ווענטלעך — קוש־וואָך נאָר ביי זיי! קיין אויג לאָזט מען נישט צומאַכן...

דאָס איז פריידל'ס הייזעריג־שפּיצינ־גיפטיג קול.

מוסר

עס גייען צוויי ווייבער הינטער דער שטאָט. איינע א הויכע, שווערע אידענע, מיט בייזע אויגן, שווערע, הילכעדיגע טריט; די צווייטע א דאַרע, בלאַסע, קליינע אידענע מיט אן אראָפּגעלאָזטן קאָפּ.

— וואו פירסטו מיך, חנה? — פרעגט די צווייטע.

— וואַרט, נאָך א פּאָר טריט. זעסט, דאָרט צום בערגל.

— נאָך וואָס?—פרעגט נאָכאַמאָל די צווייטע מיט א באַנג אָפּגעריסן קול, גלייך זי וואָלט זיך עפּעס געשראָקן.

— וועסט הערן, קום...

זיי זיינען צוגעקומען צום בערגל.

— זעץ דיך, — מאַכט חנה. די צווייטע פאָלגט, זעצט זיך אויפ'ן בערגל, חנה זעצט זיך לעבן איר. — אין דער שטילקייט פון ווארעמען זומער־טאָג, ווייט פון שטאָטישן גערודער, מאַכט זיך א געשפּרעך:

— גרונע, ווייסט ווער דיין מאַן, עליה השלום, איז געוועזן?

אויף גרונע'ס בלאַס פּנים לעגט זיך א שאָטן.

— איך וויים,—ענטפערט זי מיט פארביסענע ליפּן.

— א סופר איז ער געוועזן, גרונע! א כשר'ער סופר...

— איך וויים!—מאַכט גרונע אומגעדולדיג.

— פאַר יעדן אות פלעגט ער זיך טובל'ען אין מקוה...

— א גראָבער ליגן... אז ער פלעגט גיין א פּאָר מאָל אין דער וואָך, איז אמת...

— א כשר'ער איד געוועזן.

— אמת...

— זיין זכות זאָל אונז ביישטיין...

גרונע שווייגט.

— שווייגסט ?—וואונדערט זיך חנה.

— אַלץ איינס.

— נישט אַלץ איינס! זיין זכות זאָל אונז טאַקע ב י י־ ש ט י י ן! הערסט?

— איך הער!

— וואָס זאָגסטו דערצו?

— וואָס זאָל איך זאָגן, איך וויים נאָר, אַז ער איז נ י ש ט בייגעשטאַנען...

פויזע. די ווייבער פאַרשטייען זיך: דער כשר'ער סופר איז געשטאָרבן און איבערגעלאָזט אַן אַלמנה מיט דריי יתומים—מייד־ לעך. גרונע האָט שוין מער נישט חתונה געהאַט, די קינדער קיין שטיף־טאַטן נישט געגעבן, אַליין אויף זיך און די קינדער געאַר־ בעט, נאָר קיין מזל און ברכה איז נישט געוועזן... „זיין זכות איז נ י ש ט בייגעשטאַנען..."

— און ווייסטו פאַרוואָס, גרונע?—האַקט איר איבער חנה דאָס שטילקייט.

— עט...

— ווייל דו ביזט זינדיג...

— איך?—און די בלאַסע גרונע שפּרינגט אויף, ווי אַן אונ־ טערגעשאָסענע—איך—זינדיג?

— הער גרונע, זינדיג איז יעדער מענטש, נאָר דו אודאי...

— אודאי?

— גרונע, נישט אומזיסט האָב איך דיך אַרויסגעפירט הינטער דער שטאָט צום טייך צו, אויפ'ן פעלד... קיין פרישע לופט, ברוך השם, דאַרפן מיר נישט... זעסט, גרונע... א מאַמע, און בפרט א כשר'ן סופר'ס אַן אַלמנה דאַרף...

— וואָס דאַרף זי?

— זי דאַרף זיין פרימער ווי אַלע, בעסער ווי אַלע און מער אַכטונג געבן אויף דער טאָכטער.

די בלאַסע גרונע איז נאָך בלאַסער געוואָרן. די אויגן האָבן איר אויפגעפלאַמט, די נאָז־לעכער צעשפּרייטן זיך און די בלאָ־פאַר־ברענטע ליפּן ציטערן.

— רחל!—האָט זי אויסגעשריען.

— דו ווייסט, גרונע, איך בין דיר א גוטער פריינט, נאָר דעם אמת מוז איך דיר זאָגן, אַניט וואָלט איך נישט געהאַט קיין פאַר־ענטפער פאַר גאָט... איך וועל דיך נישט באַרעדן, דורך מיר ווערסטו נישט קומען צו לייטן אין די מיילער אריין, עס וועט בליי־בען צווישן אונז. איין גאָט אין הימל וועט הערן...

— ציִ מיר נישט די נשמה ארויס!

— נו, הער זשע! קורץ און שאַרף... נעכטן פאַרנאַכט, שפּעט פאַרנאַכט בין איך צוריק געגאַנגען פון דער באַן, און—אויף דעם בערגל איז געזעסן דיין מירל...

— איינע אַליין?

— ניין—

— מיט וועמען?

— איך ווייס? מיט א קאַפּעליוש... א צילינדער אפילו... ער האָט זי געקושט אין האַלז־און־נאַקן... זי האָט געלאַכט און געכרו־פּעט צוקערקעס...

— איך ווייס!...—רופט זיך אָן גרונע מיט א קול ווי פון קבר ארויס... עס איז נישט דאָס ערשטע מאָל...

— דו האָסט געוואוסט?! וואָס? א חתן איז עס?

— ניין...

— נישט? און דו... האָסט געשוויגן?

— יאָ.

— גרונע!

נאָר איצט איז שוין גרונע רואיג.

— אַצינד שווייג דו און הער, וואָס איך וויל דיר דערציילן,—זאָגט זי מיט א שניידנדיגן קול און, אָנכאַפּנדיג רחל'ען ביים אַרבל, נויט זי, זי זאָל זיך צוריק זעצן.

— הער,—האָט זי ווייטער געצויגן,—אַלץ וועל איך דיר דער־ציילן, און איין גאָט אין הימל וועט אונז הערן!

רחל האָט זיך צוריקגעזעצט.

— אַז מיין מאַן איז געשטאָרבן—הויבט אָן גרונע.

— ווי אַזוי רעדסטו עפּעס, גרונע?

— ווי אַזוי זאָל איך רעדן?

— אָן „זכרונו לברכה"? און „נפטר געוואָרן" זאָגט מען!...

— אַלץ איינס, נפטר געוואָרן, צי געשטאָרבן, באַגראָבן האָט מען אים...

— צו קבר אָבות געקומען...

— זאָל זיין קבר אָבות... נאָר מיך האָט ער איבערגעלאָזט מיט נאָך יתומים—טעכטער...

— נעבעך, קיין קדיש נישט געלאָזט...

— דריי טעכטער, די עלטסטע—

— גענענדל—

— אַלט געווען 14 יאָר...

— ביי לייטן איז אַזוינס אַ כלה...

— ביי אונז איז קיין ברויט נישט געווען! פון תנאים שרייבן און לעקעך עסן נישט צו רעדן...

— ווי אַזוי רעדסטו עפּעס היינט, גרונע!

— נישט איך רעד, מיין האַרץ־ווייטאָג רעדט... געגענדל, ווייסטו, איז געווען דאָס שענסטע מיידל אין שטאָט.

— היינט אויך... קיין עין־הרע!

— היינט איז זי אַ זויערע לימענע—אַ גראָער צאָפּ! נאָר דעמאָלט האָט זי געלייכט ווי די זון... און—איך בין דעמאָלט דעם פרומען סופר'ס אלמנה געווען! איך האָב זי ווי אַן אויג אין קאָפּ געהיט... איך האָב געוואוסט, אַז היינטיגע צייטן... עס דרייען זיך אַרום כלי־זמרים, שניידערלעך, אַזוי דייטשלעך און אַלטע בחורים... בית־המדרש'ניקעס אפילו פלעגן זיך דרייען ביים פענצ־טער... נאָר אויף וואָס איז אַ מאַמע? אַ כלה־מיידל, האָב איך געוואוסט, דאַרף זיין ווי אַ שפּיגל... און איך האָב מיינס באַוויזן; עס איז אויף איר קיין הויך נישט געפאַלן! געהיט האָב איך זי, געהיט! קיין אויג נישט אַראָפּגעלאָזט, קיין טריט פון שטוב אָן מיר נישט געמאַכט, און אַלץ מוסר געזאָגט... קוק נישט אהער,

קוק נישט אהין, דאָ שטעל דיך נישט, דאָ מעק דיך נישט... קוק נישט ווי פֿייגעלעך פֿליען...

— נו, זייער וואויל...

— וואויל ווי די וועלט! — מאכט גרונע ביטער.—קום נאָר צו מיר אהיים און זע, ווי זי זעט אַצינד אויס! יאָ, זי איז אַן אמת ערלעך מיידל, נאָר פֿון 36 יאָר! דאָר, די ביינער צו ציילן, אַ געלונצלטע הויט, ווי פּאַרמעט צו תּפֿילין, אויגן פֿאַרלאָשענע, דאָס פּנים זוייער, אַן אַ שמייכל—אייביג פֿאַרביסענע ליפּן... גאַנץ אָפּט דאָך ברענען אויף די פֿאַרלאָשענע אויגן—דאָס ברענט דעמאָלט אין זיי אַ שנאה, אַ האַס, ווי אַ גיהנום... און ווייסטו צו וועמען? ווייסטו וועמען זי האָט פֿיינט? וועמען, מאכנדיג מיט די ליפּן, זי פֿאַרשילט די ביינער?

— וועמען?

— מיך! מיך—איר אייגענע מאַמע!

— וואָס רעדסטו? פֿאַרוואָס?

— זי אַליין ווייסט אפשר נישט פֿאַרוואָס, נאָר איך ווייס! איך האָב מיך געשטעלט צווישן איר און דער וועלט, צווישן איר און דער זון! איך האָב איר, ווי זאָל איך דיר עס זאָגן? קיין וואַרעמקייט און קיין ליכט צום ליב נישט צוגעלאָזט... גאַנצע נעכט האָב איך דעריבער נעקלערט ביז איך בין עס דערגאַנגען, אויף קלאָר דערגאַנגען! זי מוז מיך פֿיינט האָבן... יעדעס קעמערל פֿון איר ליב האָט מיך פֿיינט!

— וואָס רעדסטו?

— וואָס דו הערסט! די שוועסטער האָט זי אודאי פֿיינט, שענער זיינען זיי און איינגער!

גרונע כאַפּט שווער דעם אָטעם און רחל קען צו די געדאַנקען נישט קומען... **זי הערט עפּעס שרעקלעכס; עפּעס ערגערס, ווי** קראַנק זיין, ווי שטאַרבן, אפֿילו ווי „אונטער דער חופּה שטאַרבן"—דאָס גרעסטע אומגליק, וואָס עס טרעפֿט זיך ביי אידן און דאָך—רבונו של עולם, עס ד א ר ף אַזוי זיין!

— די אינגערע, לאה'ן, האָב איך שוין אין דער היים נישט

גערהאַלטן... איך האָב זי אָפּגעגעבן פּאַר א דינסט... — הויבט ווייטער אָן גרונע צו דערציילן און די שטימע ווערט נאָך הייזעריגער, נאָך אָפּגעריסענער...

— איך האָב געגוג געשריען דעמאָלט,—דערמאָנט רחל,— מעשים געטאָן... א סופר׳ס א טאָכטער פּאַר א דינסט...

— איך האָב געוואָלט כאָטש זי חתונה מאַכן, זאָל זי כאָטש א ביסל נחת האָבן... פון מיינע ציבעלעס, מיט וועלכע איך האַנדל, קען מען קיין נחת ניט אויפקלייבן...

און זי האָב איך אויך געהיט...

ניט איין באַלעבאָס האָט אויף איר אַן אויג געוואָרפן, ניט איין באַלעבאַטיש קינד האָט זיך געוואָלט פון איר א שפּילעכל מאַכן... נאָר איך בין א מאַמע! איך בין א טריַיע מאַמע געוועזן! די פיס האָב איך מיר אָפּגעהאַקט און 10 מאָל אין טאָג בין איך ביי איר אין קיך געוועזן, געוויינט און גע׳חלש׳ט, מוסר געזאָגט... האַ! גוטע ווערטער, פרומע ווערטער געזאָגט!... גאַנצע נעכט בין איך נישט געשלאָפן און געלייענט דעם קב־הישר און אַנדערע הייליגע ספרים עברי־טייטש, און צו מאָרגנס איר איבערדערציילט... און נאָך איינגס צוגעגעבן! גאָט זאָל עס מיר מוחל זיין... פון דריי שדים האָב איך געמאַכט צען, פון א שמיץ איז געוואָרן קאַסטרוי, מיט פייער האָב איך געשיט! און א שוואַך קינד איז עס געווען, א שוואַך כשר קינד, עס האָט זיך געלאָזט פירן!... דער טאַטע אויסן אויג—בלאַס, אָן א ביסל בלוט, און אַזוינע גוטע, פייכטע אויגן,—נאָר שענער איז זי געוועזן...

— דו רעדסט, רחמנא לצלן, ווי פון א טויטער!

— און דו מיינסט זי לעבט? איך זאָג דיר, זי לעבט נישט! זי האָט אָנגעזאַמלט נדן, און איך האָב איר א מאַן געגעבן!

זי האָט נעבעך געוויינט, אַז זי וויל אים נישט, אַז ער איז צו גראָב, צו פּראָסט פאַר איר.

נאָר א לערן־קינד נעמט ניט קיין דינסט־מיידל, בפרט מיט דרייסיג רובל נדן!

איך האָב געדאַנקט גאָט ווער עס איז! — א שניידער־יונג, איז א שניידער־יונג!

נו! האָט ער מיט איר א יאָר געלעבט — צוגענומען דאָס געלט, מיט'ן געזונט, מיט'ן רעשט ביסל כוח און איז אוועק...

נאַקעט און בלויז האָט ער מיר זי אָפּגעשטעלט, נאָר — מיט א לונגען־פעלער! זי שפּייט מיט בלוט!... א שאָטן איז עס שוין, נישט קיין מענטש... עס טוליעט מיך ווי א קליין קינד, עס לעגט זיך ווי א לעמעלע!... און גאַנצע, גאַנצע נעכט וויינט עס...

און ווייסטו אויף וועמען זי וויינט?

— אויפ'ן מאַן, ימח שמו!

— ניין, רחל, אויף מיר וויינט זי! א י ך האָב זי אומגליקלעך געמאַכט! אירע טרערן פאַלן מיר אויפ'ן האַרץ ווי קאָכעדיגע בליי — זיי סמ'ען מיך, די טרערן...

זי בלייבט ווייטער שטיל און כאַפּט קוים דעם אָטעם.

— הכלל?—פרעגט רחל—

— הכלל?—האָב איך מיר שוין געזאָגט: גענוג! זאָל מיין דריטע טאָכטער שוין לעבן! לעבן זאָל זי, ווי זי וויל!

זי אַרבעט אין פאַבריק! 16 שעה אין טאָג אַרבעט זי, קוים אויף טרוקן ברויט פאַרדינט זי... זי וויל צוקערקעס אויך, זאָל זי עסן! זי וויל לאַכן, שטיפן, קושן זיך—זאָל זי! הערסט חנה—זאָל זי! א י ך קען איר קיין זיסע זאַכן נישט געבן, קיין מאַן אודאי און אודאי נישט! א ציטרין פון איר מאַכן, וויל איך נישט, א לונגען־פעלער געבן—נישט, נישט! זאָל שוין ד י טאָכטער מיך נישט האַסן, אויף מיר נישט וויינען.

— אָבער גרונע,—שרייט רחל אויס דערשראָקן,—וואָס וועלן זאָגן לייט?

— זאָלן לייט פריער אויף אָרימע יתומים רחמנות האָבן, נישט אַרבעטן מיט זיי ווי מיט אייזלען אומזיסט! זאָלן מענטשן האָבן הערצער פון מענטשן און נישט האַלטן אָרימע לייט צום אויסדריקן ווי לימענעס...

— און גאָט? גאָט, ברוך הוא?

און גרונע הויבט זיך אויף און שרייט, גלייך זי האָט געוואָלט, גאָט זאָל אין הימל הערן—

— האָט גאָט געזאָלט פריער יענע פאַרזאָרגן...

עס איז א שווערע שטילקייט!ביידע ווייבער אָטעמען שווער, ביידע שטייען זיך אנטקעגן מיט בליצן אין די אויגן.

— גרונע! — שרייט ענדלעך אוים רחל, — גאָט! גאָט וועט שטראָפן!

— נישט מיך, נישט מיינע טעכטער! גאָט איז ערלעך! ער וועט עמיץ אנדערן שטראָפן! עמיץ אנדערן!

פאַר דער טיר

(א טונקעלע נאַכט, אַן אָפּגעלעגן שטיל געסל. זי, אויף א באַנק אונטער א פינצטער פענצטער, שטאַר פאַר זיך קוקנ־דיג. ער קומט צו, אומקוקנדיג זיך צי גייט נישט ווער).

ער:

(רירט איר זאַכט דעם אַקסל אָן).

זי:

(ויך אומקערנדיג צו אים אָן פאַרב)

— דו?

ער:

(מיט א בליק צום פינצטערן פענצטער)

אליין?

זי:

דער טאַטע אין קבר—די מאַמע אין תפיסה—אליין.

ער:

וואָס ווייטער?

זי:

האָט ערגעץ א הון געכאַפּט... א בריה דערויף. זי האָט אָבער קיין גליק נישט. געכאַפּט.

ער:

כ'האָב דאָך דיר געוואָלט געבן—

זי:
(שטרענג)
כ׳וועל ביי דיר נישט נעמען — —
(האַרט)
ביי אהיים...

ער:
(געבעט)
טרייב מיך נישט...

זי:
(נאָך פויזע)
ב׳האָב דיין מאַמע געזען.

ער:
(דערשראָקן)
זי ווייסט עפּעס?—האָט דיר עפּעס געזאָגט?

זי:
זייער א גוטע, דיין מאַמע; ס׳טוט איר זייער לייד, וואָס די אַלטע זיצט... און פונקט א צ י נ ד...

ער:
וואָס א צ י נ ד?

זי:
ווען מען דאַרף אזוי פיל איינקויפן צו דיין—חתונה... „אזוי ווי זי קויפט איין, וועט קיינער נישט... פעט און ביליג, און פינקטלעך...

ער:
(פאָרוואורף)
מרים!

זי:
זי וויל ב׳זאָל פארטרעטן די מאַמע... זי וואונדערט זיך, פאַר־

וואָס כ'וויל נישט ע ר ל ע ך פאַרדינען!

ער:

(זיי פריער, נאָר טיפער)

מרים!

זי:

ווי הייס איך?

(נאָך פויזע)

האָט מיך פאַרבעטן צו דער אָרימער סעודה... ז'וועט מיך זעצן באַזונדער...

ער:

(וויל זי אָנכאַפּן ביי דער האַנט, זי באַהאַלט זי הינטער זיך)

לאָז מיך, גיב מיר דיין האַנט... לאָז מיך דיך פאַר דער מאַמען איבערבעטן... זי קען דיך נישט, פאַרשטייט דיך נישט...

זי:

לאָז אָפּ!

(ער פאָלגט זי)

כ'בין א גנב'טעס א טאָכטער. זי האָט רעכט.

ער:

דיין מאַמע איז דיין אומגליק.

זי:

רעד נישט!—זי האָט אַלץ געטאָן, וואָס זי האָט געקענט... דער הונגער איז שטאַרקער געווען... האָט זי געכאַפּט אמאָל עפּעס... און די יתומה, אַז זי איז אַליין געבליבן, האָט חן אין לייטנס אויגן באַקומען.

ער:

דערמאָן נישט!

זי:

גיי אַהיים, אויב דו ווילסט, כ'זאָל פאַרגעסן!... דו דערמאָנסט!

ע ר :

ניין... איך מיין עס ערלעך! איך האָב דיך ליב, אזוי ליב...

ז י :

און דעם טאַטן דיינעם האָסטו פיינט? און דער גרויסער טאַטע דיינער, מיט דער ווייסער לאַנגער באָרד, און שטרענגע לאַנגע ברע־מען—וועט שטאַרבן, הערסט? אונטערגעהאַקט וועט ער ווערן, ווי א בוים, אַז מען וועט'ן רופן: „דער גנב'טעם מחותן"... און די מאַמע דיינע—זי האָט מיר קיין שלעכטס נישט געטאָן,—וואָלט שוין קיין איינגעמאַכטס פאַר'ן שפּיטאָל נישט געפּרעגלט!... די ערד וואָלט זי געקילט! כ'זאָל מיך שטעלן מיט איר ביי דער קראַטע אין שול — — און דיין כלה —

ע ר :

כ'האָב קיין כלה נישט! כ'וויל נישט! עס ווענדט זיך נאָר אָן דיר. זאָג א וואָרט!

ז י :

כ'וועל נישט זאָגן! פאַרוואָס זאָל זי זיך אויסוויינען די קלאָרע אויגן? פאַרוואָס זאָלן אירע בעקלעך פאַרבליט ווערן? צוליב וואָס? פאַרוואָס נעמען א פאַרצעלייענע שיינע זאַך — די בלאַסע מיט די גרויסע און פאַר'חלומ'טע אויגן און צעשלאָגן? ווייסט, וואָס זי טוט גאַנצע נעכט? א י ך ו ו י י ס! אויך אַמאָל ריין און ערלעך געווען!... זי בענקט... זי שפּינט גאַנצע נעכט...

ע ר :

שפּינט?

ז י :

שפּינט... פון לבנה שטראַלן; און פון נשמה שטראַלן... צו־זאַמען שפּינט זי... און ווייסטו וואָס? אַרום איר חתן א זילבערן נעפּל... אין א זילבערן נעפּל זעט זי דיך... פון זילבערן נעפּל אַרויס הערט זי דיין שטימע... דו קענסט עס נישט פאַרשטיין... צערייסט דעם נעפּל נישט, ווערסט איר די נשמה צערייסן!

ער:

איך פארשטיי דיך נישט, אָבער לאָז געמאך... נישט מיין זאך... כ'וויל דיך, דיך, דיך!

זי:

צוליב וואָס? וואָס וועסטו האָבן ביי מיר, וואָס דו און אנדערע האָבן פריער נישט געהאט... ניי!

ער:

(גייט)

זי:

דאָס לעצטע ברעט—אוועקגעשוואומען.

(פאָרהאנג).

אין סקווער

יוסל—מלכה

(זיצן אויף א באַנק אין סקווער)

יוסל:

(אַז זי האָט זיך פאַרטראַכט און שווייגט)

האָסט שוין סודות פאַר מיר?

מלכה:

(וועקט זיך אָפּ, אָפּאַטעמענדיג)

שרעקלעך...

יוסל:

וואָס, מלכה?

מלכה:

א פרעמדער, בלוט־פרעמדער מאַן.

יוסל:

(עטוואָס סאַרקאַסטיש)

א סוחר—א נעמאַכטער מענטש!

מלכה:

(אומגעדולדיג)

אַלץ איינס.

(ווי פריער)

און אַזוי פּלוצלונג... עפּעס א שפּרונג אין אַן אָפּגרונט אריין!

יוסל:

האָסט אַזוי געוואָלט—

מלכה:

(זי צוקט מיט די אַקסלען)

געוואָלט?

יוסל:

געזאָגט יאָ...

מלכה:

זאָג ניין!—אַן אַלטע מויד ווערן... ווי עס איז אַזוי שווער, אַזוי שווער...

יוסל:

נישט אַזוי שווער! כ'בין נעכטן אין טעאַטער געווען.

מלכה:

ווילסט מיך פאַררעדן.

יוסל:

ניין! עס געהער צו דער זאַך! שטעל דיר פאָר: עס זיצט ערגעץ אין אַ שטוב אַ פרייליך. אייגנטלעך זיצט זי נישט, זי שטייט, ליגט, טאַנצט איבער דער שטוב, לייכט צו צו די פענצטער, קוקט אַרויס, זעצט זיך צוריק, זינגט עפּעס, ברומט עפּעס—פּלוצלונג עפנט זיך די טיר—אויסגעוויזן האָט זיך: דורך אַן אירטום, גע־עפנט האָט געזאָלט ווערן אַן אַנדערע טיר, אויף דעם זעלבן שטאָק. ער קומט אַריין, נישט אָנגעקלאַפּט, ביי יענער טיר דאַרף ער, קענ־טיג, נישט אָנקלאַפּן — — אויף דער שוועל „גוט־מאָרגן" געזאָגט, זי עפנט ס'מויל, איבערראַשט, דערנאָך צעלאַכט זי זיך, קענטיג פאַרשטאַנען — גוט־יאָר טרילערט זי. באַמערקט ער זיין אירטום, וויל זיך צוריקציען פון דער שוועל, עס איז אים אָבער אַ שאָד, וויינערט זיך אַ קורצע ווײלע, קוקט איר אין די אויגן אַריין; די אויגן לאַכן. פאַרמאַכט זיך הינטער זיך די טיר, רוקט זיך וואָס

אמאָל נענטער און נענטער, אויף די שפּיץ פינגער גייט ער, זי זוערט עטוואָס בלאַסלעך, דערשרעקט זיך א ביסל, דערנאָך—רויט־לעך, עטוואָס פאַרשעמט, פינטלט מיט די אויגן, הויבט אויף א האַנט, עפנט ס׳מויל. אָפּצוזאָגן, ארויסצואווייזן. א שמייכל ארום מוילכל, און חן־גריבלעך. ניין, זיי הויבן נישט אָן אָפּצושטויסן... זי רוקט זיך א ביסל אונטערווייזעכטס אָפּ. פרעגט, געווים, וואָס ער וויל, נאָר מען זעט נאָר ווי ליפּן רירן זיך, קיין שטימע הערט מען נישט... און ער וויל, זעט אוים הערן, רוקט זיך נענטער צו... זי רוקט זיך ווייטער און אונטערווייזעכטס אָפּ, טרעפט אויף א פּאָסטער־שטול, פאַלט, אַלץ אונטערווייזעכטס, אין אים אריין... ער איז שוין ביי איר, פּלאַצט ארוים: פּאַרדאָן! עפּעס צופיל הויך, מער ווי די נאָענטקייט מיט׳ן צימער פאַרלאַנגען, זי, פּלוצלונג, צעלאַכט זיך. ער בעט אום פאַרצייַען, א טעות געהאַט, כאַפּט און קושט איר די האַנט, זי לאַכט עפּעס מאָדנע. רייסט דאָך די האַנט נישט אוים. ער זאָגט, ר׳האָט א טעות געהאַט, די טיר פאַרטוישט, נאָר געלויבט איז גאָט... ער דאַנקט זיין ליבן נאָמען פאַר׳ן טעות... געווים—ער האַלט נאָך אַלץ די האַנט. זי לאַכט נאָך אַלץ — — — ענדע אקט — —

מלכה:

(געקרענקטער פאָרוואורף)

יוסל!

יוסל:

גאָט באַהיט, קיין שלעכטס נישט געשען... טאַטע־מאַמע—אָנגעקומען, געשיקט נאָך חופּה און קלעזמער. געקומען אויך דער רב, א לידל געזונגען, און נישט אין דעם גייט עס...

מלכה:

(אויטאָמאַטיש)

נישט אין דעם גייט עס!

יוסל:

ניין—נאָר, ווי גוט דאָס פריילין האָט געשפּילט, א פרעמדער

מאַן... א ווילד פרעמדער מאַן, א בלוט־פרעמדער...

מלכה:

אויף די ברעטער!

יוסל:

דאָס לעבן איז מער? איין סצענע! נאָר זי האָט פּראָבן געמאַכט... אויסגעלערנט זיך... דורכגעשפּילט... ווילסט פּרובירן, מלכה? ער קומט מאָרגן...

מלכה:

(זייער פאַרביטערט)

צו דער חופּה — א פאַרנומענער מענטש... גלייך צום שול־הויף פאַרפאָרן...

יוסל:

אָ, ביז מאָרגן — וועסטו קענען! נישט אזוי פיל פּראָבן, ווי יענע, פאַר יענער מער אינטעליגענץ... וועסט עס פיין מאַכן...

מלכה:

(פאַרצאָגט)

וואָס?

יוסל:

די ראָליע שפּילן—אין דער קאָמעדיע!

מלכה:

(עמפּערט)

קאָ—מעד־יע!

יוסל:

ס'אי מער? ווילסט ווירקלעך חתונה האָבן?

מלכה:

(אויפשפּרינגענדיג)

פאַרזיצן.

(פּויזע)

יוסל:

(אומגעדולדיג)

אַלץ איינס אייגנטלעך, א דראַמע ווערט אויך געשפּילט, זאָגאַר א טראַגעדיע! פּרוביר, מלכה!

מלכה:

עס טוט וויי, יוסל...

דאָס לעבן אַליין טוט וויי, מאַך דיר נישט דערוים. מ'וועל מיר עס דורכשפּילן. קאָמעדיאַנטן—נו! אַקטיאָרן טוישן זיך... נאָר נישט אומגעדולדיג, נישט געביסן די ליפּן, אָן פינצטערע בליקן... מען האָט דיר קלאָרע געגעבן, מאַך זיי נישט פינצטער... נאַריש מיידל, ס'א קאָמעדיע, נאַ, זע, אָט פאַל איך פאַר דיר אויף די קני... ביזט דאָך—א מלכה, אַזאַ גרויסע מלכה... אַזאַ מלכה לאָזט זיך אַזוי לייכט נישט נעמען... איך שפּיל גוט? וואָס, ניין? האָניג גיסט זיך מיר פון מויל? וואָס,—נישט? איך מאַך דיך גרויס—איך קני פאַר דיר, ווי פאַר א מלכה, ווילסט, מאַך איך דיך הייליג, קוש איך דיר די זוים פון קלייד...

מלכה:

(באַוועגט)

יוסף!

יוסל:

פיין! „יוסף" איז שענער! דאָס געהערט צו דער ראָלע, פאַלסט אין טאָן אריין... גיב די האַנט...

(ער נעמט זי. באַקוקט די פינגער)

א ביסל צעשטאָכן, פון דער נאָדל... קושן לוינט זיך...

(קושט זיי)

ער האָט אויך אַזוי געטאָן... פריער אויף דער פלאַכער האַנט. דערנאָך די פינגער. יעדן באַזונדער האָט ער געקושט... אַזוי... נאָר יענע האָט גראָבע הענט און דיקע פינגער געהאַט—נאָך א מאָל!

(אויפהויבנדיג דעם קאָפּ)

איך שפּיל גוט, מלכּה? — דו העלפסט מיר אָבער נישט. יענע האָט געהאָלפן, אויך מיטגעשפּילט... יענעם איז גרינגער געווען, נישט אַזוי האַלט מען די האַנט, אַז עמיץ קושט... זי דאַרף ציטערן... עטוואָס ציטערן, מען וויל זי, מכלומרשט צוריקציען...

מלכּה:

יוסל!

יוסל:

נאָר מאַך דאָס שפּיל נישט צו שאַנדע... נישט טראַגיש... נישט דראַמאַטיש... אַט לעג מיר בעסער דיין ווייכע האַנט אויפ'ן קאָפּ... פּלעגסט דאָך עס גערן טאָן...

מלכּה:

(ביטער)

אַמאָל... קינדווייז...

יוסל:

(לעגט זיך איר האַנט אויפ'ן קאָפּ)

אויך געשפּילט. אין חבר'קייט געשפּילט, אַמאָל אין צייכן, אַ אינגל און דיר צוליב האָב איך אין צייכן געשפּילט... וואו ערגעץ אַ ווינקעלע... אָבער נישט אַזוי ליגט אַ האַנט אויף אַ קאָפּ—אין אַ קאָמעדיע... צי אַ פאַרס... נישט קיין טויטע האַנט דאַרף ליגן... צעוואַרף מיר אַ ביסל די האָר...

(טוט עס פאַר איר)

אַזוי...

(זי שמייכלט בלאַס און קרייזלט אים אַליין די האָר)

דו קענסט, דו קענסט! און עפּעס פּליסט אַרויס פון דיין האַנט אין קאָפּ אַריין... עפּעס ווערט דאָרט קלאָרער... די קניפּן און קנוילן צענעמען זיך עפּעס... מיר דאַכט דיין האַרץ קלאַפּט—אָדער מיינס?

מלכה:

עס קלאַפּט...

יוסל:

(אויפשטייענדיג)

אָ, איך שפּיל גוט, אויף דער סצענע וואָלט איך געלעבט, נישט געשפּילט. די בלוט פּולסירט שוין אין די אָדערן... די שלייפן קלאַפּן אַזוי... ריר אָן... פיל נאָר דאָס הארץ... ווער האָט דיר די שאָטן פון די אויגן פארטריבן, מלכה, זע, ווי זיי גלאַנצן... און אצינד—ציטערט שוין די האַנט—פּונקט ווי ביי יענער, ניין, כ'וועל נישט פארגלייכן... נאָר יענע האָט געהאַט האָר אראָפּגעלאָזטע... שפּעטער, עס איז א פּארס געווען—האָט זי דעם צאָפּ פארלוירן, אונטער דער חופּה... דאָס האָט אייגענע און לענגערע...

(צעלאָזט איר די האָר)

מלכה:

יוסל, איך סקווער!

יוסל:

צווערכטווייזנדיג)

אז מען שפּילט, שפּילט מען!—איך זעץ מיך לעבן דיר—ער האָט אויך אַזוי געטאָן... אויך עפּעס א שטיקל דיכטער געווען... א פולן טאַש מיט מאַנוסקריפּטן געהאַט... פון מאַסן פּאָסט־שטעמפּעל אויף די קאָנווערטן, פון אַלע רעדאַקציעס צוריקגעשיקט... האָט איר א געדיכט געלעזן — נאָר דאָס וועל איך נישט טאָן—מיינע זיינען צו אויסגעלאַסן... יענער האָט געהאַט אַזוינע אָנגעשוואָלענע, אָנגעבלאָזענע: שטערן... זונען... זומער־פייגעלעך און אַזוי אַלערליי פויגל, און בלומען, און רויזן באַזונדער,—פאַר די אויגן האָט איר געשווינדלט... נייט ער—

(טוט ווי ער באשרייבט)

נעמט ער איר קעפּל, לעגט זיך אויפ'ן אַקסל... קושט זי... זייער זאַכט, פריער די האָר... דערנאָך דאָס אויערלעפּל, דערנאָך די בעקלעך און דערנאָך — די ליפּן, די קרעלענע ליפּן, נישט געקאָנט

זיך אָפּרייסן... און אזוי, ווי מיט צוואַנגען צוגעדריקט, צוגע־
צווינגן...

מלכה:

(אויסגעריסן זיך פון זיין אָרעם, מיט בליץ אין די אויגן)

כ׳וויל קיין קאָמעדיע נישט, יוסל!

יוסל:

(אויפגעשטאַנען)

מוז זיין א—טראַגעדיע!

מלכה:

זאָל זיין!

יוסל:

ווילסט?—דער הימל שפּאַלט זיך, מלכה — א י י ן וואָרט!

מלכה:

כ׳וויל!

(פאָרהאַנג)

שוועסטער

„דלות" איז א שלעפער.

ער דערוואַרעמט אין ערגעץ נישט קיין אָרט; וואו ער טאָגט, נעכטיגט ער נישט.

און אַלט איז ער ווי די וועלט!

אויסטרעטנדיג שוין אזוי פיל יאָרן די ערד מיט די פיס אָבער אין געלעכערטע צדקה־שטיוול, אין וועלכע ער רייבט זיך אָן הינער־אויגן ווי די עפּל, וואָלט ער געקענט ארויסגעבן א ריכטיגערע וועלט־געשיכטע, בעסערע ערד־באשרייבונגען,—וואָלטן זיי אָבער נישט שיין און נישט אזוי איידל געווען—ווי די, וואָס מיר האָבן פון מענטשן, וועלכע האָבן אראָפּגעקוקט אויף דער וועלט פון דער הויך פון הימל־הויכע שלעסער, פּאַלאַצן און קלויסטער, וואָס לויפן היינט איבער אים אויף לאָקאָמאָטיוון און אויטאָמאָבילן... א חוץ דעם קען דער דלות גאָר נישט שרייבן. ער האָט קיין צייט ניט געהאַט זיך אויסצולערנען, און ער האָט גאָר קיין הענט נישט צו שרייבן! זיינע הענט מיט די וואָרצלען פּאַסן אזוי צו דער פעדער, ווי זיינע פיס צו די בעלי־צדקה־שטיוול. און קיין צייט האָט ער דערצו אויך נישט. אפילו צו דערציילן נישט. א גאַנצן טאָג—אָדער ער אַרבעט, אָדער ער זוכט אַרבעט, אָדער ער זוכט א מטמון אויף ערגעץ א בערגל מיסט, אָדער ער וואַרפט זיך, א הונגעריגער און א פאַרמאַטערטער ערגעץ אונטער א פּליִיט און חלום'ט פון משיח'ס צייטן מיט זעמל אויף בוימער! ביינאַכט—אָדער ער שלאָפט, ווי א געהרג'עטער, אָדער ער וואַרפט זיך ווי א שלאַנג אויפ'ן געלעגער פאַר הונגער, צי פאַר בויך־ווייטאָג פון די מיסט־ממתקים, אָדער ער קוקט נאַריש אין הימל אריין און פרעגט זיך,

פארוואס עס דונערט נישט, אָדער נאָך גאָר — ער קינדלט, על חשבון פון בורא עולם, פון גבירים בעלי־צדקות אָדער גאָר אויפ'ן חשבון פון קהל...

די חשבונות זיינען אפנים נישט זיכער, ווייל מאַסן געקינדלטע קינדער ווערן פּלוצים נעלם — ואיננו! אָבער די וואָס בלייבן, זיינען צעשפּרייט און צעזייט אויף דער וועלט, און שוועסטער, און ברידער הויבן זיך נישט אָן צו קענען, נייען איינס פאר'ן אנדערן פאַרביי אפילו אָן א שמייכל אויפ'ן פּנים, גלייך פרעמדע. אויסער אַז זיי טרעפן זיך אמאָל אין צוויי אנטקעגנדיגע בעטן אין א שפּי־טאָל—קרעכצן זיי אָדער זאָגן וידוי צוזאמען...

צוויי דלות'עס קינדער קען איך—צוויי שוועסטער, זיי וואוינען שוין עטלעכע יאָר אין ווארשע און באגעגענען זיך גאנץ אָפט און גייען זיך פאַרביי, ווי ווילד־פרעמדע!

איינע וואוינט אין א פינצטער ווינקעלע, צווישן ניין נפשות פון דריי משפּחות אין א סוטערינא אויפ'ן מאַקאַטאָוו און ראנגלט זיך מיט זיי נאכט אויף נאכט וועגן א ביסל לופט און די צווייטע ראנגלט זיך נאכט אויף נאכט וועגן אזא ביסל לופט מיט 10 נפשות פון פיר פאַמיליעס אויפ'ן צווייטן עק ווארשע, אויף א בוידעם־שטוב אונטער אן אייזערנעם דאך אויפ'ן שווארצן געסל. די ער־שטע איז א בלאָנדינקע, די צווייטע א ברונעטקע, נאָר דאָס מאכט נים אויס—שוועסטער זיינען זיי, דלות'עס טעכטער אוןביידע האָבן דינע, כמעט דורכזיכטיגע נאָז־פליגל, דינע הויטלעך אויף איינגע־פאַלענע באַקן און טיף איינגעזאַנקענע אויגן, און ביידע זיינען אויך נייטאָרינס ביי ווייסע וועש. די בלאָנדינקע ארבעט פאר 20 קאָפּיקעס א טאָג אויף וואוינען, עסן, טרינקען און קליידן זיך פון 9 ביז 9 אין א חברה פון 16 מיידלעך אין א וועש־געשעפט אויפ'ן שווארצן געסל און שלאָגט זיך וועגן איין אָרט נענטער צום פענצ־טער כאָטש אָפּצואָטעמען, און די ברונעטקע האָט אויך נישט זייער קיין שטאַרקע ברוסט און חלש'ט פאר 18 חבר'טאָרינס, וואָס אר־בעטן מיט איר צוזאמען אין א נישט־זייער־גרויסער שטוב אויפ'ן „מאַנקאָטאָוו", אויך פאר 20 קאָפּיקעס א טאָג פאר וואוינען, עסן, טרינקען און קליידן זיך. קומט סעזאָן — ארבעט מען צו א שטיק

נאַכט, און דערפון האָבן זיךביידע שוועסטער געמאַכט ציצענע קליידלעך און געקויפט זיך שטרוי־היטעלעך; אויף שיך האָט פאַרפעלט, זיינען ביידע געפאַלן אויף אן עצה—פאַרשמירן די זאָקן אין די לעכער מיט טינט...

זיי קענען זיך נישט און דינען זיך דאָך ווי ווירקלעכע שוועס־טער. ווארום טאָג אויף טאָג גייט די בלאָנדינקע פון מאָקאָטאָוו אָפּארבעטן א היבש שטיק מעת־לעת פאַר איר שוועסטער דער ברונעטקע אויפ׳ן שווארצן געסל; און די ברונעטקע גייט טאָג אויף טאָג פון שווארצן געסל אויפ׳ן „מאָנקאָטאָוו״ אָפּצוטאָן די זעלבע ארבעט און אין דער זעלבער צייט פאַר איר שוועסטער דער בלאָנ־דינקע.

ביידע גייען דורך דעם זאַקסישן גאָרטן, די ברונעטקע קומט אריין פון דער „קרולעווסקא״ און גייט ארויס דורך דער ניעצאַלאַ, און די בלאָנדינקע קומט אריין דורך דער ניעצאַלאַ און גייט ארויס דורך דער קרולעווסקא.

אין מיטן גאָרטן טרעפן זיי זיך, גייען פאַרביי — און גאָר נישט.

איינמאָל יולי צייט האָבן זיך ביידע אויפגעכאַפּט פאַר גרויס היץ, זיי האָבן זיך ביידע געבאָדן אין שווייס און ביידע האָט גאָר אינגאַנצן אָטעם פאַרפעלט. ביידע זיינען כמעט אין איין סעקונדע ארויסגעשפרונגען פון די בעטן: די בלאָנדינקע אין סוטערינא אויפ׳ן מאָקאָטאָוו; די ברונעטקע אונטער׳ן אייזערנעם דאַך אויפ׳ן שווארצן געסל. ביידע האָבן זיך געשווינד געוואַשן, אָנגעטאָן די ציצענע קליידלעך, נאָך א מאָל איבערגעשווארצט זיך די זעקלעך אויף די לעכלעך און שפּאַלטן פון די קאַמאַשן און ארויפגעזעצט זיך אויף די קעפּ — די שטרויענע היטעלעך, וואָס זיי האָבן פעסט צוגענאָגלט, די בלאָנדינקע צו די זיידן־בלאָנדע און די ברונעטקע צו די סמאָלע־שווארצע קוים פאַרפלאָכטענע האָר, ביידע האָבן עס געטאָן ביי קוילעכדיגע טאַשן־שפּיגעלעך און ביידע האָבן צו זיך געשמייכלט... קיין מעשה ניט פון פּנים׳לעך, און ביידע האָבן זיך

פלוצלונג פארבענקט — צו גרינס, צו בלימלעך, צו עפּעס ווארעמ־לעבעדיגעס און אויך — צו וואַנצעלעך מיט אויגעלעך. די בלאַנ־דינקע—צו שווארצע און די ברונעטקע צו בלאָנדע און בלאָע! און ביידע האָבן אָפּגעזיפצט, נאָך איין אויג געוואָרפן אין די שפּיגעלעך אריין, און, ווייל עס איז צו פרי, געלאָפן אין זאקסישן גאָרטן אריין... די בלאָנדינקע איז אריינגעקומען דורכ'ן טויער פון קרור־לעווסקא, די ברונעטקע פון טויער דורך דער ניעצאלא. אריינקו־מענדיג, זיינען ביידע טרויעריג געוואָרן.

— לינקס — טראַכט די בלאָנדינקע—ביי דעם וואסער־טרינ־קען שפּילט מוזיק; לאָזט מען נישט אריין! — עס פליט אין דער נאָז א געשמאַק פון געברענטע און געקאַכטע קאווע: „אומזיסט גיט מען נישט".

— לינקס — טראַכט די ברונעטקע איז דאָס גלאַנצנדיגע וואַ־סערל מיט די ווייסע שוואַנען, א מחיה, ווי זיי קומען צו, אז מען וואַרפט זיי שטיקלעך זעמל — האָב איך נאָך אַליין קיין אָנבייסן נישט! — — רעכטס. ווייטער צוציער, פאַראן וואסער מיט זאַפט, זי וואָלט גערן דאָס געטרונקען, נאָר „אומזיסט גיט מען נישט"...—

„אפשר וועט מען אַמאָל געבן", טרייסטן זיך ביידע מיטאַמאָל; זיי זיינען דאָך שוועסטער! איילן זיך ביידע אין מיטן גאָרטן אריין, דאָס געדריש פון די גאַסן צעשטויבט זיך צווישן די טויזנטער בלע־טער פון ברייט־פאַרצווייגטע ביימער און עס איז, דאַכט זיך, אזוי שטיל, אזוי שטיל...

און ביידע ווילן זיך זעצן. און ביידע ווייסן, אז קוים וועלן זיי זיך זעצן, וועלן צוקומען „וואַנסעלעך מיט אויגעלעך" פלוי־דערן... גלאַט אזוי פלוידערן, איז עס אנגענעם צו פלוידערן אויף דער פרישער לופט נעבן די בייטן מיט אַלערליי־פארביגע בלומען... מען ווערט פון דער פרישער לופט ווי באַרוישט; פון בלומען־ריח —פאַר'חלומ'ט און פון די זיסע רייד ווערט טיילמאָל אזוי היימלעך אונטער'ן לעפעלע פון הארץ,—כאָטש עס פלאַצט באַלד ווי א זייפן־בלאָז אָדער מען דערזעט פלוצלונג עפּעס שרעקלעכס און מען אנט־לויפט, האָבן אָבער ביידע מורא, זיי זאָלן זיך ניט פארשמועסן און פארשפּעטיגן.

גייען זיי בײדע אראָפּ רעכטס, צום זייגער, און ווייל זיי זיינען שוועסטער, טוען זיי עס אין דער זעלבער רגע און קלייבן אויס די זעלבע באַנק געגנאיבער דעם ציפערבלאַט און זעצן זיך אויף ביי־דע עקן — —

צי וועלן זיי צו זיך רעדן.

זיי הויבן אָן צו וואַרפן בליקן אויף זיך. נאָר אין דער זעל־בער רגע קומען צו צוויי יונגע לייט, און זעצן זיך אין מיטן באַנק און דרייען זיך אויס — איינער א ברונעט צו דער בלאָנדינקע; דער צווייטער א בלאָנדין צו דער ברונעטקע...

צוויי פּאָרן פלוידערן...

און אז דער ווייזער קומט צו דריי פערטל ניין, שפּרינגען ביידע שוועסטער אויף און אנטלויפן.

די בלאָנדינקע פון מאַקאַטאָוו אנטלויפט דורך דער ניעצאַלע צום שווארצן געסל; די ברונעטקע פון שווארצן געסל — דורך דער קרולעווסקא—קיין מאַקאַטאָוו...

זיי האָבן זיך נישט רעכט געזען...

אפשר אמאָל—אין שפּיטאָל א שטייגער, וועלן זיי זיך דערזען.

ער און זי

(פאַרשפּיל)

((א גערטל, אין הינטערגרונט א זומער וואוינונג, די לבנה באַפרייט זיך פון אונטער א וואָלקן, א בלאַסער זילבערנער שיין לעגט זיך איבער דער סצענע).

ער: די בלומען האָבן דיך דערשפּירט, און גריסן דיך מיט וואוילגערוך...

זי (איראָניש): אָ...

ער: און די לבנה... זי שווימט ארויס פון אונטער'ן לייכטן וואָלקן—זי שווימט דיר אנטקעגן...

זי: די לבנה איז א נאַר, האָט נאָך היינע געזאָגט...

ער: און יעדער נאַר האָט דאָך זיין שכל, און ווייסט, וואָס שיין און גוט איז. ווי אירע שטראַלן ציטערן איבער דיין צאַרט געזיכט, שמייכלען ארום דיינע פיינע ליפּן...

זי: ביזט דיכטער געוואָרן!

ער: דאָס וועט יעדערער ביי דיר ווערן. און עס איז קיין דיכטונג—איך האָב דיך ליב...

זי (מיט א האַנט־באַוועגונג צום הויז): גיי זאָג דער מאַמען מיינער; זי וועט זיך פרייען דערמיט. גאַנצע נעכט שלאָפט זי נישט; איך וואַקס איר אין גראָען צאָפּ אריין... שטייסט נאָך?

ער: איך האָב מיך אָן א מעשה'לע דערמאָנט!

זי: אויב עס געהער צו דער זאַך, דערצייל...

ער: עס איז אין גן־עדן געווען—

זי: און אַלטע געשיכטע—

ער: „און בלייבט אימער ניי", זאָגט היינע... און עס איז גע־וועזן נאָך איידער מען האָט אָדם וחוה—די ערשטע מענטשלעכע פּאָר—פון גן־עדן פאַרטריבן און די כּרובים מיט די שאַרפע שווער־דען ביים טויער געשטעלט...

זי: זיי האָבן פון עפּל נישט געגעסן און נישט געוואוסט וואָס גוט און שלעכט איז?

ער: געגעסן—

זי: און נאָך נישט פאַרטריבן?

ער (שרייבט): עס גייט עבען דער פּראָצעס — און אָדם, נישט ווינסנדיג פון קיין בייז, שפּאַצירט רואיג אַרום אין די אַלייען פון גן־עדן און דערזעט אַ שיינעם עפּל אויף אַ בוים—

זי: ווייטער אַן עפּל!

ער: און אויך אַ שיינער, אַ פאַרגלוסטונג פאַר די אויגן, ווי די ביבל וואָלט געזאָגט; צאַרט געראָויטלט, ווי דער פרישער מאָרגן...

זי: געפעלט ער אים?

ער: געוויס. ער באַקומט אַ פול מויל מיט וואַסער און עפּעס אַ מין צוועקן אין דער געגנט פון האַרץ—

זי: געפעלט ער אים?

ער: געוויס. ער באַקומט אַ פול מויל מיט וואַסער און עפּעס אַ מין צוויקען אין דער געגנט פון האַרץ—

זי: האָט ער'ן אָפּגעריסן?

ער: אין גן־עדן רייסט מען נישט. ער האָט געבעטן! ער האָט זיך אָפּגעשטעלט ביים בוים, פיין געגריסט און געבעטן: בוים, גוטער בוים, שענק מיר דיין עפּל, איך וויל אים עסן!

זי: און דער בוים האָט אָפּגעזאָגט.

ער: ניין! ער האָט נאָר אַ באַדינג געשטעלט: אָדם, גוטער אָדם, האָט געענטפערט דער בוים, דו קענסט דעם עפּל האָבן, נאָר מיט מיר צוזאַמען. דו קענסט אים עסן, נאָר מיר אויך צוזאַמען,

מיך אין גאנצן... דעם עפל, די בלעטער, די צווייגן, דעם שטאם, זאגאר די ווארצלען אונטער דער ערד און מיט'ן שטויב אויף די ווארצלען!

זי: כא־כא־כא!

ער: אדם האט אויך געלאכט. דער בוים דאך האט עס ערנסט געמיינט. „נישט מיט א מאל — האט ער אים פארטייטשט, ביזטו מחויב מיך אויפצועסן, נאר מיט דער צייט, דורכ'ן גאנצן לעבן. מיך עסן מוזטו יעדן טאג, יעדע שטונדע, יעדע מינוט, יענע סע־קונדע—אן אויפהער—

זי: און ער?

ער: ער האט שוין געוואוסט, וואס גוט און וואס שלעכט איז!

(פויזע).

זי: איך האב מיך אויך דערמאנט אן א מעשה'לע...

ער: אויב עס געהער צו דער זאך, דערצייל...

זי: נישט אין א גן־עדן איז עס געווען, נאר אויף אן ענלעכן פלאץ אין אורוואלד! און נישט מיט אדם הרשון איז עס געשען, נאר מיט אן ענלעכן צום אדם הרשון—מיט א ווילדן מענטש. טא־טואירט איז ער געווען, אויפ'ן האלז ציין פון פארשיידענע חיות אנשטאט פערל, און אויפ'ן קאפ — א קרוין פון פארשיידענע פע־דערן... אין דער האנט האט ער א פיילנבויגן געטראגן. איינמאל הויבט ער די אויגן אויף און דערזעט, א פויגל רעדלט איבער זיין קאפ, א פויגל, א פרעמדער מיט א גאלדענער פעדער — א פאר־גלוסטונג צו די אויגן, א גאלדענער מארגן־שטראל... און די פעדער איז אים געפעלן, ער האט זי צו זיין פעדער־קרוין געברויכט.

ער: האט ער'ס געשאסן?

זי: צו הויך און צו ראש איז דער פויגל געפלויגן, ער זאל מיט דעם פייל דערגרייכן...

ער: האט ער אים א פויגל־פאל געשטעלט?

זי: ניין, ער האט געבעטן: פויגל, פויגל, איך ברויך דיין

פעדער... שטעל דיך אָפּ און איך וועל דיך שיסן. דיין קערפּער וועל איך נישט באַנוצן, נאָר דיין פעדער, דיין שטראַלנדיג גלאַנציגע פעדער—

ער: נו?—

זי: ער האָט נישט געענדיגט; דער פויגל איז אוועק—(גייט ראַש אָפּ).

ער: דאָס איז דאָס פּראָבלעם...

א ליבע

(פּאָעמע)

רויטע בעקעלעך, קלאָרע אויגעלעך, זיסע, שטילע חלומות.—
וואו זענט איר?

א שטילע טויב האָט שטיל געלעבט אין א שטילן טויבן־שלאַג.

א פרומע, שטילע טויב.

ליבלעך האָט זי געברומט די ברכה אינדערפרי:

„וואָס דער טאַטע הייסט, וואָס די מאַמע הייסט און וואָס אַלע גוטע, פרומע לייט"...

און די קריאת־שמע ביינאַכט:

„נעם, ליבהאַרציגער גאָט, ביז מאָרגן מיין זיסע נשמה צו דיר...

„באַהאַלט זי איבערנאַכט אונטער'ן פליגל פון דיין גנאָד און שיק זי מיר אָפּ אין דער פרי דורכ'ן ערשטן בעסטן מלאך, וועל איך זאָגן דעם טאַטן „גוט מאָרגן", דער מאַמען קושן די האַנט"...

א בליץ האָט אין שטילן טויבן־האַרץ אריינגעטראָפן, און עס האָט זיך צעפלאַקערט...

און א ווילד פאַרלאַנג האָט אויפגעפלאַמט אין דער שטילער טויב:

איבער'ן בלאָען לופטיגן ים זאָל קומען אויף מעכטיגע פליגל דער אָדלער צושווימען; זי וועט אים באַגעגענען מיט פרייד!

מיט אָדלער־קראַלן זאָל ער איר שפּאַלטן דאָס יונגע האַרץ,

מיט'ן אָדלער־שנאָבל אויסטרינקען דאָס הייסע יונגע בלוט; זאָל ער שטילן זיין דורשט...

און זאָל ער אוועקשליידערן די רעשט, וואו ער וויל...

.2

דער טאַטע פרעגט פאַרזאָרגט:

— טאָכטער, וואָס ביזטו אזוי בלאַס?

אומרואיג קוקט ער מיר טיף אין די אויגן אריין, — „וואָס פלאַמען זיי אזוי ווילד?"

שטייט צו די מאַמע:

— צי האָסטו, טאָכטער, ביינאַכט פון שלאָף ארוים געוויינט? פייכט איז צומאָרגנס דיין קישן געווען — וואָס האָסטו פאר א חלומות געהאַט?

און לויף איך פון שטוב ארויס, טרעפן מיר חבר'טעס און רינגלען מיך ארום. און טאַנצן ארום מיר, און בויערן מיך דורך מיט די בליקן:

— וואָס איז מיט דיר, גאָלדעלע, געשען? וואָס ברענט אזוי דיין אָטעם?

לייכטער איז צו באהאַלטן פאַרפּיום פאר לייט, איידער אן אויפ־געבליט הארץ.

.6

אז איך וועל אַמאָל האָבן א שטילע ליבהארציגע טאָכטער, ווי מיין מאַמע האָט, אן איינציגע, — וועל איך זי נעמען פון צייט צו צייט אויף דער שויס און שטיל גלעטנדיג אירע גאָלדענע לאָקן און טיף קוקנדיג אין אירע בלאָע אויגן אריין, וועל איך איר איינרוי־מען גוטע רייד, הארציגע שטראָף־רייד:

— ווילסטו, טאָכטער, שפּאַצירן גיין און האָסט מיט וועמען, — גיי!

נאָר גיין זאָלסטו בייטאָג, אין שיינעם העלן טאָג, ווען עס שיינט די זון... זאָל זי באַשיטן מיט גינגאָלד דיין קעפּעלע,

דארפסט זיך פאַר דער זון נישט שעמען, נישט פאַרכטן; געטריי און ערלעך איז די זון.

נאָר היט דיך, טאָכטער, פאַר׳ן כשוף פון שטילע זומער־נעכט... פאַר דער דינער ציטעריג־ליכטיגער זילבער־נעץ, וואָס צעשפּרייט זיך אין דער שטילער לופט...

און א כשוף־מאַכערין איז די לבנה, געפערלעך זיינען אירע מאַט־זילבערנע שטראַלן... זיס איז איר ליכט, ווי זיסער וויין, און עס טרינקט זיך, ווי קילן, זיס־שמעקענדיגן וויין, און עס באַרוישט...

פּלוצלונג בליען פרישע רויזן אויף אין הארץ און דיין אָטעם הויבט אָן צו שמעקן.

פּלוצלונג הויבט דיר אָן א ווירוואַר פון ליכטיגע שטערן צו טאַנצן אין מח און שטראַלן דיר פון די אויגן אַרויס.

און דער קאָפּ ווערט שווער און זוכט זיך אן אַקסל אָנצולענען, און אויפ׳ן וועג טרעפט זיך א ליפּ מיט א ליפּ — — נישט אָפּצורייסן...

.4

איך מוז שטיין פאַר מיר אַליין אויף דער וואַך, היטן מיך יעדע מינוט, יעדע רגע.

איך מוז איינציען די פיס, זיי ווילן לויפן אין דער ווייטער וועלט אריין.

איך מוז האַלטן פעסט די הענט ביי די נעט פון קלייד, זיי ווילן כאַפּן שטערן פון הימל און וואַרפן אין דער וועלט אריין.

און מוז די ליפּן ביז צום בלוט פאַרבייסן, זיי ווילן אויסשרייען א בשורה פאַר דער וועלט.

איך מוז היטן די פאַרהענגלעך איבער די טיף־בלאָע פענצטערלעך מיינע; שטורקאַצן ברענען אין זיי — א באַשטענדיגע אילומינאַציע; אן אייביגער יום־טוב אין הארץ!

.5

מאמע, אַז דו ביזט דעם טאַטנ'ס כּלה געווען, וואָס פלעגט ער דיר זאָגן אונטער פיר אויגן אויפ'ן שפּאַציר?

שיין ביזטו, מאַמע, געווען; דאָס וויים איך. ווי אַ מלכּה זעסטו אוים היינט, אַ בת־מלכּה האָט דאָך מער כשוף אין זיך!

גאָלדן גלאַנצט דיין זומער־טאָג. ווי האָט דיין פרילינג'ס פרי־מאָרגן געבלים?!

איך זע דאָך, ווי ער קוקט אויף דיר נאָך היינט, מיינענדיג, איך זע נישט.

נאָר דעמאָלט,—דעמאָלט, וואָס פלעגט ער דיר זאָגן?

וואָס פלעגט ער דיר זאָגן אין די זיסע שטילע זומער־נעכט, ווען די לבנה כּשוף'ט און די זילבער־ליכטיגע נעץ ציטערט אין דער טי־פער בלאָער שטילקייט?

צי האָט ער דיר געזאָגט, אַז נישט לבנה און שטערן לייכטן אים אויף זיין וועג, נאָר דיינע טיף־בלאָע אויגן?

און אַז איבער דער ציטעריג־זילבערנער נעץ איז דורכגעשוואו־מען אַ ריח פון בּשׂמים, צי האָט ער דיר איינגערעדט, אַז נישט רויזן און ליליע שמעקן אים, נאָר דיין ריינע נשמה?

און פאַרנאַכט, ווען עס צעגיסט זיך די זיסע שטילע קריאַת־שמע פון די נעסטן אין די קרוינען פון פאַר'חלום'טע ביימער, צי האָט ער דיר געזאָגט, אַז זיסער, פרימער און הייליגער קלינגט דיין איינ־ציג וואָרט?

.6

מיט פלאַמענדיגע ליפּן האָב איך מיך געלעגט, און אויפגע־כאַפּט האָב איך מיך אין קאַלטן שווייס...

צווישן צעריסענע שטיקער וואָלקן, איבער נאַקעטע פעלזן און זידנדיגע ימים האָט מיך אַן אָדלער געטראָגן, צווישן שטורם און ווינט.

נאָר אַליין האָב איך קיין פליגל נישט געהאַט און האָב מיך פון זיינע אויסגעגליטשט.

איך פאַל... וואָס נידעריגער און נידעריגער טראָגט מיך דער ווינט און שליידערט מיך, ביז איך בלייב הענגען ווי אבשלום ביי די האָר אויף א צווייג פון א בוים, וואָס איז איבער א וואַסער געשטאַנען.

אויבן צווישן די צעריסענע וואָלקן פליען אָדלער.

— „ראַטעוועט מיך, אייער חבר האָט מיך פאַרלוירן!"

זיי הערן נישט און פליען זייער וועג.

און אונטן פליסט א געשרומפּן וואַסער; פון צייט צו צייט שווימט אַרויס א בלאַסער פיש, מיט קיילעכדיגע הונגער־אויגן און צעשפּרייט דאָס מויל!

— ווען פאַלט זי אַראָפּ!

7.

איך ליג מיט אָפענע אויגן און וואַרט אויף דעם ערשטן שטראַל פון פרישן פרימאָרגן; איך בענק צו אים, ער וועט מיר די שאָטן פון האַרץ פאַרטרייבן.

אין פענצטער אַריין קוק איך און איך וואַרט אויף א צייכן פון א ניי־געבוירענער זון, — פאַר איר וועלן די וויסטע חלומות אַנט־לויפן.

דער ערשטער קוש, וואָס דער שטילער הימל וועט געבן דער ערד, איינגעהילט אין נעפּל און שרעק, וועט אויסלייזן פון שרעק מיין נשמה.

פון זאַטען, וואָס גאָט'ס האַנט וועט אַראָפּלאָזן דער פאַר־שמאַכטער וועלט, וועט אַרויסבליען פאַר איר דער נייער טאָג, און פאַר מיר—דאָס נייע לעבן.

די לופטן ציטערן, באַלד וועט זיך הערן די בשורה:

— שרעק נישט, פאַרוואָגלטע ערד! דיין אויסלייזער, דיין חתן גייט צו דיר פון זיין חופּה אַרויס, זיינע אויגן שטראַלן און טרייבן פאַר זיך די שלעכטע רוחות פון דער נאַכט. אַלע שרעקן פאַר־שווינדן!

און האָפנדיג צום טאָג, ליג איך שטיל און וויין.

.8

שטיל האָב איך געוויינט, און נאָר א מאַמע'ס אויער האָט מיינע זיפצן דערהערט — איך פאַרנעם שוין אירע באָרוועסע טריט.

די פאַרהענגלעך פאַרבויגן זיך. אָט שטייט זי, דאָס בילד פון ליבשאַפט און רחמנות, און נעמט ארום מיט'ן הארציגן בליק איר צום טויט־דערשראָקן קינד.

מיט שטילע, באָרוועסע טריט קומט זי צו מיין בעט, זעצט זיך לעבן מיר, לעגט מיר די האַנט אונטער מיין האַלז און ציט מיין הייסן קאָפּ צו זיך אויף דעם שויס:

— צי איז ער עס ווערט, טאָכטער? וואָס איז ער?

.9

א העלד איז ער, א שטימע פון א וועלט־באַצווינגער האָט ער; און ער זאָגט, אז דאָס האָב איך אים אָנגעגנאָסן דאָס קול מיט זאַפט און קראַפט, ווי די געבענטשטע זון גיסט די טרויבן אָן... איך מיט מיינע פאַרציטערטע ליפּן...

וועלטן קען ער שליידערן אין דער לופט; און די קראַפט, זאָגט ער, האָט ער פון מיר, פון מיר, וואָס איך בין אזוי שוואַך, אזוי שוואַך.

ער האָט שוין, דערציילט ער, פאַרלאָשענע אויגן געהאַט, און איך האָב זיי אים צוריק אָנגעצונדן און זיי לייכטן ווי שטערן אין הימל: און איך, מאַמע, זע נישט צומאָל מיין וועג.

און פאַרוויסט איז שוין געווען זיין הארץ; איך האָב דאָרט נייע בלומען געפלאַנצט, און זיין אָטעם שמעקט מיט רויזן פון די העכסטע בערג, און איך, מאַמע, וועלק פון בענקשאַפט, ווי דאָס אָרעמסטע גרעזל אין טאָל.

איך האָב אים די אויגן פון דאָס נײַ געעפנט, און ער זעט די פּערל, וואָס ליגן, נאָך נישט געפונען, אינ'ם אָפּגרונט פון טיפ־סטען ים.

און ער פילט אצינד די בלומען, וואָס קיין מלאך האָט נאָך נישט געוועקט פון טיפסטן שלאָף אין פאַרבאָרגענעם שויס פון דער ערד.

און הערן הערט ער דאָס געזאַנג, וואָס ערשט די שפּעטסטע דורות וועלן זינגען, דעם „הללויה" פון צייטן, וואָס שווימען נאָך אין די נישט־געפאָרמטע נעבל אונטער'ן כסא הכבוד, אויף וועלכע נאָט דער באַשעפער האָט נאָך קיין אויג נישט געוואָרפן.

קענסט עס פאַרשטיין, מאַמע ? !

.10

ניין...

און דאָך לעגט זי אירע ווייסע הענט אויף מיין פאַרווירט קעפּעלע — זי בענטשט מיך.

פון די האַרציגע מוטער־אויגן פאַלן טרערן ווי טוי אויף מיין דורשטיג־ברענענדיג פּנים און קילן עס.

און אירע טרייע ליפּן ציטערן ; זיי ווינטשן מיר גליק.

מאַמע, מיך וואַרט נישט קיין שטיל, ליב נעסט, אויסגעבעט מיט בלעטער און פּוך און גלאַנצנדיגע שטיינדעלעך.

ער וועט נישט אַרויספליען זינגענדיג־טאַנצנדיג און נאָט־לויבענדיג פון נעסט, זוכן פרישע ווערימלעך אין דער לופט פאַר זיין געטרייער „זי", וואָס זיצט איבער זיינע היים־געבליבענע „קליינע" און וואַרעמט זיי.

אַן „אָדלער־ווייב" וועל איך זיין.

ער וועט מיך אויסרייסן פון דיין שוים און אַוועקטראָגן ווייט־ווייט, צווישן שטורם און ווינט, איבער זידנדיגע ימים, ווילד־נאַקעטע פעלזן און וואָלקן, וואָס רייסן זיך אויף זייערע שפּיצן און קאַנטן אויף צויטן...

און אַז ער וועט מיך פאַרלירן, מאַמע, וועל איך צוריק אין דיין שוים אַריין נישט פאַלן.

.11

— מאַמע !

— וואָס, טאָכטער ?

— ער איז נישט פון די, וואָס לעבן לאַנג... נאָר פון די, וואָס קומען און פאַרשווינדן ווי דער בליץ...

ער איז נישט פון די, וואָס ווערן גראָ ערשט נאָך לאַנגע־לאַנגע יאָרן; איבערנאַכט ווערט אַזוינער גראָ, ווי די טויב.

ער איז נישט פון די, וואָס טרינקען דאָס לעבן פון גאָט׳ס בע־כער אַרוים פּאַמעלעך און טראָפּנווייז; נישט פון די, וואָס מעסטן די צייט מיט׳ן אומרו פון שטאָטישן זייגער: טיק־טאַק, טיק־טאַק — א טריט נאָך א טריט.

ער איז נישט פון די, וואָס ע ל ט ע ר ן זיך, און אַז זיי ווערן אַלט און דערזעען מיט אָפּגעשוואַכטע אויגן, אַז דער שוואַר־צער שאָטן קומט זיי אנטקעגן, פאַרקרימען זיי זיך פאַר גרויס רחמנות אויף זיך אַליין, אויף ווייב און קינד און אויף אַלע שטאָט־לייט, און גייען אַהיים, שרייבן צוואות, און לעגן זיך אונ־טערטעניג אין בעט אריין, און זאָגן וידוי, און דרייען זיך איבער צו דער וואַנט.

ער איז פון די, וואָס פאַלן פּלוצלונג, ווי שטערן פון הימל אַראָפּ; פון די, וואָס ווערן אונטערגעשאָסן, ווי די ווילדע פויגל אין וואַלד.

— פון היץ רעדסטו, טאָכטער.

— פון היץ, מאַמע!

.12

נעם מיך שוין מיט, אָדלער.

רייס מיך אויס פון דעם טאַטנ׳ס אָרעם, פון דער מאַמע׳ס שויס.

איך גיי מיט דיר.

איך גיי מיט דיר צווישן ווינט און שטורם, איבער מצבות, איבער קברים, צווישן פאַרוואונדעטע, וואָס בלוטיגן אין פעלד.

און זייער קרעכצן וועט מיך ניט אָפּהאַלטן; איך וועל מיך נישט אָפּהאַלטן עמיצן א טראָפּן וואַסער צו דערלאַנגען.

איך וועל ניט ציטערן פאַר די דונערן, וואָס צערייסן די הער־צער אין די פינצטערע נעכט; מיט אָפענע שטאָלענע אויגן, אָן א ציטער פון א האָר אין דער ברעם, וועל איך קוקן אנטקעגן דעם בליץ!

איך בין אן אָדלער־ווייב!

גיי נישט מיט מיר

(געדיכט אין פּראָזע)

גיי נישט מיט מיר, גאָלדן, האַרציג קינד; טרויעריג איז דעם איינזאַמען וואַנדערער׳ס וועג...

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

און ווער איך שוואַך אַמאָל —

און ווער איך שוואַך אַמאָל, פון האַרץ־רייסנדיגער בענקשאַפט באַפאַלן, פון שמערצן באַזיגט, און איך קני פאַר דיר, און בעט מיך, מיט נישט מענטשלעכע טרערן, ביי דיר: קום!—נויג נישט צו דיין אויער צו מיין געבעט.

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

טרויעריג איז דעם איינזאַמען וואַנדערער׳ס וועג; פון טרויער־ווייטן געהיט, מיט זייערע שאָטן אויסגעבעט...

דער הימל האָט זיי אָפּגעשטויסן, די ערד האָט זיי צוגעצויגן...

דער שטראַל פון העלסטן, פון גאָלדענסטן טאָג, וואָס רייסט זיך דורך די אבלים דורך, ווערט פון פרייד און גלאַנץ באַרויבט, און איבער׳ן וועג לעגט זיך מיד און בלייך אַ טויטער שטראַל, אַ בר־מנן—אַ שטראַל!...

נישט פאַר דיר, גאָלדן, האַרציג קינד, איז דעם איינזאַמען וואַנדערער׳ס וועג...

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

צווישן צווייגן און בלעטער פון די אבלים, וואָס זעען קיין הימל נישט, וואו עס נעסטן קיין פויגל נישט, — פאַרבענקען ווערט זיך דיין נשמה צו זאַנג און קלאַנג...

אויפ׳ן שאָטן־אויסגעבעטן וועג וואַקסן קיין בלומען נישט;

אומזיסט וועט זיי מיט בענקשאַפט זוכן דיין אויג...
אָ, גיי נישט מיט מיר, גאָלדן, האַרציג קינד!

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

לעש, קינד, די באַרעמהערציגע פונקען פון דיינע אויגן אויס;
אומהיימלעך איז דעם איינזאַמען וואַנדערער׳ס וועג.

טרויער־ווײַדן היטן אים פון אַלע זייטן; נישט היימלעך איז
מיטער־נאַכט דאָס געוויש, וואָס שלאָגט זיך צווישן שווערע צווייגן
און בלעטער...

אַלט־פאַרשטומטע קלאָגן, וואָס דער הימל נעמט נישט אויף...
פלוכן און ציין־קריצערייַ פון פאַרשטויסענע און פאַרשאָלטענע...
מיטער־נאַכט וועקט זיך דאָס אַלץ און מישט זיך צוזאַמען מיט׳ן
יאָמער פון פאַרזינדיגטע נשמות, וואָס פלאַטערן אַרום, און זוכן
און געפינען נישט קיין תקון...

נישט פרייַלעכער איז דער טאָג... דורך אַש פון פאַרברענטע,
דורך שטויב פון צו קבר־ישראל נישט געקומענע, קוקט־דורך א
רויט־צאָרנדיגע זון...

נישט פאַר דיר איז דער וועג, גאָלדן, האַרציג קינד!

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

גיי נישט מיט מיר, גאָלדן, האַרציג קינד; שרעקלעך איז
דעם איינזאַמען וואַנדערער׳ס וועג.

שאַרבן־קעפּ וואַלגערן זיך איבער׳ן וועג, שאַרבן־קעפּ וואַלגערן
זיך אַרום אין זיינע שאָטן, שאַרבן־קעפּ פון לאַנג־געשטאָרבענע
און נישט באַגראָבן, און מיט הוילע אויגן־לעכער קוקן זיי אַרויס
אויף דער וועלט און שרייען שווייגנדיג: פאַר וואָס? פאַר וואָס?

און איבער קברים פירט דער וועג; איבער פאַרגעסענע דער־
נער־באַוואַקסענע קברים...

דאָס זיינען די קברים פון די פאַר׳עקשנ׳טע מלאכים, וואָס האָ־
בען אַמאָל דעם כסא־הכבוד געשטורמט און דערנאָך, באַזיגטע און
פון הימל אָפּגעשליידערטע, אומזיסט געזוכט פאַרגעסעניש און און
טרייסט אין דער שוים פון ערד־געבאָרענע טעכטער, ביז זיי זיינען
אויסגעגאַנגען ווי א ליכט.

צוגענומען האָט זיי די ערד, נאָר פאַרצערן זיי קאָן זי נישט!

און, הער קינד! אפשט אין האלבער נאכט שפּאַלטן זיך די קברים, די פאַרגעסענע, דערנער־באַוואַקסענע קברים...

און זיי, די געוועזענע מלאכים שטייען אויף, גייען פון די קברים אַרויס, שטעלן זיך אויס און קוקן מיט אַ ברענענדיגן האַס אין די אויגן צום הימל אַרויף, און הויבן מיט גרימצאָרן די פויסטן געגן כסא הכבוד אויף, און כאַפּן זיי באַלד צוריק צו די מײַלער, און בייסן די פינגער פאַר צער און שאַנד, — פאַרוואָס זיינען די הענט אַזוי קורץ!

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

גיי נישט מיט מיט מיר נאָלדן, האַרציג קינד!

און בעט איך דאַרום שאָקל דיך אָפּ פון מיין געבעט, ווי פון אַ גרינעם וואָרים, וואָס פאַלט דיר פון בוים אַראָפּ אויף דיין ברוסט!

דאָרט גייען אַרום די שאָטן פון נאָך נישט געשעענעם, פון נאָך נישט באַשאַפענעם; אומרואיגע שאָטן, וואָס רייסן זיך, סענען גאָט'ס ווילן, צו ליכט און לעבן פאַר דער צייט, נאָך איידער ער האָט זיי מיט פלייש און בלוט באַקליידט.

לעבנס־הונגעריג זיינען די ווידערשפּענסטיגע גייסטער, און ווי איז דעם וואָס זיי טרעפן אויפ'ן וועג... זיי נעמען צו פון די באַקן די פאַרב, זויגן אויס דאָס ליכט פון די אויגן, און נאָגן אויס דאָס בלוט פון האַרץ... לעבנס־הונגעריג זיינען זיי...

נישט פאַר דיר איז דעם איינזאַמען וואַנדערער'ס וועג...

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

און ווער איך שוואַך אַמאָל, פון שמערץ און בענקשאַפט פאַר־מאַטערט, און קני פאַר דיר, און בעט זיך רחמים ביי דיר: קום, פאַרלאָז מיך נישט! — הער נישט מיין געבעט!

לעש די באַרעמהערציגע פונקען אין דיינע אויגן אויס; און די בענקשאַפט, וואָס איך האָב פאַרזייט אין דיר, רייס דיר ווי אַ דאָרן פון האַרץ אַרויס! זע ווי צאָרנדיג עס שפּרייט זיך איבער מיר דער הימלס־בויגן...

ניי, קינד! זאָל דער דונער, וואָס ווערט פאַר מיר געשמידט, דיך אומזיסט נישט טרעפן...

נישט דאָס האָט דיין מאַמע, איבער דיין וויג געבויגן, דיר געזונגען!

נישט דעם וויסטן חלום האָבן לבנה און שטערן, אין די שטילע זיסע נעכט, דורכ'ן מיידלשן פענצטער דיר אויסגעשפּינט!

גיי אין דיין רו אריין, קינד!

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

זע, צאָרנדיג פינצטער בויגט זיך איבער מיר דער הימל...

און פון צווישן די בוימער, אין פינצטערניש פאַר שרעק צוזאַמענגערוקטע, פינקלט ארוים דיין היים, דיין זיס שטיל היים!

מיט ווארעמע בליקן ווינקט צו דיר, צערטלעך רופט זי דיך: קום! גיי אין דיין רו אריין, קינד!

גיי, צאָרנדיגער ווערט נאָך דער הימל..

גיי אין דיין רו אריין, קינד, לעג דיך... לעג צו דיין קעפּעלע צום קישן און קריאת־שמע לייען!

און הויב דיינע שטילע זיסע אויגן צום הימל אויף און בעט!

בעט, ער זאָל דיר אָפּציען דעם שווארצן וואָלקן, וואָס האָט זיך איבער דיין יונג, אומשולדיג־בלויען הימל געלעגט... אויסגעריסן זאָל ווערן דער זאָמען פון אומרו און בענקשאַפט, וואָס איך האָב מיט מיין זינדיגער האנט אין דיין הייליג־שטיל הארץ פאַרפלאַנצט...

און אָפּגיין זאָל דער שאָטן, וואָס דער פארבייגייענדיגער אייגזאמער וואנדרער האָט אויף דיין ריין־געשטראַלטער נשמה געוואָרפן.—

בעט, קינד! דיר איז דער הימל נישט צאָרנדיג און וועט הערן דיין געבעט...

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

גיי נישט מיט מיר, גאָלדן, הארציג קינד!

דער שטראַל

(מעשה'לעך)

1) די אָפּטריניגע

און גאָט, וואָס וועט אייביג זיין, איז אייביג געווען, און האָט אייביג זיינע חלומות געהאַט. און מקוים און פאַרקערפּערט פלעגן ווערן די חלומות, נאָר אויך באַלד פאַרלוירן אין דער פינצטערניש, פון אָנגעשיטן תהו ובהו...

חלומ'ט זיך גאָט א טורעם, שטעלט ער זיך, דער טורעם, אין דער פינצטער אויפ'ן שפּיץ, און פאַלט, און פּלאַצט, און צעפּלאַצט, און עס ווערט פון אים אַש און שטויב און זיי צעשפּרייטן זיך איבער'ן אומענדלעכן תהו ובהו.

און חלומ'ט זיך גאָט א ים, פאַלט ער אין דער פינצטערניש פון תהו ובהו פון געלעגנער אַרויס, שלאָגט זיך אָן פעלזן און בערג פון אַנדערע געטלעכע חלומות, און צעפאַלט אויף וואַלן; די וואַלן אויף וואַסערלעך, אויף וואַסער-צונגען און וואַסער-שטראַלן; קו־מען ווינטן פון נאָך אַנדערע געטלעכע חלומות, צעברעקלען און צעיאָגן זיי ביז איינציגע טראָפּן... קומען שווערע, שוואַרץ-דורש־טיגע נעבל און טריקענען זיי אויס...

און די נ י ד ע ר הויבט זיך אין דער פינצטער איבער דער ה ו י ך און שלינגט זיי איין... און וועלטן לויפן געגן וועלטן, און שלאָגן זיך אָן, און פּלאַצן, און צעפאַלן זיך אין די אָפּגרונטן פון תהו ובהו. און פאַרשווינדן, גלייך זיי וואָלטן קיינמאָל נישט געווען, און איבער די חורבות פון איינגעפאַלענע וועלטן, גיסן זיך איבער די פינצטערע תהו-ובהו-וואַלן, און זיי לאַכן צו זיך, און שפּעטן פון באַשעפער און זיינע חלומות, און קראָען—מערדער־

געדאַנקען פליען אויף די שוואַרצסטע פליגלען איבער שטיקער מפּולת פון איינגעפאַלענע חלומות, און שטעכן אויס וואו עס עפּנט זיך אין דער פינצטערנישט ערגעץ אן אויג און וויל שיינען... און בייזע ווינטן יאָגן, קאַלערן זיך אין דער פינצטערניש, און פאַרשיטן מיט תהו־ובהו־אַש, וואו עס וועקט זיך און עס וויל אויפפלאַמען א פונק פון ווילן פון לעבן.

ביז גאָט האָט אויף זיינע חלומות רחמנות באַקומען און א טראַכט געטאָן: זאָל זיין ליכט!..

און עס איז געוואָרן ליכט; פון זיך אויסגעשטראַלט האָט ער עס, פון שענסטן חלום פון דער טיפסטער נשמה אויסגע־שטראַלט... געמלעך ליכט.

און אין דער ליכטיגקייט האָט זיך יעדער באַשאַפענער חלום אויף זיין אָרט געשטעלט.

און אין דער פיינסטער אָרדנונג איז אַריבער א טאָג נאָך א טאָג, און גאָט האָט דערזען, אַז עס איז גוט. לעבן גוטן אָבער האָט ער אויך דאָס שלעכטע דערזען; שאָטן גייען נאָך דעם ליכט... איז אים, דעם גערעכטן גאָט, באַנג געוואָרן אויף זיין, פון זיך זעלבסט אויסגעשטראַלט ליכט, עס זאָל לייכטן דעם בייזן, ווי דעם גוטן. און ער האָט באַשלאָסן דאָס ליכט נאָר פאַר גוטע, נאָר פאַר צדיקים צו באַהאַלטן, זאָל עס זיין דער לוין פאַר זייערע מעשים טובים...

און דעמאָלט האָט ער די ליכטער אין הימל באַשאַפן: די זון זאָל רעגירן ביי טאָג, לבנה און שטערן—ביינאַכט, און די שטראַלן, וואָס ער האָט געהאַט אויסגעשטראַלט פון זיך, האָט ער צוריק גע־רופן — — —

און די שטראַלן פליען צוריק אין זייערע קוואַלן. נאָר איינער האָט זיך אָפּגעריסן פון אַלע; איז אָפּטריניג געוואָרן!

— די שלעכטע, — האָט דער אָפּטריניגער געטראַכט, — זיינען די אומגליקלעכסטע, און אויב זיי ווערן אַצינד פון אַלע מיינע ברוי־דער פאַרלאָזט, וועל איך מיך, זיי צוליב, אָפּזאָגן פון הימל און בלייבן ביי זיי...

און דער אָפּטריניגער שטראַל האָט זיך ערגעץ אויף א שפּיץ

בארג אין דאָרן־שטרוים באהאלטן. באלד האָבן אויפ'ן שטרוים רויזן אויפגעפלאַמט, און דערווייל — האָט זיך דער הימל צוריק פארשלאָסן.

איינם האָט דער שטראַל נישט געוואוסט, אַז, נ אָ ע נ ט צו דער ערד איז די לופט אַזוי געדיכט, אַז ער וועט זי נישט דורכדרינגען, אַז ער וועט צו דער נידער קיינמאָל נישט קומען... אַז ער וועט בלייבן נאָך געגוג הויך, און וועט קיינמאָל די נידער נישט זען...

ווען ער האָט זיך דערפון דערוואוסט, איז שוין צו שפעט געווען; דער הימל געווען שוין פארמאכט, און אַז ער האָט, שטיל און פול חרטה, אָנגעקלאַפט מיט אַ ציטערדיגן פליגל, האָט אים אַ רחמנות'דיגער מלאך געענטפערט:

— ניי! גאָט וועט דיך דערזען און פארטיליגן, אָפטריניגע איז ער ניט מוחל...

און אַראָפּ איז צוריק דער שטראַל.

און קיינער ווייסט נישט פון דעם פארלוירענעם שטראַל, פאר וועלכן די הויך איז פארשלאָסן און די נידער צו טיף — און דאָך חלום'ט מען פון אים, בענקט מען צו אים... הערצער פליען, — נשמות לעכצן—נישט ווייסנדיג...

---

2) דער איינזאַמער שיפער

דעם בארג צו־פוסנס—פליסט פארביי אַ וואַסער. און איבער'ן וואַסער גייען שיפן, און פירן איבער פון לאַנד צו לאַנד—דעם פארגליווערטן מענטשן־שווייס און מענטשן־בלוט, אין געשטאַלט פון אלערליי, אויפ'ן אָרט איבעריגע סחורות. אויך מענטשן שיפן זיך אָפט איבער פון טריקעניש צו טריקעניש, פון לאַנד צו לאַנד... ווערט עמיצן מיד פון לעבן אין איין לאַנד, שיפט ער זיך איבער צום צווייטן. און, ווערנד אַ געוויסע צייט, דאכט זיך אים, אַז ער האָט אָנגעהויבן אַ ניי לעבן, אַ פריש לעבן... אַן אַנדערער האָט, געפֿינען אַרער נישט וויליג, אין וואָס עס איז זיין נשמה באַפלעקט,

שיפט ער זיך איבער צו נייע שכנים, וואָס ווייסן נישט פון פּלעק, און וועלן מיט די פינגער נישט טייטלען!

שיפן גייען איבער'ן וואַסער, גרויסע און קליינע, נאָר אַלע פולע: פול סחורות. און אויך פול מענטשן, וואָס קוקן מיט בענק־שאַפט צום באָרט, וואָס זיי פאַרלאָזן, און מיט שרעקיגער האָפנונג צום באָרט, וואוהין זיי ווערן געשיפט. נאָר איין שיפל גייט איינ־זאַם, זיין קאַפּיטאַן איז אויך זיין איינציגער פּאַסאַזשיר.

וואוהין רודערסטו, איינזאַמער שיפער? וואו פירט דיין וועג?

דער איינזאַמער שיפער ענטפערט ניט; מיט דער צייט האָט מען אויפגעהערט צו פרעגן, צו גריסן... נישט היימלעך האָט אויסגעזען דאָס לערע שיפל, נאָך ווייניגער דאָס פינצטערע געזיכט פון איינזאַמען שיפער און זיינע קאַלט־שטראַלנדיגע אויגן, וואָס האָבן אָן בליצנדיגע מעסער דערמאָנט...

און א גאַנצן טאָג רודערט דער איינזאַמער שיפער. און ערשט ביינאַכט, ווען דאָס שיפל, וואָס האָט קיין איינציגן לאָמטערן ניט, ווערט איינגעהילט אין נעפּל, שיפט ער זיך צום באָרג, אַנקערט אין שאָטן פון פעלזן אָדער געוויקסן, און רוט פאַרשלונגען מיט'ן שיפל אין נעפּל, ביז דער מאָרגנשטערן זאָגט אָן די בשורה פון א נייעם טאָג. אָבער רוען רוט דאָס ש י פ ל, נישט ער...

דער איינזאַמער שיפער ווייסט נישט פון קיין שלאָף; זיינע ברעמען פאַלן נישט צו; זיינע אויגן פאַרמאַכן זיך נישט...

ער האָט געאַנקערט. און אָט נעמט ער פון טאַש א גרויסן שליסל אַרויס און עפנט די איין־איינציגע קאַיוטע אויפ'ן שיפל. דערנאָך—א קלענערן און שליסט אויף די איין־איינציגע זאַך אין קאַיוטע—א שראַנק.

און א פאַרצעלייענער טאַק — א פרויען־בילד באַווייזט זיך, מיט אויגן בלאָע ווי דער הימל. נאָר דער הימל, וואָס איז פאַר'כשופ'ט געוואָרן אין זיי, איז אייביג ריין... ער קען זיך קיינמאָל נישט פאַרנעפּלען; ער האָט קיינמאָל נישט געבליצט — א פאַרצעלייע־נער טאַק. און פאַר אים האָט זיך דער איינזאַמער שיפער אויף די קניען געלאָזט, די גאָלדענע שיכלעך פון קליין־פיסיגן טאַק גע־

קושט. און דערנאָך דעם קאָפּ אויפגעהויבן, און מיט א שטיל און היים־פּארגניגט געבעט אין די אויגן אריין פון טאָג געקוקט...

לעב, לעב אויף! האָבן זיך די אויגן געבעטן. איך בין אזוי עלנט, אזוי אליין...

און אז דער ערשטער מאָרגן־שטראל האָט זיך א גליטש געטאָן איבער׳ן שטילן וואסער־שפּיל — לעשט זיך אים דאָס געבעט אין די אויגן אויס, הויבט ער זיך, זיפצנדיג, פון די קניען אויף; פאר־מאכט — מיט׳ן קליינעם שליסעלע דעם שראנק, מיט׳ן גרויסן — די קאיוטע; און, מיט צוריק קאלט־שטראלנדיגע אויגן אין פינצ־טערן פּנים, נעמט ער זיך צום רודער צוריק.

און אזוי גייען פארביי טעג, מאָנאטן, יאָרן...

און איינמאָל — עס איז א טריבער טאָג געווען — און דער איינ־זאמער שיפער איז גראָד ביים בארג צופוסנס געשוואומען, האָט ער אויפ׳ן רוקן פון בארג א שטיל־שניידנדיגן גלאנץ דערזען — ווי דער שמייכל, פון וועלכן ער האָט נע׳חלומ׳ט, און האָט פול בענק־שאפט געוואָלט ארויסרופן אויפ׳ן אלבאסטער־פּנים פון טאָג. און צו זיך געצויגן האָט׳ם פּלוצלונג דער בארג; נעענטער איז ער צו־געשוואומען...

„בארג אויף! בארג אויף!" האָט אין אים דאָס פארבענקטע הארץ, ווי געשריען; און געדוכט האָט אים, אז ער הערט די שטימע פון א גוסס, וואָס רופט נאָך א זיכערער הילף... און דאָס ערשטע מאָל, נאָך טעג, מאָנאטן, יאָרן האָט דער איינזאמער שיפער אין א טריבן טאָג געאנקערט, און איז אויפ׳ן בארג־רוקן ארויפ־געשפּרונגען, און האָט אָנגעהויבן גיין...

און ער גייט. צווישן פעלזן און שטיינער שטייגט ער... שטיר־נער און שטיקער ערד קייקלען זיך אים, רוישנדיג, פון אונטער די פיס, שטיינער שארפע שנײדן און פארוואונדן אים די זוילן; ער דאָך שטייגט. און וואָס העכער, איז דער בארג גרינער, לעבע־דיגער, פון וואָס העכער קוקן וואָס מער בלומען אראָפּ און גאָר הויך טאנצט ארום א שיין, ווי א געטלעך בארעמהערציגער שמייכל, און רופט... רופט, און דאָס הארץ בענקט אזוי צום שמייכל... צום געטלעך בארעמהערציגן שמייכל...

שטארק איז דער איינזאמער שיפער געווען! און שטייענדיג, האט די קראפט אין אים געוואקסן, און דאס הארציגע געוויין אין אים האט זיך, וואס אמאל מער, אין פריידן־אויסגעשרייען פארביטן...

און ער וואלט דעם שפיץ בארג דערגרייכט, צום קוואל פון לעבן—צום שטראל געקומען, ווען נישט א קליינער געדאנק, וואס האט אים פלוצלונג אויפגעבליצט אין געהירן:

— ווי ווייט בין איך שוין אפגעגאנגען פון איר? ווי הויך בין איך שוין איבער י ע נ ע ר בענקשאפט געשטיגן?

און ער האט זיך אומגעדרייט אויף א ווײַלע, און זעט!—

ביים ראנד פון שיפל שטייט זי—דער טאק—די הענט אויסגעשפרייט, א לייטזעליג־פארקלערט־בעטנדיגער שמייכל שימערירט איבער'ן אלעבאסטער־ווייסן געזיכט, און אין די אויגן—אין די אויגן אזוי פיל בענקשאפט, אזוי פיל וויי...

ווי אזוי איז דאס וואונדער געשען?

און צוריק אראפ גייט דער איינזאמער שיפער...

„דו ביזט פון מיר אוועק, — האט זי אים געזאגט, און די שטימע האט ווי פון א פיינסטער הארפע געקלונגען—און אין מיר איז בענקשאפט געבוירן געווארן, א וואונדערלעכער שמערץ האט זיך אויפגעוועקט אין מיר... און דאס איז מיין נשמה געווארן! און אט, זע! איך לעב! לעב!" און הייס־גאלדענע שטראלן שפריצן איר פון אונטער די זיידענע ברעמען אפער.

באגליקט, האט ער זי אין זיינע ארעם געשלאסן; מיט ברענענדיגע ליפן איר שטערן מיט די באוועגלעכע שלייפן געקושט און מיט א גליק־פאר'שכור'ט הארץ צו איר הארץ־קלאפן זיך איינגעהערט — — — אין די בלאע אדערלעך, וואס שפרינגען אונטער אירע שלייפן, זיך איינגעקוקט, ער קען פון זיי קיין אויג נישט אפרייסן.

— זי לעבט, זי לעבט! יויכצט דאס הארץ — — — —

אבער אין זיינע ארעם האבן זיך אירע ליפן צוריק צוזאמענגעצויגן און געשלאסן... אויסגעלייטערט, ווי אן אייביג שטילבלאער הימל האבן זיך די אויגן... שטיל שטייען די שלייפן...

שטיל — דאָס האַרץ. אין זיינע אָרעם איז זי צוריק אַ טאָקל גע־וואָרן... און ער האָט זי צוריק אין שראַנק פון דער איין־איינצי־נער קאַיוטע פאַרשלאָסן! און איז געלאָפן באַרג־אויף, אום נאָכ־אַמאָל זיך אומצוקוקן.

און פון דעמאָלט אָן האָט קיין שיפער דעם איינזאַמען נישט געזען. קיינער האָט נאָך אים נישט געבענקט; „אַ נישט־היימלע־כער געווען — פינצטערע בליקן געהאַט, איבער׳ן וואַסער מיט עפּעס אַ שרעקיגן סוד געשוואוּמען״... „אומגליק ברענגט ער!״ האָבן אַנדערע, וואָס האָבן שיף־ברוך געליטן, געמיינט — — — —

צופוסנס דעם באַרג, אין שאָטן פון ציפּרעסן איז דאָס שיפל פאַראַנקערט... גרין מיט מושעלן אויסגעזעצט, פאַרוואַקסן... קיין פיש אין וואַסער מיידט עס נישט; קיין מעווע אין דער לופט שרעקט עס ניט איבער... פויגל נעסטן אין אַלע זיינע שפּאַלטן, און דער איינזאַמער שיפער וואַנדלט טאָג אויף טאָג; שטייגט אַוז נידערט, נידערט און שטייגט — — — קומט ער העכער און דרייט זיך אום — לעבט אויף דער טאָג, קומט ער אַראָפּ און שליסט זי אין זיינע אָרעם — ווערט דאָס וואונדער פאַרלאָשן... און עס רופט דער שפּיץ־באַרג!...

דער—ווערט דעם שטראַל ניט דערגרייכן.

---

3) דער אַלטער כשוף־מאַכער

אַמאָל איז אַ כשוף־מאַכער געווען...

נאָר שרעקט אייך ניט, אַ גוטער געווען; נאָר צום גוטן האָט ער זיין קראַפט גענוצט... דער ווילן איז געווען אין אים שטאַרק, דער שטאַרקער ווילן ש א פ ט, און ער האָט נאָר מעשים טובים באַשאַפן... הונגעריגע געזעטיגט, דורשטיגע געטרענקט, טרערן פון אַלמנה־ און יתומים־אויגן געטריקנט... און די קראַפט האָט ער פון באַרג גענומען...

אַרויף האָט ער נישט געקאָנט, דאָס גוטע האַרץ קען אַליין נישט געניסן פון גוטן! דאָס רחמנות אויף דעם, וואָס קוועלט און מאַ־

טערט זיך אונטן אין טאָל טרייבט אים... ער שטייגט, ווינקט מיט די אויגן דעם געטלעכן שמייכל, וואָס שיינט אויפ'ן באַרג־רוקן אין דער הויך, אין האַרץ אין דער נשמה אַריין; די נשמה וואַקסט, דאָס האַרץ וואַקסט, דער ווילן וואַקסט, אָבער דאָס רחמנות וואַקסט מער פאַר אַלע, און ער לויפט אַראָפּ: „עס זאָל זיין אין הייזל ברויט"! — און עס איז געוואָרן ברויט! — „פון שטיין זאָל פאַר'ן פער'חלש'טן וואַסער שפּריצן", און אַ רעגנבויגן־פאַרבינער וואַסער־שטראַל שיסט שוין אַרויף און צעשפּריצט זיך גלייך די שענסטע פּערל... ער האָט פון ווילן אפילו שטעק־שיך פאַר שוואַכע און ביין־קליידער פאַר נאַקעטע געמאַכט... און מענ־טשען האָבן געזאָגט ס'איז כשוף, און אים האָט מען גערופן כשוף־מאַכער... פאַרברענט האָט מען אים נישט; ער האָט גרויסע טובות געטאָן!

אַרויף איז ער נישט — דאָס רחמנות אויף דעם, וואָס מאַטערט און קוועלט זיך אונטן, טרייבט אַרויף און טרייבט צוריק — און דעם קוואַל פון לעבן האָט ער נישט געקאָנט דערגרייכן און איז מיט דער צייט דעריבער אַלט און יעדן טאָג שוואַכער געוואָרן...

און וואָס אַמאָל האָט ער ווייניגער באַרג געמאַכט, טאָג אויף טאָג צו אַ קלענערער הויך געשטיגן... דער שאַפנדער ווילן אין אים איז פון טאָג צו טאָג קלענער געוואָרן... ער האָט שוין קוים געקאָנט מאַכן ליימענע פייפערלעך פאַר ווייגענדיגע קינדער...

און מענטשן האָבן אָן זייער כשוף־מאַכער פאַרגעסן. מאַנכע האָבן אים אויפגעהערט צו גריסן: „עס האָט געמוזט זיין אַ שווינדל!" אינגערע — האָבן געלייקנט, — מאַלע וואָס אַלטע דערציילן...

און בענקען האָט אָנגעהויבן דער כשוף־מאַכער צו דער הויך, צו דער העכערער הויך, צום פרישן קוואַל פון זיין קראַפט; נאָר שוואַכער און שוואַכער ווערט זיין ליב, מידער די פיס... די רחמנות־פליגל, וואָס האָבן אים געטראָגן, זיינען מיט יעדן טאָג קירצער געוואָרן...

— נייע פליגל דאַרף מען! — זאָגט אים דאָס פאַרבענקטע האַרץ.

— נאָר די אומשולד קען זיי געבן! — ווייסט ער.

און דער אַלטער כשוף־מאַכער לאָזט זיך אַראָפּ זוכן די אומשולד...

נישט לייכט איז זי צו געפינען.... איך ווייסט ווי עס שטייט היינט מיט דער אומשולד... אירע פּאַפּירן ווערן אויף קיין בערזע ניט נאָטירט...

„געווען, באַנקראָט געוואָרן"...

בלאָנדזשעט ער אַזוי...

איינמאָל קומט ער ערגעץ אויף אַ קליין ווילד־פאַרוואַקסן בערגעל אַרייף, טרעפט ער אַ קליין דאָרפס־מיידעלע, וואָס פּאַשעט שוואַרצע ציגן.

— פאַרוואָס דורכאויס שוואַרצע? — פרעגט ער זי זייער מיטליידיג. — פאַרוואָס געוואוינסטו אַזוי יונג נאָך דיינע אויגן צום שוואַרצן?...

און שאָקלענדיג מיט'ן קאָפּ, ענטפערט אים דאָס מיידל:

— טענטש, טריבע אויגן האָסטו! מיינע ציגן זיינען ווייס.

— אַלע?

— ביז צום לעצטן! און ווייס ווי ערשט געפאַלענער שניי! — באַשטעטיגט דאָס קינד. —

„דאָס איז די אומשולד אַליין" — טראַכט ער און נעמט זי מיט מיט זיך צום רוקן פון באַרג...

און זיי שטייגן...

— קינד, — זאָגט ער איר, — וואָס העכער איז אַלץ לייטזעליגער דער שיין פון געטלעכן שמייכל... ווייסער זיינען די ליליען, רויטער זיינען די רויזן, בלאָער און קלאָרער ריזלען די וואַסער־סטענגעלעך. העכער וואַקסן די בוימער, שענער און פריילעכער זינגען די פויגל צווישן די צווייגן...

און זי הערט מיט אַ גליקלעך־גלויבנס שמייכל. נישט ווייסנדיג דערפון, האָט זי פליגל, וואָס טראָגן זי, און ער האַלט זיך מיט אַ פאַרציטערטער האַנט אָן איר שירץ און טראָגט זיך מיט...

— איך דאַנק דיר, — זאָגט אים דאָס האַרציגע קינד, — פאַר

דעם וואָס דו פירסט מיך ארויף... ארויף צום געטלעכן לייטזעליגן שמייכל צום קלאָרן, ריינעם גליק...

און ער האָט שוין נישט די קראפט געהאט, זיך מודה צו זיין, אַז ער האָט נאָר דאָס וויסן פון דער הויך, און זי די פליגל צו איר —און דעריבער איז ער מיד געוואָרן... און וואָס א טאָג עלטער און מידער. און אַז ער וויל רוען און זי ווערט פון אירע פליגל ווייטער געטראָגן, שלעפט ער זי איין...

פלאַמענדיגע מאָן וואקסט אויפ'ן רוקן פון בארג, ער רייסט דעם מאָן, צעדריקט אים אין דער פלאַכער האנט, פירט זי איבער אירע אויגן.

— ווי דו גלעטסט מיך! — זאָגט זי דאנקבאַר פאר דער לאַס־קע און שלאָפט איין... און ערשט ווען ער רוט זיך אוים וועקט ער זי דערפרישט צום ווייטער גיין...

ער וועט נישט דערגיין...

זי—ערשט ווען ער וועט פאלן, ווען זי וועט זיין טויטן קערפער פארלאָזן... זי וועט'ן באוויינען, פארגעסן און שטייגן...

---

4) די טויטע האַנט

און נישט מיטאַמאָל מוז מען ארויפקומען...

מען קען שטארבן און ניי געבוירן ווערן און ווייטער שטייגן... איר גלויבט געוויס אין תחית המתים? „ער", וואָס איז מיט „איר" געשטיגן, האָט געגלויבט! און „ער" און „זי" שטייגן — די ליבע טראָגט זיי צו פרייד, צו ליכט, צום געטלעכן שמייכל אויף די גאָלדיגסטע פליגל... אויפ'ן בארג־רוקן דורך א צעזינגטן וואלד שטייגן זיי, זינגענדיג מיט די פויגל, וואַקסנדיג מיט די בוימער, בליענדיג מיט די בליטן...

איינמאָל האָט ער זי פרייליך געלאָזט, און, צוריק קומענדיג, מיט א טרער אין אויג געטראָפן...

— וואָס איז?—פרעגט ער, אויסקושנדיג איר די טרער.

— איך האָב מיך מיט א שרעקלעכן סוד געטראָפן...

זי שפּאַרט אָן דעם גאָלדענעם קאָפּ אויף זיין שויס, הויבט צו

אים די טיף־דערשראָקענע אויגן אויף, און דערציילנדיג, ציטערן איר די ליפּן.

— איך האָב א בלאַט אין וואַלד געטראָפן, אויף דער ערד, צווישן גראָז איז עס געלעגן, און א גאָלדענע זוים האָט עס געהאַט...

— ווי גאָלדן־שיין דו ביזט, בלאַט! — האָב איך מיך צו אים אראָפּגעבויגן.

— און שטיל זיפצנדיג, אז מיין אויער האָט קוים קוים געהערט, האָט מיר געענטפערט דאָס בלאַט:

— גאָלדיג איז דער בלעטער־טויט... אזוי שטאַרבן מיר...

— וואָס איז ט ו י ט? וואָס איז ש ט א ר ב ן?

— איך ווייס נישט — ס'א סוד... אונזער גאָלדענער, שרעקלעך גאָלדענער סוד, וואָס שלינגט אונז איין...

און אן אָטעם פון א לייכט ווינטל האָט'ס פּלוצלונג אוועקגעטראָגן... וואוהין?

ער שווייגט.

— איך גיי ווייטער — א וואונדערלעכע שטונדע געווען — היפּט א פויגעלע פון מיינע פיס, צווישן גראָז היפּט עס.

— פויגעלע, פויגעלע, פאַרוואָס פליסטו נישט?

— כ'האָב מיר א פליגל פאַרוואונדעט! — ענטפערט עס נאָך פיל טרויעריגער פאר'ן בלאַט...

— וואָס שמאַכסטו? טוט עס דיר אזוי וויי?

— ניין, נאָר דער ווינטער קומט, די מייניגע וועלן אוועקפליען, איך איינער וועל דאָ בלייבן און פארגיין!

— א סוד... עפּעס א ווייסער סוד... דאָס ווייסט קיין פויגל נישט... אָבער עס שלינגט אונז איין דער ווייסער סוד... און ער היפּט פון מיר אַפּ...

ענג איז מיר געוואָרן אין דער ברוסט, און דיך בין איך געגאַנגען זוכן... און בין פון וואַלד ארויסגעקומען... א שטיק פעלד דערזען... עס וויגן זיך די זאַנגען. גאָלדענע זאַנגען אזוי שטיל, אזוי טרויעריג שטיל...

— וואָס טרויערט איר, גאָלדענע זאַנגען?

— פאַרטיג זייַנען מיר, פאַרטיג און זאָגן וידוי, גרייטנדיג זיך צום טויט!

— וואָס איז ט ו י ט?

— א סוד... א שרעקלעכער סוד — אויף א בלאַנק שנייד־מעסער א בליצנדיגער סוד... און דעריבער שרעקן מיר זיך און טרויערן...

— ליבער! — כאַפּט זי אים אָן בייַ דער האַנט — רעטע אונזער ליבע און דאָס שענסטע און בעסטע פון וואַלד.

— ווי אַזוי, קינד?

— א פעסטונג זאָלסטו געגן ווינטער בויען... אן אומגעהויער פעסטונג. אן אומגעהויער צימער פון דורכזיכטיג גלאָז... און ווייט און ברייט זאָל אונזער פעסטונג, אונזער ליבע־שוץ אונזער הייליגקייט זייַן; מען זאָל קיינמאָל מער, ווי איין וואַנט נישט זען... אין דער מיט קיין איינציגע... עס זאָל קיין געפענגעניש נישט זייַן... און אַהין וועלן מיר דעם „סוד" נישט אַריינלאָזן, ער זאָל אונזער ליבע און געליבטע נישט איינשלינגען!

נישט איינזאַם וועלן מיר זייַן... אַלץ וואָס גוט איז און שיין וועל'מיר רעטן, צו זיך אין הייליגטום נעמען... די שענסטע ביימער, די שענסטע בלומען, די זינגענדיגע פויגל... אַלע, אַלע!

— קינד — אַרום הייליגטום וועט גייַן דער טויט, און זייַן אָטעם וועט אַלץ פאַר'סמ'ען אויף טויט... עס וועט קיין ריכטיג לעבען נישט זייַן, נאָר עפּעס ערגערס פאַר'ן טויט! — א געפאַנגענער וועט זייַן דער פויגל, און גוס'ענדיגע לידער זינגען... שטאַרבן וועט דער בוים... אייביג קראַנק וועט זייַן די בלום... און א בלאַסער, קרענקלעכער שאָטן, וועט זיך אַרומדרייען אונזער ליבע צווישן טויטע; און פאַלש וועט קלינגען אונזער וואָרט, פאַלש יעדער קוש... ווער עס וויל לעבן, מוז שטאַרבן!

פאַרגייַן און אויף־ערשטיין!

— אַלע שטייען אויף?

— די וואָס גלויבן!

— דו גלויבסט?

— איך גלויב! און ד ו?

— איך גלויב אין ד ע ם, וואָס דו גלויבסט...

מיט שטראַלנדיגע אויגן זאָגט ער איר:

— שטאַרבן איז נאָר איין העלפט פון סוד: אויף־ערשטיין די צווייטע... און וויפיל מאָל שטאַרבן און אויף־ערשטיין מען האָט אונז ביז'ן שפּיץ באַרג — ביז צום ריינעם געטלעכן ליכט באַשערט, דאָס קען מען ניט וויסן... עס ציט זיך א גאָלדענער שנור; וויפיל מאָל א פאַרבאָרגענע האַנט וועט זי איבעררייסן און צוריק פאַרקניפּן — דאָס איז א ו י ך א סוד — דער ג ר ע ס־ ט ע ר סוד...

אירע אויגן טרינקען פאַרטרויט אין זיינע—און זי הערט זיך איין.

— א קבר וועלן מיר זיך גראָבן, דאָס היילינגטום, דעם איבער־ גאַנג פון איין זייט סוד צו דער צווייטער... דאָרט וועלן מיר רוען. באַדעקן, שיצן און וואַרעמען וועט אונז דער שניי, דער ווייסער, קלאָרער שניי, וואָס איז ווייס און קלאָר ווי אַלע געטלעכע סודות זיינען... און שלאָפן וועלן מיר, רואיג שלאָפן... רואיג שלאָפן די, וואָס גלויבן... דער גלויבן אין אונז, — דער גלויבן אין אויף־ ערשטיין, — דער זאָמען פון ניי־געבוירן ווערן, פון אויפלעבן אויפסניי, וועט אין אונז נישט שלאָפן... שטיל וועט ער געדייען... שטיל וואַקסן, וואַקסן, און וועט אַרויסשפּראָצן אַלס א ניי געפלי־ געלט לעבן...

לאַנג האָט ער גערעדט, לאַנג! — זי גלויבט, נאָר אונטער'ן גלויבן אין זיינע רייד נאָגט א וואָרעם. „זיין גלויבן איז זיין איי־ גענער, מיינער איז נאָר אן אָפּגלאַנץ פון אים — וועט ער נישט אויף־ערשטיין אָן מיר?"

זי פאַרבאָרגט עס דאָך פון אים, און מיט צוטרויען הערט זי ווייטער זיינע רייד:

— און אז ער, דער ערשטער שטראָל פון דער זון, וועט דורכ־ דרינגען די ערד, וועט זיך וועקן אונזער אויג, וועט זיך אויפהויבן אונזער ברעם... און אז דער ערשטער טריל פון א צוריקגעקומע־ נעם, אויף די פליגל פון היים־ווי געטראָגענעם־פויגל וועט דורכ־ קלינגען אין דער לופט, וועט ער וועקן אונזער אויער... און אז

פון געטלעכן גנאָד וועט אויסשפּראָצן די ערשטע פרילינגס־בלום, וועט אויפבליען אונזער ליבע, און וועקן אונזער הארץ, און מיר וועלן אויף־ערשטיין...

— איך גלויב! — זאָגן אירע קוש־דורשטיגע ליפּן, — און א געדאַנק פליט איר דורך דעם גאָלד־פאַרהאָרטן קאָפּ:

— איך וועל מיין האנט אויף זיין הארץ לעגן, ער וועט אָן מיין וויסן נישט אויף־ערשטיין!

און אַזוי איז געשען!

נישט איין ווינטער איז אַריבער, נישט איין פרילינג איז גע־קומען... עס דרינגט דורך דער ערשטער שטראַל, ער הויבט די ברעמען אויף; עס טרילערט דער ערשטער פויגל אין דער לופט, עס עפענען זיך זיינע אויערן... די ערשטע בלום שפּראָצט אַרויס, די ליבע וועקט ביי אים דאָס הארץ, נאָר פריי אויפאָטעמען קען דאָס הארץ נישט — א טויטע האנט ליגט אויף דעם הארץ, אויפ־לעבן קען עס נישט...

מיט אָפענע אויערן און אויגן ליגט ער איבער'ן זומער... ווינ־טער פאַרדעקט זיי צוריק דער שניי... שלאָפט ער טיפער איין...

---

5) פויגל

מאַנכע, ס'מערסט צופעליג, דערגרייכן דאָך דעם שפּיץ פון באַרג...

איינער — נאָכיאָגנדיג א האָז, א צווייטער נאָכלויפנדיג נאָך א זומער־פויגעלע... א שכור, זאָגט מען, איז אַמאָל אויף אַלע פיר אַרויף... נאָר די קומען נישט צוריק אַראָפּ..

די צופעליג־אַרויפגעקומענע ווערן אין זינגענדיגע פויגל פאַר־ביטן, בויען זיך נעסטן אין די צווייגן פון די העכסטע ביימער און —זינגען—פאַר זיך, נאָר פאַר זיך!

אין חלום הערט זיך אַמאָל זייער געזאַנג, — ווי פון די וויט־סטע וועלטן קומט עס...

עס זיינען קיין וואונדער געשען

א פּאָעמע אין פּראָזע

אַ! וויסטע, טויב־שטומע נעכט, נעכט אָן חלומות, אָן שלאָף, אָן טרייסט...

פון זיין שטראַלנדיגער צירונג בארויבט, ליגט מיד אויסגע־שפּרייט דער בלאַס־גרויער הימל; אין איינעגעם, אויסגענעפּלטן שוויים האָט זיך איינגעהילט די ערד, און אין דער לופט שוועבט די אומפּרוכטבארע מידקייט פון גאָט און לייט, פון וועלט און באַ־שעפער!

דורך פארדרייטע צווייגן פון פארקריפּלטע בוימער קוקט צו מיר אריין די אומפּרוכטבארע, טויב־שטומע נאַכט; מיט די וואסערדיג־גרויע אויגן זוינט זי מיר אויס דעם לעצטן טראָפּן ווילן...

פייכט און קאַלט הויכט זי אויף מיר, און א פייכטע קעלט צעגייט זיך אין אַלע מיינע גלידער; איך פריר...

איך פריר ביז'ן מארך אין די ביינער, ביז'ן לעצטן טראָפּן בלוט אין הארץ...

נעם, אַלטע פארפרוירענע נשמה, א פייער־טאָפּ, נעם און גיי פון הויז צו הויז, פון טיר צו טיר, און בעט א פונק פייער... א פונק פייער זיך צו דערוואַרעמען.

מיד בין איך, שטערבלעך מיד. נישטאָ מיט וואָס און נאָך וואָס צו לעבן... און שטאַרבן קאָן איך נישט: מיט וואָס וועל איך קומען אהין?

מיד בין איך, שטערבלעך מיד, און דאָך בין איך אַמאָל שטאַרק געווען—גאָט'ס גענאָד האָט אויף מיר געשטראַלט...

נאָר פאַרזינדיגט האָב איך מיך און די קראַפט פאַרלוירן, און פאַרשלאָסן האָט זיך פאַר מיר דער הימל און וועט מיר שוין נישט אויסשטראַלן קיין נייע קראַפט...

א גאָלד־געלאָקטער, פון גאָט־געזאַלבטער קעניג בין איך אַראָפּ־געקומען פון די הויכע בערג. — א בליצנדיגע קרוין אויפ׳ן קאָפּ געהאַט, אַן אויסגעשטראַלטן מאַנטל אויפ׳ן לייב געטראָגן, מיט א גינגאָלדענער קעניגלעכער האַרפע אין דער האַנט — — —

איך בין אַראָפּגעקומען און אַלץ אין דער נידער פאַרשוואונדן...

די גאָלדענע לאָקן זיינען אַראָפּגעפאַלן אין דלילה׳ס פאַלשן שויס...

לילית האָט מיך מיט איר כשוף אין איר נעץ געפאַנגען; איך האָב איר לויב געזונגען און צוגעשפּילט אויף דער גינגאָלדענער האַרפע, און עס האָט געפּלאַצט א סטרונע נאָך א סטרונע...

אין פאַר׳כשופ׳טע נעכט, אויף פאַרבליטע זומפּן, האָב איך מיט אירע טעכטער רעדלעך געטאַנצט, און אינ׳ם טאַנץ די קרוין פון קאָפּ אַראָפּ פאַרלוירן; און איינגעשלונגען האָט זי דער זומפּ.

אויף קרומע, פאַרלוירענע וועגן בין איך געגאַנגען, און די דערנער אויף די קרומע, פאַרלוירענע וועגן האָבן מיר דעם קעניג־לעך־אויסגעשטראַלן מאַנטל פון לייב אַראָפּגעריסן; צויטן־ווייז, פּעדעם־וויז...

אָ! נעכט אָן חלומות, אָן שלאָף, אָן טרייסט...

גאָט האָט מיר א ליכטיגע נשמה געגעבן, און איך האָב פון איר גראַשנדיגע ליכטלעך געצויגן און אין לוסט־פאַרביגע גערטנ־לעמפּלעך אריינגעשטעלט, און פאַרברענט די ליכטיגע נשמה!

דאָס גאָלדענע האַרץ, וואָס איך האָב פון זיין ליבן־נאָמענ׳ס האַנט באַקומען, האָב איך צעלאָזט, אויף קליינגעלט צעמינצט, קראַנקע שמייכל אויף געשמינקטע פּנימ׳ער איינגעקויפט — און פאַרשוואונדט דאָס גאָלדענע האַרץ...

אַן אויסגעלאָשענער פלאַקער בין איך און דער הימל האָט זיך

מיר פארשלאָסן און וועט מיר שוין נישט אויסשטראַלן קיין נייע ליכט, קיין נייע קראַפט...

צום געבעט פון אומריינע ליפּן, וואָס האָבן לילית'עס לויב געזונגען און אירע טעכטער געקושט, וועט גאָט נישט צונויגן זיין אויער...

מיד, שטערבלעך מיד ליג איך.

נישטאָ מיט וואָס און צו וואָס צו לעבן...

און שטאַרבן קאָן איך נישט; נישטאָ מיט וואָס אהין צו קומען.

מען וועט מיך פרעגן: וואו זיינען דיינע גאָלדענע לאָקן און די קרוין אויף זיי? דיין אויסגעשטראַלטער מאַנטל וואו איז? פאַרוואָס האָבן געפּלאַצט די סטרונעס אויף דיין קעניגלעכער האַרפע, מיט וועלכע מען האָט דיך אַראָפּגעשיקט?

אָ, די נעכט אָן שלאָף, אָן חלומות, אָן טרייסט!

ווי א בר־מנן, וואָס זוכט זיינע פאַרלוירענע נעגל אויף, זוך איך די שטראַלן פון מיין פאַרלוירענער קראַפט...

מיט צעשויבערטע האָר אויפ'ן קאָפּ, מיט פרעמדע אויסגעבעטעלטע קליידער אויפ'ן לייב, מיט אַן אויסגעדאַרטן וואַלד־שטעקן אין דער ציטערדיגער האַנט, וואַנדער איך און זוך מיין געוועזן שטראַלנדיג גליק, און געפין נישט...

מיד, שטערבלעך מיד וואַנדער איך! פון נֿעדאַנקען ווי פון רו בֿ־פויגל געיאָגט...

איבער באַרג און טאָל וואַנדער איך; איבער פעלד און וואַלד אויף לאָנקעס און ביי ברעגן פון טייכן — טאָג אויף טאָג, טאָג אויף טאָג, און זוך אומזיסט...

צום נידעריגן גראָז בויג איך מיך אַראָפּ, — זאָל איך כאָטש איינעם דערקענען, וואָס האָט אויסגעשפּראָצט פון מיין האַרציג בלוט — און דערקען נישט... און דאָך האָב איך אויף די לאָנקעס אויסגעטריפט מיין האַרץ!

אויף וואַסער־שפּיגלען קוק איך און קוק מיר די אויגן אויס...

טויזנטער גלאַנצן קאַלירן, וויקלען זיך, פלעכטן און טאַנצן, שפילענדיג אויף׳ן בלאַנקן וואַסער־שפיגל, — — קיין איינציגער גלאַנץ פון מיין נשמה שמייכלט מיר נישט אנטקעגן; און דאָך האָב איך אויף דעם וואַסער־שפיגל מיין נשמה אויסגעהויכט...

נישט מיינע פאַרבן טראָגן די בלומען אין פעלד...

און הויב איך די אויגן צו די בוימער אויף, פליסט מיר קיין איינציגער טאָן פון מיין געבענטשער האַרפע פון זייערע צווייגן נישט אַרויס...

און די דערנער, וואָס איך פרעג אויף צויטן און פעדעם פון מיין קעניגלעך־אויסגעשטראַלן מאַנטל, לאַכן מיך אויס שטעכנדיג: צויטן און פעדעם פון אַן אויסגעשטראַלטן קעניגלעכן מאַנטל זוכט ער, דער בעטלער!

נישט פריינטלעך איז מיר דאָ די ערד!

וואו איך קום, דערקען איך: דאָ איז אויף אַ ווײַלע מיין היים געווען... דאָ האָב איך געבלוטיגט און געשטראַלט. נאָר די ערד האָט מיך קיינמאָל נישט גערן געהאַט און האָט מיר גאָר נישט באַהאַלטן!

קיין איינציגן טראָפּן בלוט פון האַרץ, קיין איינציגן שטראַל פון מיין נשמה, קיין קלאַנג פון דער קעניגלעכער האַרפע, קיין פאָ־דעם פון מיין קעניגלעך־אויסגעשטראַלטן מאַנטל... און די קרוין האָט זי מיר איינגעשלונגען...

די שמעקנדיגע בלומען, וואָס איך האָב אויף איר פרוכטבאַרן שוים געשפּרייט, האָט זי, די שטיף־מוטער, נישט גענערט; נישט אויסגעשפּראָצט זיינען מיינע בלומען...

אייפערזיכטיג איז די נידער...

אויף איר זילבער־גלאַנציגן מאָך־געלעגער האָב איך גערוט און פרעמדע חלומות געהאַט; צו די ווייטע, אין נעפּל איינגעהילטע בערג געבענקט... אונטער איר הימל האָב איך געוואַנדערט, און דאָך האָבן מיר פרעמדע שטערן געפירט...

נישט היימלעך איז מיר דאָ די ערד...

און אירע קינדער און שטיף־קינדער זיינען מיר פרעמד...

ווען איך באגעגן אויף מיין וואנדער־וועג, קוק איך מיט באנגשאפט און פארציטערטער האפענונג אין די אויגן אריין — קאלט און פרעמד זיינען זיי מיר...

קיין איינציגער שטראל פון א ברידערלעך־הארציגער נשמה, וואס זאל אין מיר צוריק אנצינדן דאס פארלאשענע ליכט...

קאלטע, פרעמדע אויגן!

נישט מיין פרייד, נישט מיין ליד, גארנישט פון דעם, פאר וואס איך האב געליטן; גארנישט פון דעם, צו וואס איך האב געהאפט...

מיד, שטערבלעך מיד וואנדער איך, און זוך מיין פארלוירן גוטס, און געפין נישט...

און קיינער שטעלט זיך נישט אפ, דעם ארימען וואנדערער צו גריסן; קיינער שטרעקט מיר פריינטלעך נישט אויס די האנט!

קיינער פרעגט נישט: וואו פירט, וואנדערער, דיין וועג?

פרעמד ביזטו דא, טרויער און בענקשאפט פארנעפלען דיינע אויגן. צי לעבסטו און ליידסט גלות, אפצוקומען פאר זינד, אדער טויט ביזטו און וואנדערסט און זוכסט תקון פאר דער זינדיגער נשמה?...

קיינער וועט מיר נישט ווינטשן:

לעבעדיג צי טויט, זאל דיך גאט טרייסטן, וואנדערער! מיט פרישע מאנדלען זאל אויפבליען דיין וואנדער־שטאק!

און צוריק צו דער היים, אויף די הויכע בערג, אן קרוין און מאנטל, אין בעטלער־קליידער מיט דער פארשטומטער הארפע — קאן איך נישט...

אויף דער שמאלער גרענעץ צווישן וואלד און פעלד ליגט זי און דרימלט...

ווער איז זי?

פארוואס האבן זיך אפגעשטעלט מיינע פיס? פארוואס איז שטיל געבליבן מיין הארץ?

אויף דער שמאָלער גרענעץ צווישן וואַלד און פעלד ליגט זי און דרימלט...

אויף איר ווייס־שטראַלנדיגן מאַנטל ציטערט מיט באַנגער ליב־שאַפט א נעץ פון ליכט און שאָטן, אויסגעשפּינט פון פאַר׳סוד׳ע־טען וואַלד און געבענטשטן פעלד...

ווער איז זי?

שוואַרץ איז זי און בלאַס, און וואונדער־שיין — וועמעס ווייַן־גאָרטן היט זי, די שולמית?

קעניגלעך־שטאָלץ און שטרענג איז געוועלבט די פּעך־שוואַרצע ברעם, און ליסטיגע ליכט־פלעקן גליטשן זיך שפּילנדיג איבער איר עבען־קרוין...

א ווילדער מאָן פון פעלד וואַרפט א הייסן גלאַנץ איבער איר בלאַסן, הויכן שטערן; אַרום די האַלב־אָפענע ליפּן שוועבט א רעטעניש—א שמייכל—טרויעריג און זיס!

מיט צוטרויען און ליבע דריקט זיך דער שלאַנקער לייב צום ווייכן, גרויען ערד־געלעגער, דאָך אומרואיג, דאַכט זיך, הויבט זיך און פאַלט איר ברוסט...

וואָס חלום׳ט זיך איר?

אויף דער אַלטער האַרפע ציטערט א ניי־אויפגעשפּינטע סטרונע...

ציטעריג בליט מיר א נייע האָפענונג אין האַרץ — און עס וועקט זיך דער לאַנג־געשטאָרבענער ווילן אין מיר: „זאָל זי די אויגן עפענען!" און מיין ווילן איז געשען!

עס הויבן זיך די שווערע ברעמען אויף, און עס עפענען זיך גרויסע, גרויסע אויגן, מיט א שטאָלץ־פאַרוואונדערטן, האַלב־צאָרנ־דיגן בליק...

וואָס איך קוק אויף דיר?

ווער עס האָט מיר דערלויבט?

אָ, שטאָלצע! דאָס האָט מיך נאָך קיין שטערן נישט געפרעגט.

און די זון, ווען איך פלעג איר גלייך אין די אויגן אריינקוקן— אויך נישט!

צי איך וויים, ווער דו ביזט?

איך וויים!

דו ביזט די יאָרן־יאָרן־לאַנג געהאַפּטע... אין די שטילסטע, טרויעריגסטע נעכט קוים אויסגע'חלום'טע...

דאָס אין טרערן צעגאָסענע, אין בלוט צעגאַנגענע, פאַר'יתום'טע האַרץ האָט דיך אויסגעבענקט...

און אויף מיין וואַנדער־וועג, אין דער פינצטערער נאַכט, ווען דער לעצטער וועג־ווייזער אין הימל האָט זיך פאַרלאָשן, ווען דער לעצטער צייכן פון גאָט'ס געדענקען איז פאַרשוואונדן, האָט דיך אין אנגסטן און טויט־שרעק מיין נשמה קוים אויסגעבעטן, קוים אויסגעבעטלט ביי גאָט!

טרייב מיך נישט אוועק!

לאָז דעם מידן וואַנדערער דיר צופוסנס זיצן און ווי צו'ן א הייליגער ריינקייט צולעגן האַרציג און פרום די לעכצנדיג־צעפּלאַצטע ליפּן צום זוים פון דיין קלייד.

איך וועל עס נישט באַפלעקן...

זינדיג בין איך... נאָר פאַר זינד־געפּאַרבטע פאַרלאַנגען איז דיין קעניגלעך־שטאָלץ און שטרענג געוועלבטע ברעם קיין רעגנ־בויגן נישט...

אויף דיין בלאַס פּנים דער שמייכל איז דער אָפּגלאַנץ פון ריינ־סטען בלויען הימל אויף דעם אייביג־בליצנדיגן שניי אויפ'ן חרמון־באַרג אין היילינסטן לאַנד...

כרובים מיט בלאַנקע שווערדן אין די הענט היטן דאָס טויער פון גן־עדן פאַר זינדיג־פאַרטריבענעם מענטש; דער גלאַנץ פון זייער שווערד בליצט אין דיינע אויגן...

לאָז דעם מידן וואַנדערער דיר צופוסנס זיצן און זינגען שטיל דיין לויב...

קוק נישט, וואָס איך בין אַזוי שוואַך און מיד; אויף מיינע צעריסענע קליידער קוק נישט; זאָל דיך מיין אָרימער וואַנדער־שטאָק נישט שרעקן...

גאָט האָט מיר זיין טרייסט געשיקט... עס קוועלט אין מיר פרישע קראַפט: רויזן בליען־אויף אין האַרץ; די סטרונעס פון דער אַלטער האַרפע ציטערן, וועקן זיך צום נייעם הללויה... עס ציטערט אויך מיין וואַנדער־שטעקן אין מיין האַנט — ער וועט אָנהויבן בליען, מיט פרישע מאַנדלען בליען...

איך בין שטאַרק, איך בין רייך!

פון די טייכן אין גן־עדן וועל איך אָפּשווימען די פּערל צו דיין האַלז... פון אומבאַטראָטענע טיפסטע וועלדער וועל איך דיר ברענגען זאַנג און קלאַנג... פעלדער און וויזן וועל איך באַרויבן און די שענסטע בלומען שטרייען פאַר דיינע פיס — — דעם כסא־הכבוד וועל איך פון די טייערסטע שטיינער באַרויבן און דיין פוסן־בענקעלע צירן — —

איך וועל דיר וועלטן באַשאַפן — — —
ווער איך בין?

ווער איך בין, פרעגסטו — —
ווילסט מיין נאָמען וויסן?
טויזנטער טראָגן אים; דאַרפסטו איינעם פון טויזנטער?
וואָס איך בין?
דאָס ווענדט זיך: מיט אָדער אָן דיר?

אָן דיר בין איך א צאַנקנדיג לעמפּל ביי א גוסס צוקאָפּנס, און פאַררויכער מיין לעצטן טראָפּן צו באַשיינען די העויות פון דער גסיסה;

מיט דיר בין איך א פלאַקער אין ליכטיגן גאָט'ס האַנט. א פייערדיגער זייל, וואָס פירט איבער סטעפּן צום הייליגן לאַנד...

אָן דיר בין איך א חורבה פון א פאַרלאָשענעם מזבח, פון גאָט און לייט פאַרגעסן... די ווינטן האָבן שוין לאַנג זיין אַש צע־שפּרייט... פאַרהונגערטע קראָען שטעלן זיך אָפּ אַמאָל און זוכן

שירים פון אַלטע קרבנות, און געפינען נישט און פליען אַוועק, און שילטן...

מיט דיר בין איך א כהן־גדול אין קדשי־קדשים — מיט א גאָלדענער ווייראויך־פאַן אין דער האַנט, א בליצנדער קרוין איבער'ן שטערן, די טייערסטע שטיינער אויף דער ברוסט, וועלט־האַרמאָניש קלינגען די גאָלדענע גלעקעלעך ביים זוים פון מיין קלייד און, אין גאָט'ס וואָלקן פארהילט, בעט איך פאַר דער פאַראומגליקלעכטער וועלט...

אָן דיר בין איך א געפאַלענער, אן אַפּטריניגער...

פאַרביי איז געגאַנגען א העלדן־אַרמיי, וועלטן חרוב צו מאַכן, נייע צו בויען; איך בין געווען איינער פון זיי, איינער פון די גרעסטע — און בין אויפ'ן וועג געבליבן... און איבערגעלאָזט האָבן זיי דעם שוואַכן... טייל — מיט א באַרעמהערציגער טרער אין אויג, אַנדערע האָבן פאַר מיר נאָר שפּייעכץ געהאַט אין מויל, נאָך אַנדערע האָבן מיך מיט די פיס אָפּגעשטופּט און זיך דעם וועג באַפרייט; — —

און וויל — האָב איך גאָט'ס שופר אין האַנט; בלאָז איך, קומען נייע, נאָך נישט באַשאַפענע גבורים פאַר נאָך נישט־אויסגעטראַכטע וועלטן, שטאַרקע, פלאַמענדיגע, שטראַלנדיג באַוואָפנטע, און זיי קניען פאַר מיר און בויגן פאַן און געוועהר פאַר מיר איך זאָל זיי בענטשן...

זע! עס וועקט זיך די אַלטע האַרפע, דער וואַנדער־שטאָק ציטערט אין מיין האַנט אויפבליען וויל ער... א ניי לעבן וועקט זיך אין מיר; דריי נישט אַוועק דיין געבענטשטע קאָפּ פון מיר, איבער־ענטפער מיך נישט צוריק דעם טויט און זיינע שרעקן...

— וואַנדערער, איך פאַרשטיי דיך נישט!

פרעמד קלינגט מיר אין אויער דיין שטימע; איך פאַרשטיי דיין שפּראַך נישט!

פון די הויכע, ווייטע, אין נעפּל־איינגעהילטע בערג, קומסטו, וואַנדערער; פון די בערג, וואו עס ליאַרמט דער אייביגער קריג

צווישן שטורעמס און אָדלערס, קומסטו; ביזט אפשר איינער פון זיי, פון די ברייט און שטאַרק געפליגלטע; איך בין די שטילע שוואַלב פון טאָל — און פאַרשטיי דיך נישט...

דיינע ווערטער הער איך, און פאַרשטיי זיי נישט...

עס צאַפּלט אין זיי א הייס־פאַרבלוטיגט האַרץ — א פאַרבענקטע נשמה צעגיסט זיך אין זיי — ווי רויטע בלוטיגע פלאַמען שוועבען זיי פאַר מיר אין דער לופט, זיי שרעקן מיך, נאָר איך פאַרשטיי נישט דיינע לייד...

מיר זיינען זיך אַזוי פרעמד,...

דו ביזט דער אָדלער פון די הויכע בערג; איך — די שטילע שוואַלב פון נידעריגן טאָל — וואָס האָסטו צו מיר?

און זי הויבט זיך אויף און גייט...

אוועקגעגאַנגען איז דאָס ריינע, שטראַלנדיגע קינד פון טאָל — —

מיר צופוסנס האָט זי געלאָזט דאָס בליצנדיגע דיאַדעם, מיט וועלכן איך האָב איר געבענטשטן קאָפּ געקרוינט, און דעם אויסגעשטערנטן מאַנטל, מיט וועלכן איך האָב איר שלאַנקן לייב באַדעקט...

אוועקגעפלויגן איז די ליכטיגע שוואַלב פון טאָל...

זיי באַגריסט!

זיי באַגריסט, דו צריקגעקומענע שטאָלצע, הייליגע און זילבערנעם, שטיל־פאַרכשופ׳טן אָוונט־גלאַנץ...

זיי געבענטשט!...

און געבענטשט זאָל זיין דיין אומפאַרהאָפּטע דערשיינען אין דער זילבער־פליסנדיגער געטלעכער גנאָד!

אין דער שטיל־פאַר׳חלום׳טער, פאַר׳כשופ׳טער אַקאַציען־אַלייע...

שטיל ציטערן די שנייעלעך־בליטן אויף די געבענטשטע אַקאַ־

ציען־קעפּ; און אויפסניי הויבט אָן צו בליען מיין הארץ, וואָס האָט שוין געזאָלט פארגיין...

און נאָכאמאָל איז אויפגעגאנגען א ליכט אין מיר; אין מיין פאר׳יתומ׳ט, פארשאָטנטער נשמה... און אנטפּלעקט איז מיר גע־וואָרן דער סוד פון הייליג שטילן אָוונט...

מיט מיר צוזאמען האָט מיט באנגער ליבשאפט די בלויע טיפע הויך אויף דיר געוואַרט...

מיט מיר צוזאמען האָט די פרום־זילבער־פליסנדיגע לבנה און די קינדיש־ריינע, גאָלד־שפּינענדיגע שטערנדלעך צו דיר גע־בענקט...

און דיר וועבן זיי עס פון די צאַרטסטע גאָלד־ און זילבער־פעדים דעם חלום פון גאָט־געבענטשטן אָוונט...

זע, אין זילבער־פלוס פארזונקען, אָטעמט צו דיר איר שמעקנ־דיגע נשמה אוים דער פאר׳כשופ׳טער אקאציע...

דער זיסער אָטעם פון ליכט־באַגאָסענעם טאָל הויבט זיך צו דיר אויף די שטילע אָוונט־פליגל אויף, און קושט פארליבט פון דיין מאַנטל דעם זוים...

און הויבט זיך העכער, און רייסט די שנייעלעך־בליטן פון די פאר׳חלומ׳טע אקאציען־קעפּ און שטרייט פאר דיינע טריט...

און ווייסטו, וואָס דער זיסער פויגל זינגט?
ער זינגט פון זיסן בליטן־טויט אונטער דיינע פיס...

פארציטערט טשעפּעט זיך דאָס פון דער בלויער הויך אויסגע־פלאָסענע ליכט צו דיין געבענטשטן קאָפּ... באַגליקט ציטערן די גלאַנצן אויף דיין עבען־קרוין, נאָר די, וואָס טרעפן זיך מיט דיין אויג. פראַלן צוריק פארשעמט און דערשראָקן פאר׳ן שעפער־ליכט, פאר׳ן ליכט פון די וואונדערלעכע ערשטע זיבן טעג, וואָס שטראַלט ארוים פון זיי...

דו ביזט געקומען, און זע — מיט פרישע מאַנדלען האָט אויפ־געבליט מיין וואנדער־שטאָק און וואונדער־בלומען שפּראָצן מיר אין הארץ...

פון ניי־געבוירענע וואונדער־שטראַלן האָבן זיי אויסגעשפּינט

סטרונעס אויף דער גינגאָלדענער האַרפע, פון זיי וועט זיך אָפּרייסן דאָס הייליגע ליד פון אויף־ערשטיין!

דו ביזט שוין נישט די שוואַלב פון טאָל...

אין דער שטילער נאַכט זענען וואונדער געשען...

צוריק בליצט דאָס דיאַדעם אויף דיין געבענטשטן קאָפּ, און דער אויסגעשטערנטער מאַנטל שטראַלט אויף דיין שלאַנקן לייב — —

קום, ליבע, ריינע, שטאָלצע, הייליג־שטראַלנדיגע! אין דער וואונדער־נאַכט וועלן מיר וואַנדערן און ביים שעפער־ליכט פון דיינע גרויסע, גרויסע אויגן אויפזוכן סצעפּטער און קרוין —

אין דער שטיל־געבענטשטער, מיט גאָט'ס גנאָד באַפּלאָסענער נאַכט מוזן וואונדער געשען...

— מאַן פון די הויכע בערג, עס וועלן קיין וואונדער געשען...

בענקשאַפט האָסטו פאַרזייט אין שטילן שוואַלבן־האַרץ; דאָס באַנגע האַרץ האָט מיך צו דיר געטריבן; איצט שרעק איך מיך פאַר דיר, לאָז מיך גיין!

— אָך, שרעק זיך נישט, קינד!

וויל נאָר, און דיין ווילן וועט געשען! געהויכט וועסטו ווערן! פון דער נידער, מיט אירע טרויעריגע שאָטן, צו די הויכע, זיך אין ליכט באָדנדיגע בערג...

— מיך שרעקט די הויך; מיר האָבן, גייענדיג, א שטיק נאַכט פאַרברענגט, און מיך זיינע מיינע פיס...

— זאָרג נישט, קינד, פאַר די מידע פיס... און שרעק דיך נישט פאַר דער הויך!

אין דער שטילער, פון גאָט־געבענטשטער נאַכט זיינען שוין מאַנכע וואונדער געשען... זע, ביי דיינע רייד, אין שטראַל פון דיינע גרויסע, גרויסע אויגן, זיינען מיר ווייטע, ברייטע און שטאַר־קע פליגל אויסגעשפּראָצט; אויף זיי וועל איך דיך טראָגן צו די ווייטע, הויכע און ווייסע בערג...

— א בענקשאַפט, ליבער, האָסטו אין מיין שטילן האַרץ פאַר־זייט, און זי האָט געוואַקסן... און האָט מיך געטריבן צו דיר. אין מאַנכע שטילע נעכט האָב איך וואונדערלעכע חלומות געהאַט...

עס האָט זיך מיר דיין היים גע'חלומ'ט, די ווייטע, הויכע בערג, און איך האָב נעבענקט צום אָפּגלאַנץ אויף זייער אייביגן שניי און צום עדעל־ווייס, וואָס בויגט זיך איבער'ן שווינדלדיגן אָפּ־גרונט...

און איצט שרעק איך מיך!

— שרעק דיך נישט קינד! דו ביזט מיט מיר! אין מיר וואַקסט די נייַ־געבוירענע, פון ליכט פון דיינע אויגן אויסגעשפּינטע קראַפט...

קום מיט מיר צו די ווייסע בערג!

נאָר נישט קיין עדעל־ווייס וועלן מיר זוכן; און נישט קיין שניי בליצט אויף זייערע שטילע רוקנס...

דאָס בליצן ווייסע תכריכים...

עס האָבן דאָרט מענטשן געלעבט, א שלעכט לעבן געפירט און דאָס גלויבן אין לעבן פארלוירן, זיי האָבן געגלויבט נאָר אין טויט, אין ווייסן טויט, וואָס רייניגט אַלע זינד...

און זיי האָבן זיך לעבעדיגערהייט תכריכים גענייט, לעבעדי־גערהייט זיך אין תכריכים באַקליידט, אויף די שטילע בערג־רוקנס זיך געלעגט און די אויגן פאַרשלאָסן צום שטאַרבן...

און גאָט האָט אויף זיי פאַר רחמנות א שטילן שלאָף געשיקט...

און זיי שלאָפן... ביז דער שופר אין משיח'ס האַנט וועט זיי וועקן, —האָט גאָט געזאָגט—זאָלן זיי שלאָפן!

קום, קינד, מיר וועלן די טויטע וועקן...

זע, גאָט'ס שופר האָב איך אין דער האַנט; בלאָז איך, דער־וואַכן די טויטע!

קום! ריינער שטערן־געזאַנג איז דיין שטימע; מיט וואונדער־שטראַלן איז אויפגעצויגן די גאָלדענע האַרפע — —

קום! מיר וועלן זיי זינגען און שפּילן דאָס הייליגע ליד; דאָס ליד פון אויף־ערשטיין!

אין דער שטילער, מיט גאָט'ס גענאָד באַפלאָסענער נאַכט מוזן וואונדער געשען!

— ליבער, ליבער מאַן, עס וועלן קיין וואונדער געשען!

נישט דאָס, וואָס דו מיינסט, בין איך — מיך שרעקט די שווינ־דעלדינע הויך; מיך שרעקן דיינע וואונדער...

די בענקשאַפט, וואָס דו האָסט פאַרזייט אין מיין האַרץ, האָט אויסגעשפּראָצט און זי האָט מיך געטריבן צו דיר; פון דער זיסער, שטילער היים געיאָגט צום מאַן פון די הויכע בערג; דאָך ג י י ן מיט דיר קען איך נישט!

שוואַך איז מיין ברוסט, ליבער, מיט וואָס וועל איך אָטעמען אויף די הויכע בערג?

פון בוימער גאָל זיינען זיי, די הויכע בערג, וואו וועט רוען, אויף וואָס וועט נעסטן די שוואַכע שוואַלב — די שוואַך־געפליגל־טע שוואַלב פון טאָל?

און רעד מיר פון אויף־ערשטיין נישט — ווייסע תכריכים־פלעקן בלענדן מיר די אויגן; זיי שווימען פאַר מיר אַרום אין דער לופט און שרעקן מיך!

שוואַך איז דאָס קינד פון טאָל; אויף בערגער גיין קען זי נישט, די שוואַכע...

און טראָג מיך נישט אַרויף, נעם מיך נישט אויף דיינע פליגל; עס שווינדלט אין דער הויך; איך וועל מיך אַראָפּגליטשן פון זיי; איך וועל פאַלן, ערגעץ אין אַן אָפּגרונט אַריין פאַלן; און דו, אין שלאַכט מיט ווינט און שטורם, וועסט עס נישט מערקן; וועסט גאָר נישט וויסן, ווען און וואו דו האָסט מיך פאַרלוירן!

הער, מאַן פון די הויכע בערג, די רייד פון קינד פון טאָל!
ליב ביזטו מיר, מאַן פון די הויכע בערג, נאָר גיין מיט דיר קען איך נישט...

מיט טויזנטער פעדים בין איך צוגעבונדן צום טאָל, צו מיין שטילער היים; רייס זיי נישט איבער; עס וועט מיר ווי טאָן דאָס האַרץ!

די קליינע שטערנדלעך, די זילבער־שטראַלנדינע, פינקלדיגע שטערנדלעך, וואָס שווימען איבער מיין היים, מיין שטילער היים, זיי האָבן מיין נשמה אויסגעשפּינט; רוף מיך נישט אַוועק פון

זיי, אויסגעלאָשן וועט זי ווערן אונטער פרעמדע הימלען, אויסגיין וועט זי ווי א ליכט...

און מיין שטימע, וואָס וועקט די בלומען אין דיין הארץ, איז נאָר דער אָפּקלאַנג פון די קליינע, שטיל־רוישנדיגע וואסערלעך אין טאָל... און דער גאָלדענער שטראַל, וואָס בליצט אמאָל פון מיין אויג ארויס, איז דער אָפּגלאַנץ פון גאָלדיגן זאמד פון דער נידער...

נישט דיין פרייד איז מיינע; נישט דיין לייד איז מיין.

אין פונקען פון גליווערם צעשפּריצט זיך מיין פרייד; און מיין שטילע טרויער קומט פון די שיטערע, פארהונגערטע זאנגען, וואָס קלאָגן זיך אין שטילן געררויש אויפ׳ן אָרימען, זאמדיגן פעלד!

מיט טויזנטער שטראַלנדיגע פעדים בין איך צוגעבונדן צום טאָל; איך האָב די נידער ל י ב...

איך האָב ליב דאָס גאָלדיג־פינקלדיגע זאמד און די קליינע פארקריפּלטע ביימעלעך, וואָס היטן דאָס גאָלד!

איך האָב ליב די נידער אין גרינעם מאנטל אין געלע שוואָם־פלעקן געהילט; און די שטילע ברידערלעך, די שטיל־שמעקנדיגע, הימל־בלויע ברידערלעך, וואָס שמייכלען מיר ארויס פון שטיל־רוי־שענדיגן גראָז...

און בענק איך אמאָל, לעג איך מיך אויף דער גרענעץ צווישן פעלד און וואלד, אויף דער ווייכער שוים פון טאָל, באהאלט דאָס פּנים אין לילאָ, רייך אויפגעבליטן הײדע־קרויט, זאפּ איין דעם שטילן, פייכטן אָטעם פון דער אויפגעבליטער ערד, און זים־רואיג ווערט מיין שוואַלבן הארץ; און קומט אמאָל א פרעמדער חלום— א רעטעניש, א בענקעניש — לאָך איך מיך נישט אוים — גיי איך אין וואלד צו דער היימישער כשוף־מאכערין, און זי גיט מיר באַ־שייד: קוקו, קוקו, קוקו...

ליב ביזטו מיר, פרעמדער מאן פון די בערג, א בענקשאפט טרייבט מיך צו דיר, נאָר ביי דיר בלייבן, מיט דיר גיין — קען איך נישט!

אונזערע וועגן לויפן נישט צוזאמען... דו ביזט דער אָדלער פון די בערג, איך נאָר די שוואַלב פון טאָל...

מיט טויזנטער פעדים בין איך צוגעבונדן צו מיין שטילער היים; נישט איבערצורייסן...

לאָז מיך רוען דאָ... איך בין מיד פון לאַנגן גאַנג, פון קרוין און סצעפטער זוכן — זעץ דיך לעבן מיר...

האָסט א גאָלדענע האַרפע, זינג א צויבער־ליד דער שוואַכער שוואַלב פון טאָל, דעם שוואַכן גלות־קינד...

נאָר זינג מיר נישט פון הויכע בערג, זינג מיר נישט פון אויפ־ערשטיין—נאָר פון מיין זיסער, שטילער היים...

זינג מיר א ליד, א גאָלדן ליד, פון גאָלד־שטראַלנדיגן זאַמד, פון קליינע, שטיל־רוישנדיגע בוימלעך געהיט...

זינג מיר פון די שטיל־שמעקנדיגע ברידערלעך, וואָס קוקן אַרויס אזוי ליב צו מיר, מיט די הימל־בלויע אויגעלעך, פון זייער באהעלטעניש ארויס אין שטילן גרינעם גראָז...

זינג מיר פון דער גרויער, ליבער שוואַלב אין טאָל, וואָס שוועבט אויף שוואַכע, נאָר ליבלעך־רוישנדיגע פליגעלעך, און נעסט אין אַלע חורבות־לעכער, וואָס זי באהאַלט זיך פאַר שטורם און ווינט!

זינג מיר פון מזל'דיגן שטאָרך, וואָס שפּרייזט אויף דער נאַ־סער לאָנקע, הינטער'ן שטילן דאָרף, אויף די לאַנגע פיס און וואַוינט אויפ'ן נידעריגן דאַך פון קליינעם פּוערים־הויז...

פון פּאַרלאָזטע, ווילד־פאַרוואַקסענע פּאַרקן זינג; פון חורבות, פון אַלטע פּאַלאַצן, וואו פאַר'כשופ'טע זיינערס וועקן זיך און קלינ־גען האַלבער נאַכט...

אָדער פון פאַר'כשופ'טע בת מלכה'ס זינג, וואָס ווערן אויס־געלייזט און אויפגעוועקט מיט א ליב־האַרציגן קוש.

און שלאָף איך, ליבער, איין, זיי מיר גוט...

נעם מיר דיין געשאַנק — דעם שטראַלנדיגן דיאַדעם פון קאָפּ

נישט אראפ; אייביג טרויערן וועל איך נאָכ'ן דיאדעם...
און צי מיר דעם אויסגעשטראַלטן מאנטל נישט אראפ; פאַר־צייי דעם שוואכן גלות קינד—דער שוואלב פון טאָל...

געשלאָסן זיינען די געבענטשטע אויגן — פאַרשוואונדן איז דער כשוף פון דער שטילער נאַכט... צוריק פאַרלאָשן איז מיין נשמה; פאַרציטערט הילט זי זיך צוריק אין אירע שאָטן איין, און די ניי־אויפגעשפּראָצע בלומען אין הארץ וועלקן אָפּ און שטאַרבן...
צערונען איז דער זילבער־פליסנדיגער כשוף פון דער נאַכט־געבענטשטער נאַכט; די קראפט, זי אויף הויכע בערג צו טראָגן, האָט מיר גאָט פאַרזאָגט!
ער האָט זיך אויף מיר נישט דערבאַרעמט; נישט פאַרגעבן מיינע זינד...
שטוב, אָן סטרונעס, ליגט די הארפע; דאַר און אָפּגעשיילט דער וואַנדער־שטאָק...
שלאָף זיס, ליכט־שטראַלנדיג קינד פון טאָל; זיסע, שטילע חלומות אויף דיין קעפּעלע, און פאַרציי!
פאַרציי דעם וואַנדערער, וואָס האָט דיך אויפ'ן וועג געטראָפן און בענקשאַפט אין דיין שטילן הארץ פאַרזייט...

עס בלייכט זיך די נאַכט, עס לעשט זיך א שטערן נאָך א שטערן — —
שטיל ציטערט די נאַכט — —
נאָט האָט איר אומפּרוכטבאַרע שויס געבענטשט; זי האָט א גאָלדענעם שטראַל געבוירן; עס רויטלט זיך דער מזרח־זוים...
אויף די פרישע פרימאָרגן פליגל שווימט א הימליש־זיסער האַרפן־קלאַנג; א בשורה פאַר דער וועלט: געבוירן ווערט דער טאָג...
אויפפלאַמען, אויפפלאַקערן וועט דער נייער טאָג, און וועט

אויסלייזן די וועלט, די פארמאטערטע וועלט—נאר—נישט מיך!
אויף מיר וועט זיך גאט נישט דערבארעמען, נישט פארגעבן
מיינע זינד, און נישט אויסלייזן פון טויט און זיינע שרעקן!
נעם, וואנדערער, דעם וואנדער־שטאק און גיי...
מיט א נייער וואונד אין הארץ, מיט א נייעם וויי...
עס זיינען קיין וואונדער געשען...

דער זיווג

אָדער
שרה בת טובים.

און די מעשה, וואָס איך וועל איצט דערציילן, איז אַן אויס־טערליש־וואונדערלעכע מעשה, און — אַן אמת גמור. זי איז אין קיין ספר נישט געדרוקט, אין קיין קהל'שן פּנקס נישט פאַרשריבן; איך האָב זי בקבלה איש מפּי איש און שטאַמט פון אַ גרויס אָרט...

און געשעען איז די מעשה פאַרצייטנס, ווען עס זיינען נאָך אַזוי פיל שטעט און דערפער נישט געווען; אַ וועלט מיט „וואַלד־אויס, וואַלד־איין", און געטראָפן האָט זיך עס אין מעהרען דער מדינה, אַ אידישע קהלה איז זעלטן, משפּחות־וויז אין דער דערפער פאַר־זייט, אין וועלדער צעשפּרייט, אָן תורה, אָן תפילה בציבור, אויסער ימים נוראים, ווען מען ציט מיט קינד און קייט אין די ווייטע שטעט אַריין.

זיצט זיך דעמאָלט אַ איד אַ שווייגער ביי'ן אַ גראַף אין אַ דאָרף; פּרנסה רינט איבער'ן מויל.. 500 קי מעלקט ער דעם גראַפ'ס; זיינע אייגענע אויך אַ ביסל. האָט ער אַ פולן קעלער מיט פּוטער און קעז, אַ בוידעם מיט תבואות, פלאַקס און פעלעכ־לעך, און דער טייסטער אין בוזעם וואַקסט אין דער דיק, און דאָס קניפּל ביי דער שווייגערין באַזונדער, און אַ זון וואַקסט אַ געזונ־טער, אַ וואוילער, ווי אַ יונגער בוים אין וואַלד.

און פונדעסטוועגן, איינמאָל אין אַ ווינטער־נאַכט, זיצט דער שווייגער ביי'ן אַ וועקסן־ליכט ביים טיש איבער די חשבונות, מיט דער שפּיץ ווייסלעכער באָרד צווישן די ציין, דער שטערן געררונצלט,

ווי פון שווערער זאָרג, און קוקט מיט פאַרנעפּלטע אויגן אין פענצ־טער אריין...

— דו זינדיגסט, מיין מאַן! — וועקט אים פון די געדאַנקען דער שווייגערינ׳ס קול. פון דער צווייטער שטוב איז זי אריינגע־קומען, צום שלאָפנדיגן זון געקוקט, און איר פּנים שטראַלט.

„הערסט, איבערגעבויגן האָב איך זיך איבער אים... די בעקע־לעך רויטלען זיך, ווי א פרישער פרימאַרגן און דער אָטעם איז רואיג און שטיל, און שמעקט נאָך פרישע עפּל...״

— דאָס איז טאַקע מיין זאָרג, — ענטפערט דער שווייגער, — מען וואוינט אין א דאָרף, ווייט פון א אידישער קהלה, און יאָרן ציען, יאָרן פליען, וואו נעמט מען א שידוך פאַר אונזער זון, ווי אזוי וועט מען אים פאַר׳קנס׳ן?

— גאָט וועט העלפן, — טרייסט די שווייגערין, — ער האָט ביז אהער אונז נישט פאַרלאָזט...

— אָט דאָס איז עס טאַקע, — מאַכט דער שווייגער, — גאָט׳ס הילף דאַרף מען, און אין וועלכן זכות? קיין יודע ספר בין איך נישט, לערנען לערן איך נישט, צווישן אידן וואוינט מען נישט, נאָר איין מצוה קאָנען מיר מקיים זיין—הכנסת־אורחים הייסט די מצוה—און זע!—ער ווייזט איר מיט׳ן בליק צום פענצטער־צו— איז אָנגעפאַלן א שניי פון הימל, א גרויסער שניי, האָט ער די שטעגן פאַריאָגט, די וועגן פאַרשאָטן, און טעג און אפשר וואָכן, וועט קיין אורח איבער דער שוועל נישט קומען...

הויבט ער זיך אויף, און גייט ארויס, זען, וואָס אין דרויסן טוט זיך. זי נעמט זיך די בעטן צורעכט צו מאַכן, זוימט ער זיך אָבער צו לאַנג, ווערט איר אומעטיג, לאָזט זי אָפּ דאָס בעטגעוואַנט, גייט צום פענצטער צו און פּויקט מיט די דיקלעכע פינגער אין דער שויב צום מאַן ארויס.

איז אָבער די שויב געפרוירן, קלינגט זי העל נישט אָפּ; כאַפּט זי די שאַל אויף זיך, און גייט נאָך דעם מאַן פאַר דער טיר. זעט זי, אז דער מאַן, וואָס הערט נישט אירע טריט און קערט זיך נישט אום, שטייט פאַרקוקט אויפ׳ן וועג פון וואַלד ארויס. קוקט זי אים, פאַרוואונדערט, נאָך. זעען זיי ביידע צוזאַמען, ווי איבער׳ן פאַר־

שיטן וועג פון וואַלד גייט אַ געשטאַלט אַ ווייבערישע, אין אַ הויב אַ הויכע, אין אַ טערקישער שאַל. און די שאַל איז איבער די אַקסל נאָר פאַר שיינקייט וועגן פאַרוואָרפן, גלייך אַ לינדע זומער־נאַכט; נישט איינגעוויקלט איז זי אין דער שאַל, פריי פליען רעכטס און לינקס די עקן פון איר, גלייך זיי וואָלטן אירע פליגל געווען... און נישט זי גייט אין שניי, זי שווימט איבער'ן שניי, קיין פוס פאַלט נישט איין, לאָזט קיין צייכן איבער.

קוקן זיי אַזוי ביידע פאַרגאַפט, ביז די געשטאַלט קומט צו צו זיי און פרעגט, צי קען זי נישט רוען אַ שעה ביי זיי אין שטוב...

קומט דאָס פּאָר־פאָלק אַ ביסל צו זיך, קוקן זיך איבער, פירן מיט גרויס פרייד דעם ווייבערישן וואונדערלעכן גאַסט אין שטוב אַריין, גאָט האָט זיי אַ גאַסט באַשערט! און ווילן וועקן דעם משרת, הייסן מאַכן וואַרעמס אַ גלעזל; און די שוויגערין לויפט־צו צו דער שאַנק און עפנט זי ברייט און וויל אַרויסנעמען פון שענסטן און בעסטן עסן און טרינקען, און איינגעמאַכטס, און זיסן בראָנפן אַ ביסל. דער אויסטערלישער גאַסט זאָגט אָבער: ניין! זי וועט גאָרנישט פאַרזוכן, גאָרנישט טועם זיין, אַז זי דאַרף נישט, נאָר אָפּרוען וויל זי זיך אַ ביסל, זי גייט אין אַ נויטיג שליחות... נים זיך די שוויגערין אונטער, צינדט אָן נאָך אַ וועקסן ליכט, פירט דעם גאַסט אין אַ באַזונדער חדר אַריין; ווייזט אָן אויף אַ גרויס בעט, אויף בעטגעוואַנט ווי שניי, קישנס פּוכענע, אַ לייכט וואַרעם איבערבעט... און ווילט איר נישט עסן, נישט טרינקען, שלאָפט אייך געזונטערהייט.

שלאָפן אָבער, זאָגט די געשטאַלט, וועט זי נישט, נאָר אָפּרוען אַ ביסל, ווייל זי האָט נאָך אַ ווייט שליחות. און אַז די שוויגערין וויל זי איבערלאָזן אין שטוב, האַלט זי זי איין און פרעגט, וויפיל עס קומט פאַר'ן חדר, וואָרום אַוועקגיין וועט זי שטיל, און וויל קיינעם נישט וועקן, וויל זי איבערלאָזן געלט.

שפּרינגט די שוויגערין אָפּ טיף געקרענקט: קיין געלט נעמט זי נישט, אויף קיין פאַל נישט... דאָס איז דאָך די איינציגע מצוה, וואָס זיי קאָנען מקיים זיין אין דאָרף; אין דעם זכות נאָר העלפט

זיי דאָך גאָט, און וועט—ניט זי מיט גרויס בטחון צו — ווייטער העלפן!

צעשמייכלט זיך די געשטאַלט און פרעגט:

— פעלט אייך עפּעס דען? האָט איר נאָך א בקשה צו גאָט?

— חס ושלום!... מ׳זע׳מיר, ברוך השם, איך און מיין מאַן געזונט, און אונזער זון, זאָל לעבן, אודאי... און פרנסה, ברוך השם, איבער׳ן מויל... נאָר וועגן א זווג גייט...

און זי דערציילט וועגן איר זון, וואָס ווערט 17 יאָר אַלט... און מען וואוינט אין א דאָרף, צו׳ן א קהלה איז ווייט...

— און וואָס טוט איר דערצו?

— מען האָפט צו גאָט, מען בעט זיין ליבן נאָמען... דער מאַן אויף זיין לשון, זי אויף איר לשון... אַלע געבעטן בעט זי אויס, אַלע תחנות קאָן זי אויסווענינג כמעט, שרה בת טובים׳ס אַלע זיסע, הארציגע תחנות... נאָר איינע, דער עיקר, האָט זי שוין מיט טרערן דורכגענעצט, די זווג-תחנה...

— גאָט וועט העלפן, שמייכלט די געשטאַלט... איך בין זי־בער, שמייכלט זי... א סימן האָט איר, קיין געלט פאַר׳ן חדר ווילט איר נישט, גיב איך אייך א מתנה פאַר אייער זונ׳ס כלה וועגן...

אזוי זאָגט זי עס, און נעמט דערביי פון אונטער דער טערקי־שער שאַל די מתנה אַפער: א פּאָר גאָלדענע פּאַנטאָפעלעך מיט פּערעלעך באַנייט... בליצט עס אין דער שוויינערינ׳ס אויגן, שטופּט איר די געשטאַלט די פּאַנטאָפעלעך אין דער האַנט אריין און זאָגט:

— „א מתנה פון שרה בת טובים", און פאַרשווינדט...

און אז דער שוויגער האָט זיך נישט געקאָנט אויפ׳ן ווייב דער־וואַרטן, האָט ער אָנגעקלאַפּט אין טיר און נישט באַקומענדיג קיין ענטפער, דערשראָקן די טיר געעפנט, זעט ער, דאָס ווייב שטייט אַליין אין מיטן שטוב מיט אָן אָפן מויל, אויסגעגלאָצטע אויגן און גאָלדענע פּאַנטאָפעלעך אין דער האַנט.

.2

אין דערזעלבער צייט, אין דערזעלבער מדינה מעהרען, נאָר

מיילן, מיילן ווייט פון שווייגער, און נישט ווייסנדיג פון שווייגער, האָט אין א טיפן וואַלד א איד געוואוינט, א קוילן־ברענער. האָט א שטיבל אין וואַלד און אן אויוון געדונגען, אויך ביי׳ן א גראָף. נאָר דער איד איז אן אָרימער געווען און א שווערע פּרנסה געהאַט: זאַמלען דאָס אָפּגעפאַלענע פון בוימער, זומער — אָפּגעדאַרטע צווייגן, ווינטער—קאָרע געפּלאַצטע פון פראָסט און נאָך יעדן געוויטער—דאָס אָפּגעהאַקטע פון דונער און אָפּגעריסענע פון ווינט, און טראָגן צום אויוון און אויף קוילן פאַרברענען — קומט ער פאַרנאַכט אַהיים א מידער, א שוואַרצער... האָט אים אָבער זיין ליבער נאָמען א זים טעכטערל באַשערט (דער איד איז אן אַלמן געווען), קומט זי אים אנטקעגן מיט פריידן, און העלפט אים וואַשן און איבערטאָן און גיט אים צו עסן און צו טרינקען און מאַכט אים פיין דאָס געלעגער צורעכט...

אוו קאָן ער נישט איינשלאָפן, — און, זייט ער איז אן אַלמן געוואָרן, טרעפט זיך עס אים גאַנץ אָפט — צינדט זי א קינדל אָן, אָדער, ווען קלאָרע נעכט, שטעלט זי זיך נעגן דער לבנה צום פענצטערל, און לייענט הויך אירע „הייליגע" ספרים אויף „עברי־טייטש", די מוטער האָט זי אויסגעלערנט, די ספרים בירושה גע־לאָזט: צאינה וראינה, קב־הישר, תחנות פון שרה בת טובים... לייענט זי אים הויך... ער, א פּראָסטער איד, הערט זיך איין, ביז די אויגן קלעפּן זיך אים צו, דאַכט זיך אים, אז י ע נ ע לייענט, די מוטער לייענט, און ער שלאָפט רואיג איין, איינגעוויגט פון זיסן קול און די ווערטער די הייליגע...

קומט איר אַמאָל א זייער האַרץ־ווייכיגע תחנה אין דער האַנט אריין, א תחנה, וואָס א מאַמע זאָגט, ווען זי בעט זיין ליבן נאָמען ווענן א זווג פאַר א קינד...

„און זע, ליבער, האַרציגער גאָט, פאַר מיין ליבער, האַרציגער טאָכטער ווענן א זווג, א זווג א כשר׳ן"... הויבט דאָס מיידל אָן צו פאַרשטיין, ווענן וואָס עס גייט, האַקט זי אָפּ און וויל אן אַנדער תחנה נעמען, בעט זיך דער פאָטער:

— ניין, טאָכטער לעבן, ניין... ווייטער לייען... גיב מיר די הייליגע ווערטער אין מויל אריין, לאָ׳מיך בעטן ביי גאָט פאַר דיר...

א האַרץ האָב איך, טאַכטערשי, א פּולס, נאַר, א איד א פּראָסטער, קיין ווערטער האָב איך נישט...

מוז זי פאָלגן און לייענט ווייטער און ווייטער, ווי שמעקנדיגער בוימאייל גיסט זיך די תחנה, לאַנג איינגעשלאָפן איז שוין דער פאָטער — זי מערקט עס נישט, ער שנאָרכט — זי הערט נישט און לייענט... און פּלוצלונג וועקט זיך אויף א נישט פארשטאַנען בענקעניש אין דעם מיידל׳ס האַרץ, די יתומה׳שע נשמה האָט זיך צו עפּעס פארבענקט... עס קלאַפּט דאָס הערצל־קליין, פייכט און נעפּעלדיג ווערן די אויגעלעך פארדעקט, די ריין־קינדעריש בלאָע, און דאָס קול׳כל ציטערט און ציטערט און ווערט פון באהאַלטענע טרערען פייכט...

און אין מיטן — עפנט זיך די טיר און אין איר באַווייזט זיך א וואונדערלעכע געשטאַלט... אין א הויב א הויכער און א טערקישער שאַל, די אויגן לייכטן אַזוי לייטזעליג זיס, אַז דאָס איינגעשרומפּענע פּנים׳ל שטראַלט.

— טאַטע! — וויל זי דעם פאָטער וועקן. לעגט אָבער די אַלטע א פינגער איבער די ליפּן, ווערט דאָס מיידל שטיל, בלייבט זי, ווי אין א פאַר׳כשופ׳טן חלום שטיין. און די אַלטע גייט־צו צום טיש און זעצט זיך, און שטרעקט אויס די האַנט און ציט דאָס מיידל זיך צום האַרצן צו...

— שרעק דיך נישט מיידעלע, — זאָגט זי — שרה בת טובים בין איך... מיינע תחנות האָסטו געלייענט... און עס איז א שטילע נאַכט, האָב איך אין מיין שטילער רו דיין זיס קול געהערט, בין איך געקומען צו דיר און האָב דיר א מתנה געבראַכט...

און נעמט פון אונטער דער טערקישער שאַל די מתנה אַפּער:

— זע, ליב קינד... אָט, סאַמעט געשווירענער א שטיק... אויף א בייטעלע צוגעשניטן... און פעל, אַלערליי קאָלירן זיידענע פּול, צום אויסנייען, דאָס בייטעלע... און פּעדים נאָך דערצו זילבערנע, און גאָלדענע אויך א ביסל, און פליטערלעך דערצו, אויך זילבער און גאָלד... און אַזוי זעסטו נייט מען, טעכטערל, און אַזוי ווערט געשטיקט... האַלט די נאָדל פעסט, לויף מיט די פינגערלעך געשיקט... זעסט א מגן־דוד׳ל גייט, און אָט בליען בלימעלעך

ארויס... פרישע, ווי אין וואלד אין זומער־צייט... א תפילין־בײ־טעלע נײ, א מתנה מאך, פאר דיין באשערטן א מתנה, ווי דיין ליבע מאמע האט דיין ליבן טאטן געשענקט...

און די אלטע לערנט, און דאס מיידעלע שטיקט און העפט...

און אז דער פרימארגן בליט, כאפט זיך דער פאטער אויף, די טאכטער זיצט אליין אין שטוב מיט א תפילין־בײטעלע אין די הענט, סאמעט, זילבער און גאלד...

3.

און אז דעם שווייגער'ס זון איז אלט געווארן 17 יאר, האט מען אים ארויסגעזעצט אויף א וועגעלע און געשיקט אין דער וועלט אריין זיך א כלה זוכן צו שרה־בת־טובים־פאנטאפעלעך...

פארט ער וואלד־אויס, וואלד איין, איבער דערפער און שטעט, כלה־מיידלעך ווי זאמד און ערד — קיין איינער פאסן די פאנ־טאפעלעך ניט...

פארט ער א יאר, פארט צוויי, נישטא און נישטא, פארלירט ער די אמונה דערין, קערט ער אהיים; ער וועט טאטע־מאמע זא־גען: ס'איז א חלום געווען, אזוינע פיסעלעך קליינע זיינען נישט פאראן...

פארט ער אהיים און פארט, און פארט פון וועג אראפ, און פארבלאנדזשעט אין א וואלד, דעמבעס מיט דעמבעס, ריזן ביי ריזן שטייען, נישט אויס און נישט איין. בלייבט ער שטיין, פריי־טאג איז, די זון גייט אונטער און לאזט זיך, א פייערדיגע קויל, אלץ טיפער און טיפער אראפ, דער אוונט פאלט צו — שטעלט ער זיך „שיר־השירים" זאגן, און גייט שיר־השירים זאגנדיג, אין וואלד ארום, האלט זיך נאר פון וועגעלע נישט ווייט, און פון פערד, וואס פאשעט זיך... און שטיל רוישט, ביים אוונט־ווינטל, דער וואלד, גלייך ער וואלט אים „שיר־השירים" נאכגעזאגט... און שטיל ווערט און טונקעלער, און פלוצלונג פלאמט צווישן די ביימער א פענצטערל אויף, לויפט ער צו מיט פרייד און קלאפט אן:

— וואוינט דאָ א איד?

— א איד!

א איד קומט פון שטיבעלע אַרויס, באַווייזט זיך אויף דער שוועל!

— שלום עליכם, א איד!

— עליכם שלום, — ענטפערט דער יונגער מאַן, — קאָן מען האַלטן שבת ביי אייך?

— האַלטן יאָ, — ענטפערט מיט א טרויעריגן שמייכל דער איד — נאָר עסן האָב איך נישט וואָס...

— עסן האָב איך, — ענטפערט דער יונגערמאַן — און טרינקען אויך — קומט מיט מיר צום וועגעלע צו, פון אַלעם גוטן אָנגעגרייט.

אין א שעה אַרום נאָך קבלת שבת זיצן זיי שוין ביידע נאָך קדוש ביים טיש... און זינגען זמירות, און עסן... זעט דער יונגערמאַן, ווי פון יעדן מאכל נעמט דער אַלטער און איז קוים וואָס טועם א ביסל, און טראָגט באַלד די רעשט פאַר דער טיר אַרויס, מיינט ער, פאַר א קעלבל צי אן עוף... איז ער דאָך נישט אַזוי אָרים דער איד, פאַרוואָס האָט ער קיין שבת נישט געמאַכט... א יונגערמאַן, פרעגט ער אים.

זאָגט דער אַלטער: ניין, אַן אָרימער קוילן־ברענער בין איך... קיין קאַלב, קיין עופות פאַרמאָג איך נישט... נאָר א זיס טעכטערל האָב איך, באָרוועס גייט זי, נעבעך, שעמט זי זיך באָרוועסערהייט אין שטוב אַריינצוקומען... זיצט זי און עסט פאַר דער טיר...

נעמט דער יונגערמאַן מיט האָריץ־קלאַפּעניש די גאָלדענע פאַנטאָפּעלעך פון בוזעם אַרויס און גיט זיי דעם אַלטן איבער: גייט, מעסט זיי אייער טאָכטער אָן... צי זיי פּאַסן, זעט...

קומט דער אַלטער צוריק: זיי פּאַסן...

.4

און ביים רייכן שוויגער איז א חתונה געווען... ער האָט מיט׳ן

קוילן־ברענער א שידוך געטאָן, און די חופּה האָט מען אין שטאָט געשטעלט, און אַז מען איז פון דער חופּה געגאַנגען, האָט זיך פּלוצלונג א געשטאַלט באַוויזן, אין א הויב א הויכע, אין א טער־קישער שאַל, א פּנים אַן אַלטס, נאָר אויגן לײַטזעליגע און יונגע, און האָט געגן חתן־כּלה מיט א קוליטש געטאַנצט...

און נישט אַלע האָבן געוואוסט, ווער דאָס איז...

פדיון שבויים

שיינקייט, מיינט איר, האָט איר אויסגעטראַכט, די פריערדיגע דורות האָבן פון שיינקייט גאָר נישט געוואוסט? און איינרעדע־ניש! מען האָט פון אייביג אָן געוואוסט, אַז די וועלט איז אויך א וועלט, אָבער נישט יעדערער איז זוכה צו ביידע וועלטן, און א גרויסער נסיון איז עס; מען גייט אויף א גליטש...

אָט איז אַמאָל געווען איינער צמח, נאָך גאָר א יונגערמאַן. האָט ער באַקומען א גרויסע ירושה — האָט ער טאַקע געפירט א הויז, אויף אַלע אידן געזאָגט! א פּאַלאַץ אויפגעשטעלט, געמאָלטע דירות, פּריציש מעבל, מיט סאַמעט און זייד געבעט. דילן, ווי שפּיגלען רויטע, עס האָט געבלענדט! און קריסטאַלענע הענג־לייכטער, און קונציג־געבוירגענע העסעס אויף די ווענט, און מזוזות אויף די טירן אין זילבערנע, עכט־זילבערנע שיידלעך מיט גאָלד באַפּוצט... און א סוכה האָט ער זיך געשטעלט א געשניצטע, מען האָט געזאָגט: פון פּימסנהאָלץ. אַרום אויף די ווענט — יריעות געהאַפּטענע, און אויסגעהאַנגענע מיט אתרוגים, לולבים, גראַנאַ־טען... און אַלע יאָר, לכבוד יום־טוב, פרישע. א הויז — א גן־עדן. און א ווייב האָט ער געהאַט אַן אמת׳ע יפה־פיה, א יפת־תואר, פאַרטרעטן צו מאָלן... האָט מען אָבער אָן יענער וועלט אויך נישט פאַרגעסן: האָט די יפת־תואר געהאַט איר גרויסע שטוב באַזונדער, האָט זי די שפּיגל־שטוב געהייסן, גרויסע גע־שליפענע שפּיגלען אַרום אויף אַלע ווענט, און אין שטוב זיינען געשטאַנענע רעדלעך צום שפּינען, און רעמען צום שטיקן און העפ־טען; פאַרזאַמלט זי ביי זיך אין שטוב, א פּאָר שעה אין טאָג, אויסער שבתים און ימים־טובים, די יתומות פון שטעטל און לערנט זיי שפּינען פון וואָל און פלאַקס, העפטן און שטיקן מיט

זילבער און גאָלד. זי האָט דערצו א געבענטשטע האַנט געהאַט, א בריה נפלאה געווען, און דערביי א חכמה נפלאה און אן אמת'ע צנועה, פלעגט זי זיי ביים לערנען אויך מדריך זיין, גוטע רייד רעדן און קלוגע רייד, ווי אַזוי א אידישע טאָכטער דאַרף זיך אויפפירן, וכדומה. דאָס איז איר מצוה געווען. און דער מאַן צמח האָט זיין מצוה געהאַט: אין קרוין פוילן איז געווען א צייט פון תהו ובהו, אייז מלך האָט מען אַרויסגעטריבן, דעם צווייטן — נאָך נישט אויסגעקליבן, און בין מלכא למלכא איז „איש הישר בעיניו" —איז יעדער שלאַבאַן געווען א גרענעץ, יעדער „מאַיאָנטעק"—א באַזונדער מלוכה און יעדער פריץ א קייזער, וואָס האָט זיך זיין חיל און זיינע תפיסות געהאַט. פעלן דאָך, מן הסתם, קיין שלעכ־טע פריצים, ווילדעווען זיי — און אויסגעלאָזט האָט זיך ווי דער סדר עולם איז, צו זרע אברהם יצחק ויעקב... האָבן געליטן די ישובניקעס, די פאַכטער מיט אַרענדאַרן. פאַר א שלעכט וואָרט— שמיץ, פאַר נישט צאָלן א ראַטע צו דער צייט—תפיסה, אָנגעטאָן דיבעס און אַריינגעוואָרפן אין א נאַסער הייל מיט ווייב און קינד... האָט זיך דער צמח פאַרנומען מיט פדיון שבוים און פלעגט אַרומ־פאָרן אין די דערפער מיט א בייטל מיט רענדלעך און אויסלייזן.

איינמאָל, ווינטער צייט איז עס געווען, א גרויסער שניי אָנגע־פאַלן, פאַלט אַריין צום גביר צמח א מלמד פון א דאָרף, וואו ער האָט ביים אַרענדאַר געקנעלט, אָטעמט קוים פאַר שרעק, די אויגן קריכן אים פון אונטער'ן שטערן אַרויס, און מיט שוים איבער די ליפּן דערציילט ער, אַז היינט פאַרטאָג איז מען פון פריץ באַפאַלן דעם אַרענטאַר, אָנגעטאָן דיבעס אים מיט'ן ווייב און דעם גאַנצן בני בית, פאַרנומען און אַריינגעוואָרפן אין תפיסה אַריין, און ער אַליין, דער מלמד, איז קוים אַנטלאָפן מיט'ן לעבן; מען האָט אים אויך געוואָלט פאַרנעמען, נאָר ער האָט א פענצטער אויסגע־האַקט, אַרויסגעשפּרונגען און איבער'ן פעלד אַנטלאָפן, און אָט בלוטיגט נאָך דער פּוס... שיקט מען צום מלמד נאָכ'ן רופא, און צמח הייסט איינשפּאַנען דעם שליטן, וואַרפט זיך אַריין אין ביבער־פעליץ, פאַרגעסט נישט מיטצונעמען א בייטל מיט רענדלעך, זאָגט א תפלה קצרה פאַר'ן וועג און פאָרט... וואָס רעכנט ער, צמח?

דער אַרענדאַר האָט קיין ראַטע נישט באַצאָלט! פאַלט ער אַריין צום פּריץ — אַריין לאָזט מען אים, ער איז דאָך צמח, האָט עסקים מיט׳ן פּריץ — לאַנג ברייען וויל ער נישט, דער אַרענדאַר מיט׳ן בני בית קאָנען דערוויי‍ל געפּרוּווירן ווערן אין תּפיסה, דער פּראָסט קנאַקט, פאַרשמירטע שויבן! פרעגט ער נאָר יאַסני פּאַניע, וויפיל קומט פון אַרענדאַר?

שמייכלט דער פּריץ פון אונטער די וואָנצן און שלעכטע פייער־לעך שלענגלען זיך אים אין די אויגאַנעס: עס קומט אים ביים אַרענדאַר גאָר נישט.. פאַר א חוב וואָלט ער אים אין תּפיסה אַריינגעוואָרפן? אנטפאַלט ביי צמח׳ן דאָס האַרץ. פרעגט ער: יאַסני פּאַניע, ער האָט דיך באַליידיגט, א שלעכט וואָרט געזאָגט?

— וואָלט ער שוין לאַנג געהאַנגען!

— גאָרנישט,—זאָגט דער פּריץ. — נאָר איך ווייס,—זאָגט ער,—אַז איר האָט א גרויסע תּורה מיט תּרי״ג מצוות און אַלע קאָנט איר נישט מקיים זיין, נעמט זיך יעדער איד צו איין מצוה, צו זיין מצוה פאַר וועלכער ער איז זיך מקריב, און מען האָט מיר דערציילט, אַז דו האָסט אויף דיר גענומען פּדיון שבוים און דו האָסט א ווייב א יפה־פיה, אַן אמת׳ע יפת־תואר, שענער ווי אַלע פּריצות, וויל איך דו זאָלסט מקיים זיין פּדיון שבוים... פאַר איין שעה יחוד מיט דיין ווייב!—מאַנס זיין וועל איך זי נישט.

כאַפּט צמח און אַנטלויפט, און פאַרגעסט אָן שליטן און לויפט צופוס. לויפט ער פאַרביי פאַר׳ן פּריץ׳ס תּפיסה, גייען גוים מיט קאָסעס אַרום דער תּפיסה אויף דער וואַך, און פון תּפיסה הערט זיך א גרויסע יללה, און איין פויער לעגט איבער די קאָסע פון דער רעכטער אין דער לינקער האַנט און ווישט זיך מיט׳ן רעכטן אַרבל די אויגן אויס. „פּאַניע צמח,—זאָגט ער,—א ביטערער רחמנות, איין קינד איז שוין דערפרוירן געוואָרן״...

כאַפּט עס צמח׳ן אָן ביים האַרץ, לויפט ער צוריק צום פּריץ: אַז נישט מאַנס זיין, איז ער ביי גאָט אין די הענט—און דער שלי־טען איז נאָך איינגעשפּאַנט. כאַפּט אויף זיך דער פּריץ א בערן־פּעלץ, לויפט אַרויס, צמח שטרויכלט נאָך, דער פּריץ זיצט שוין אויבן־אָן, כאַפּט אָן צמח׳ן, וואָס וויינערט זיך אין דער העלפט,

הויבט אים אויף ווי א קינד און זעצט אים לעבן זיך, און ניט א זעץ דעם שמייסער אין די פּלייצעס אריין: פאָר! און די אָפּגע־קילטע פערד רייסן אוים מיטאמאָל און מען פאַרשווינדט אין א שטויב פון שניי, גלייך שדים וואָלטן געפלויגן...

געקומען, לאָזט צמח דעם פריץ אריין אין א באַזונדער חדר אריין, און גייט איבער׳ן קאָרידאָר צום ווייב׳ס חדר, שטייט די טיר אָפן, שטייט דאָס ווייב זיינס צווישן יתומות און רעדט מיט זיי הארציגע דיבורים און לערנט זיי. רופט ער זי אַרויס און דערציילט מיט גרויס געוויין און הארץ־ווייטאָג, וואָס עס איז געשען, און ווייזט איר אָן אויפ׳ן חדר, וואו דער פריץ וואַרט אויף איר. און איידער ער הערט איר תשובה, ווערט אים, נישט פאר אייך גערעדט, נישט גוט, פאַלט ער אנידער אויף א שטול און בלייבט חלשות... און אַז ער כאַפּט זיך אויף, פאַרשטייט ער נישט, וואָס דאָ איז גע־שען, וואָס ער זיצט אין פאָדער־הויז אויף א שטול און איז אַזוי מאַט און באַגאָסן מיט שוויים. עפנט ער אויגן און אויערן, דער־הערט ער דעם פריץ׳ס קול פון א שטוב. דערמאָנט ער זיך אַלץ מיטאמאָל, שפרינגט אויף, לויפט צו צו דער טיר, די טיר איז פאַר־מאַכט; בויגט ער זיך איין, קוקט דורכ׳ן לאָך פון שליסל, זעט ער, ווי זי זיצט אויף דער סאָפע, ער לעבן איר אויף א פאָטער־שטול, אויפ׳ן טיש — כבוד, און ער האַלט אירע הענט אין זיינע הענט, און אָט נעמט ער אירע הענט צו זיין מויל, — כאַפּט צמח׳ן אָן א שרעק, הויבט ער אָן לויפן איבער׳ן פאָדער־הויז, לויפט ער פאַרביי דער שטוב, וואו די מיידלעך זיצן, די טיר איז אָפן, זעט ער גאָר, אַז זיין ווייב זיצט צווישן די מיידלעך און לערנט זיי, און איר פּנים שטראַלט מיט חכמה און צניעות — וואָס איז? א פאַרבלענדע־ניש? לויפט ער צוריק צום לאָך פון שליסל אין יענעם חדר, זיצט זי שוין איבערגעבויגן צום פריץ, איר קאָפּ אויף זיין אַקסל, און ער נעמט זי אַרום און בויגט צו די יצר־הרע־פאַר׳שכור׳טע אויגן צו׳ן איר בלאַס פּנים, די וואָנצן צו די ליפּן, כאַפּט צמח׳ן ווייטער אָן א גרויל, לויפט ער צו יענער שטוב, זיין ווייב איז פאַרט צווישן די מיידלעך, ער זעט זי באַשיינפּערלעך, און ער הערט איר קול און טרינקט מיט דאָרשט אירע קלוגע רייד:

— א אידישע טאָכטער, — לערנט זי די יתומות, — מוז זיין ריין, ווי א קריסטאָל, ווי א ריינקייט.

דערהערט ער אָבער א גערודער פון יענעם חדר, כאַפּט עס אים אָן און יואַרפּט אים אַהין, זי זיצט שוין אינגאַנצן אויף זיין שויס, נעמט אַרום מיט ווייסע נאַקעטע הענט זיין רויטן האַלז, און מויל גענענט זיך צו מויל, ליפּן — צו ליפּן, אַז עס קלינגט... פּאַקט עס אים, ווי א שגעון, לויפט ער צוריק, דערהערט ער שוין אויפ'ן וועג איר זיס־קלינגענדיג קול פון דער שפּיגל־שטוב אַרוים:

— א אידישע טאָכטער דאַרף זיין שטיל, ווי א טויב, און ריין, ווי א שפּיגל אָן א הויך... פאַרדרייט זיך שוין דעם אָרימען צמח אין קאָפּ, פאַלט ער, א שוויים־באַגאָסענער, אויף דעם שטול און פאַרגעסט זיך אינגאַנצן...

און אַז די שעה פון יחוד איז אַריבער, כאַפּט ער זיך פון זיך אַליין אויף. דער פּריץ גייט אַרוים פון פאַדער־הויז, ער זעט נאָך זיין רויטן קאַרק אין טיר. ווי ער פאַרשווינדט, דערמאָנט ער זיך אַלץ, וויל אויפשפּרינגען, קומט אָבער זיין ווייב, זיס און צניעות'־דיג־שטראַלנדיג, פון שפּיגל־שטוב אַרוים, גייט צו אים שטיל צו, לעגט די האַנט אויף זיין שטערן און זאָגט אים:

— אין זכות פון פּדיון שבוים!

ענטפערט ער איר:

— אין זכות וואָס דו לערנסט די יתומות...

ער האָט פאַרשטאַנען אַז דאָס איז געווען א סיעתא דשמיא— אויפ'ן יצר'הרע'דיגן פּריץ א פאַרבלענדעניש.—

לבנה־פּערל און אַלטוואַרג

אַמאָל איז געווען אַ „בת־מלכה"...

איך וויל אייך אָבער נישט נאַרן; עס איז קיין עכטע בת־מלכה נישט געווען...

דער פאָטער, אויב ער איז זיכער, איז אַ פּאַר'מרה־שחורה'טער שוסטער געווען, די מוטער — אַ מאַרק־אידענע, וואָס האָט ליב געהאַט דעם ביטערן טראָפּן... נאָר אויגן האָט זי געהאַט פון אַ בת־מלכה, מען האָט זיך טועה געוועזן...

און פאַרליבט אין די אויגן האָבן זיך צוויי אָרימע יונגע לייט, זיי האָבן זי פאַר אַ ווירקלעכע בת־מלכה געהאַלטן, אוןביידע, כאָטש יעדערער באַזונדער, האָבן געזאָגט: „זי, אָדער — אַ שטריק אויפ'ן האַלז", די איינענע ווערטער, כאָטש איינער האָט פון צווייטן נישט געוואוסט, זיי האָבן זי גאָר אפשר נישט געקענט.

און ביידע, כאָטש יעדערער באַזונדער, האָבן זיך באַשלאָסן די בת־מלכה צו באַקומען.

נאָר ווי אַזוי?

מען גייט דאָך נישט צו קיין בת־מלכה — בפרט, ווי זיי האָבן געמיינט, צו אַן אמת'ער, מיט ליידיגע הענט, האָבן זיי ביידע אָנגעהויבן צו זוכן מיטלען, מיט וואָס נושא־חן צו זיין אין אירע אויגן.

און ביידע האָבן געזוכט, נאָר יעדערער אויף זיין אופן:

איינער האָט אָנגעהויבן אַרומגיין גאַנצע טעג מיט די אויגן אַראָפּ, דער צווייטער גאַנצע נעכט — מיט די אויגן אַרויף.

דער „מיט די אויגן ארויף" איז געווען א ראמאנטישע נאטור: ער האט זיין גליק נישט געוואלט אויפהויבן פון מיסט אין גאס. ער האט זיין גליק אין הימל געזוכט; דערהויפט — אין אויסגעשטער־רענטע, לייטזעליג־פארחלום׳טע נעכט...

און גאנצע נעכט האט ער אונטער דער שטאט, און וואלד, אין פעלד, צי ביים טייכל פארברענגט אדער אפגעשטאנען ביים קליינעם פענצטערל אין דאך־שטיבל ביי זיך, און אלץ מיט די אויגן אין דער הויך, אלץ צום הימל ארויף, צו דער בלאער הויך, צו לבנה און שטערן. מיט הארציג־פייכטע אויגן האט ער זיך פאר זיי אויף זיין מזל געקלאגט, מיט ציטערדיגע ליפן פון זיין ליבע דערציילט און אלץ אין איינעם געבעטן זיך: שענקט מיר, הימלישע לייט, פון אייערע גוטע זאכן עפעס ריינס און גוטס פאר א מתנה פאר דער שיינער בת־מלכה; זאל איך נושא חן זיין אין אירע אויגן, זאל זיך איר הארץ ווענדן צו מיר, זאל זי מיר איר ליבע שענקען, ווארום אניט, וואס איז מיין לעבן ווערט?

דער ערשטער אבער, דער „מיט די אויגן אראפ", האט אנדערש געטאן! ער ווייסט, אז עס וואלגערן זיך ארום אויף דער ערד אלערליי אוועקגעווארפענע און פארלוירענע זאכן. מען ווארפט ארויס פון א הויז א שטיקל אלטווארג; עס גליטשט זיך אויס פון א האנט א צו־גלאטער גראשן; א פערד פארלירט אמאל א פאדקא־ווע; עס וואלגערן זיך אויסגעקרימטע נעגל, עס טרעפן זיך אמאל אויך כשר׳ע מציאות — און אז מען האט געדולד און א גוט אויג, און מען קלויבט לאנג, קאן מען צו עפעס קומען: פון גאר נישט מיט נארנישט ווערט עפעס, פון עפעס און עפעס — א פאר גראשן; און די גרעסטע פארמעגנס באשטייען אויך נאר פון גראשן, — און ביי׳ן א פארמעגן ווערן בת־מלכה׳ס הערצער ווייך ווי א וואקס...

הויבט ער אן זוכן אין גאס...

דאס זיינען געווען די צוויי אופנים פון די צוויי ליבהאבער...

און פון וועלכן זאל איך אייך דערציילן פריער? אין גאס, אין געשעפט, ווען איר זוכט שידוכים פאר אייערע טעכטער, זענט איר, געוויס, פראקטישע מענטשן, איז דער „מיט די אויגן אראפ" וואלט אייך מער אינטערעסירט; צווישן טאג און נאכט אבער,

ווען איר נעמט אייך צום לייענען, ווערט איר סאַמע רוחניות, סאַמע נשמה, און אייער מיטגעפיל איז אודאי אויף דער זייט פון דעם „מיט די אויגן אַרויף", לאָז איך איבער, אויף א ווײַלע, דעם „מיט די אויגן אַראָפּ" און וועל אייך פריער דערציילן, ווי אַזוי עס איז נעגאַנגען דעם פון „די אויגן אַרויף"...

ער קוקט אין הימל אַריין, און ער האָט אַזוי לאַנג געקוקט און נעקוקט, און געקלאָגט זיך אַזוי האַרציג אויף זיין מזל, און אַזוי רירנדיג דערציילט פון זיין אָרים לעבן און רייכער ליבע; ער האָט אַזוי פיל שיינע און האַרציגע ווערטער געהאַט פאַר זיין איינזאַמקייט, בענקשאַפט און דעם פלאַם, וואָס ברענט אים אין האַרצן,— ביז די גוטע שטערנדלעך מיט די קינדעריש־ריינע הערצעלעך האָבן אויף אים א רחמנות באַקומען, און געמיט זיך פאַר אים ביי דער קאַלטער לבנה! — נישט איין שטערנדל, האָט געזאָגט, אַז עס גייט אוים פאַר צער! — אַזוי לאַנג, אַזוי ברייט ביז די לבנה האָט אויך אויף אים רחמנות באַקומען, און איינמאָל אין א שיינעם העלן ענדע נאַכט, עס האָט נאָר וואָס געלאָזט אָנהויבן גראָען דער טאָג, האָט זי אויף אים א ליטזעליג אויג געוואָרפן און אין דאַך־שטיבל אַריין, דורכ'ן קליינעם פענצטער, אויף א לאַנגער זילבערנער שטראַל —נישט מער און נישט ווייניגער, נאָר א שנירל לבנה־פּערל דערלאַנגט!

דער אָרים־בחור ווערט שיר נישט משוגע פאַר פרייד, און כאַפּט תיכף ומיד, און לויפט צו דער בת־מלכה און קלאַפּט אָן אין טיר.

— ווער איז דאָרט? — הערט זיך דער בת־מלכה'ס זיס קול, נאָר א ביסל פאַרשלאָפן און דערשראָקן — ווער וועקט עס מיך פון שלאָף? ווער האָט מיר מיינע שיינע טויבן, די געפליגלטע חלומות פאַריאָגט?—

— איך! איך! — ענטפערט ער מיט א פאַרציטערט קול, — בת מלכה! איך האָב דיר א הימלישע מתנה געבראַכט, אַזוינע, וואָס קיין שררה שענקט זיין ווייב, און אפילו זיין געליבטער נישט, וואָס יענע האָבן אין זייערע אוצרות נישט, וואָס די וועלט, די גאַנצע וועלט פאַרמאָגט נישט, און איך האָב פון הימל באַקומען און איך פאַרלאַנג דיין ליבע דערפאַר...

„פון הימל ?" וואונדערט זיך די בת־מלכה און שפּרינגט אַראָפּ פון בעט און שליסט אויף די טיר און עפנט א שמאָלע שפּאַרע, און שטעקט אַרויס די ווייסע מאַרמאָרנע האַנט נאָך דער מתנה.

און אַז דער יונגערמאַן דערמאָנט נאָך אַמאָל זיין באַדינג, הייסט זי אים קומען פאַרנאַכט אַז די זון וועט אונטערגיין נאָך א תשובה...

איז ער, דער ליבהאָבער מיט די אויגן אַרויף, דערפרייט גע־וואָרן און איז זינגענדיג און אונטערטאַנצנדיג פון שטאָט אַרויס, צום פעלד, צום טייך, צום וואַלד. אין די אויגן—די ווייסע מאַר־מאָרנע האַנט, אין אויער — דאָס זיסע קול... ער לויפט. די זאַנגען אין פעלד, דאַכט זיך אים, ווינטשן אים גליק, דאָס טייכל רוישט: מזל־טוב! מזל־טוב! די בוימער שאָקלען צו מיט די קעפּ: יאָ, יאָ, עס קומט דיר, דו לבנה־פריינט! און די פויגל, די באַזינגען אים שוין די כלה...

נישט געגעסן און נישט געטרונקען, איז ער אַזוי, זינגענדיג און טאַנצנדיג, אַרומגעלאָפן הינטער דער שטאָט. נאָר אָט לאָזט זיך די פלאַמענדיגע זון אַראָפּ, ווייכע קילע שאָטן לעגן זיך איבער טייך און פעלד, די בוימער־שטאַמען גילדטן זיך, א שטיל ווינטל צעלאָזט די פליגל און עפּעס אן אויסטערלישער פויגל קלאַפּט מיט'ן שנאָבל אין בוים אַריין, און רופט: צייט! צייט! און ער לויפט אין שטאָט אַריין נאָך א תשובה...

ער קלאַפּט נאָכאַמאָל אין בת־מלכה'ס טיר, נאָר שוין זיכערער.

— ווער איז דאָרט ? — פרעגט די בת־מלכה שאַרף און אומ־געדולדיג.

— איך, דער וואָס האָט דיר פון דער לבנה'ס פערל געבראַכט —נאָך א תשובה בין איך געקומען...

און עס הערן זיך לייכטע טריט, און אויף א שמאָלער שפּאַרע עפנט זיך נאָכאַמאָל די טיר, און ווי אין דער פרי שטעקט זיך אָן אַלעבאַסטער־האַנט, נאָר שוין נישט קיין נאַקעטע, אַרויס...

— „איך האָב דיינע פערל צו אַלע גאָלדשמידן געטראָגן— קיינער וויל זיי אין האַנט אַריין נישט נעמען: נישט קויפן, נישט טוישן... עפּעס פרעמדע שטיינדלעך, זאָגן זיי, נאָר דאָ אָן א ווערט, איך בין אין א שניט־קראַם געלאָפן, געוואָלט כאָטש א ציצן קליידל

דערפאר—מען האט מיך אויסגעלאכט. מיד און הונגעריג בין איך צו א שפייז־געוועלבל געקומען, און האב פאר'ן גאנצן שנירל לבנה־פערל א קליין שטיקל קעז געבעטן, האט מען מיך, ווי א ווילד־משוגענע, ארויסגעטריבן".—

און די מאַרמאָרנע האנט וואַרפט אים די פערל צו די פיס און ציט זיך צוריק און פאַרוואַרפט די טיר, און הייזעריג דרייט זיך איבער דער שליסל אין שלאָס...

נאָר אַנדערש איז צוגעגאַנגען מיט'ן צווייטן, מיט דעם פון „די אויגן אַראָפּ".

ער האָט געקליבן און געקליבן: טעג, חדשים, יאָרן...

א קורצע צייט אַרום, אַז ער האָט שוין א פולע קאַמער שטיק־לעך און אַלטוואַרג געהאַט, האָט עס א נייער פּאָר קליין־געלט אָפּ־געקויפט, דער „קלויבער" האָט דאָס געלט אין א שפּאָר־קאַסע גע־לעגט און ווייטער געקליבן און ווייטער פאַרקויפט... אַמאָל האָט זיך אים אויך א כשר'ע מציאה געטראָפן... אַז מען זוכט, געפינט מען; גאָט העלפט... פון גאַרנישט מיט גאַרנישט ווערט עפּעס, פון עפּעס און עפּעס — א דרייער און ווי געזאָגט, דאָס גרעסטע פאַרמעגן באַשטייט פון דרייער. איז ער טאַקע צו א פאַרמעגן גע־קומען, צו כבוד אויך. אָנפאַנגס האָט מען זיך פון אים אָפּגע־רוקט: א מענטש זוכט אין דער בלאָטע!... דערנאָך גוטיג צע־שמייכלט... שפּעטער — ערנסט באַטראַכט, און נאָך דערנאָך, אַז ער איז שוין רייך געוואָרן, באַוואונדערט און פאַר א מוסטער גע־שטעלט!...

און אַז ער איז שוין רייך געוואָרן, האָט ער זיך א פּאַלאַץ גע־קויפט ביי'ן א שררה'ס א געליבטער, אַלט נאָר גרויסאַרטיג מעבל אָפּגעהאַנדלט און דאָס פּאַלאַצל אויסגעצירט; אין דער שענסטער שטוב האָט ער א גאָלדן בעט, מיט אַטלאַס און סאַמעטן בעטגע־וואַנט געשטעלט און האָט פון פּאַלאַץ דעם גאָלדענעם שליסל גע־נומען און איז צו דער בת־מלכה געגאַנגען און געפרעגט זי, צי

ווײל זי װיט אים צוזאַמען וואוינען אין פּאַלאַץ און שלאָפן אין גאָלדענעם בעט? און זי האָט געענטפערט: יאָ.

און אין חופּה־טאָג איז בײַ דער אָרימער סעודה, דער „מיט די אויגן אַרויף" צווישן די אָרימע לײט געזעסן און געגעסן און מיט שלעכטע בראָנפן זיך אָנגע'שכור'ט... און בײנאַכט, אַז מען האָט דאָס פּאָר פֿאָלק לעגן געפירט, איז ער אַנטלאָפן אין וואַלד אַרײן און—האָט זיך אויפ'ן ערשטן בעסטן בוים,—אויפגעהאַנגען...

צוריק אין דער אַלטער היים

.1

קענסטו דאָס אָרט, וואו חלומות בליִען, ווי רויזן,
וואו די שטערן טריפן סודות אַריין אין דער נאַכט;
וואו העלע געזיכטער מיט שטראַלנדיגע אויגן
שפּינען ליבלעכע נעצן אַרום דער נשמה,
אַרום האַרץ?

וואו דער טאָג־געזויש ווערט איינגעזאַפּט מיט פרייד,
און ליב און באַקאַנט איז יעדע מויער, יעדער שטיין,
און יעדער שאָטן, וואָס בויגט זיך אַרויס
צווישן טאָג און נאַכט פון יעדעם שפּאַלט
דערציילט זיס־שווידערהאַפטע זאַכן
אַזוי ליב?

דאָס איז די היים,
די אַלטע היים.

.2

אומשולדיג־שטיל־היימישע נאַכט,
כ'וויל מיך וואַשן ריין
אין דיינע שטיל־ציטערדיגע וועלן;
אין דיין שטיל־ציטעריגער זילבער־נעץ,
היל מיך איין.
כ'וויל צוריק זיין דיין אַמאָליג קינד
דיין אַמאָליג ריין־גלויביג קינד —
דערצייל עפּעס, דערצייל...

.3

דאָ בין איך, מאַמע,
צוריק דיין קינד,
דיין ריין, אומשולדיג, גלויביג קינד—
כ'וויל פאַרגעסן די גאַנצע צייט
פון אָפּגעריסנקייט פון דיר—

אונטער דיין טיר
האָב איך זי געלאָזן...
אין דיין שוים, מאַמע, וויל איך אַלץ פאַרגעסן:
די בלומען, וואָס האָבן פאַרבליט,
די דערנער, וואָס האָבן געשטאָכן...
די שלאַכטן, וואו איך האָב געזיגט
און די וואונדן, וואָס בלוטיגן, בלוטיגן...

ניין,
עס טוט גאָר נישט, גאָר נישט וויי...
אויף מיין קאָפּ ליגט דיין האַנט, און ער טוט נישט וויי...
ניין, ער איז נישט גראָ...
קרייזל מיר די לאָקן, מאַמע...
שווארצע לאָקן האָב איך, זעסט?
און די רויטע בעקלעך בליען,
און ווי קליין איך בין,
און ווי ריין מיין שטימע קלינגט—
א זילבער־גלעקל, וואָס?

.4

געשלאָסן אויפ'ן אַלטן, מעכטיגן שלאָס,
איז דער געשמידטער אייזן־טויער פון שול.
אויף געבלענדטע, האַלב־קיילעכדיג גרויסע שפּאַקולן
קוקט זי מיט א שווערן אומעט
אין דער נאַכט אַריין.
פאַרשטומט די קינדער־פרייד,

די רווישנדיגע שוואַלבן־שאַר,
וואָס שלאָגט זיך גאַנצע טעג
אין די אַלטע, גרין־פאַרגאָלדטע שויבן־שטיקער,
און פּלאָנטעט זיך אין רעגנבויגן־פאַרבינן שפּינוועבס,
רוען אין די נעסטן,
איינגעהילט אין שאָטן...
די שול איז מיט מתים פאַרנומען,
מיט מתים פון מיין צייט און געשלעכט...

.5

אין דער שטילער נאַכט
גיי איך איינער אַליין
אויפ'ן אַלטן מאַרק אַרום.

ניין, נישט אַליין!
עס גייט מיין גאַנץ געשלעכט...
שאָטן רירן מיך אָן,
ווישנדיג זיך אָן מיינע קליידער
פון פאָרנט און פון הינטן,
און פון יעדער זייט.

עס גייט מיט מיר מיין גאַנץ געשלעכט...
און אַלץ, וואָס עס האָט איבערגעלעבט
פלאַטערט און שוועבט
אַרום אין דער לופט, ווי שאָטן
פון לאַנג איינגעפאַלענע מויערן,
וואָס האָבן זיך פאַרבלאָנקעט און פאַרוויקלט
און ציטערן אויסער דער צייט...

— — — — — — — — — — — — — —

אַן עולם גייט...
א גרויסער, פריילעכער עולם:
בענדער, העל־פאַרביג־לוסטיגע קליידער — — —
גלאַנצנדיגע קליידער טראָגן זיי, די מענער,

אטלאַס, זייד, שפּאָגל נייע קליידער — —
בענדער, העל־פאַרביג־גלוסטיגע בענדער
איבער ווייבער־קעפּ!
פון אונטער ברעמען, שפּראָצן, שפּריצן
בליקן שטראַלנדיג־פרישע...

רויטע פאָנען טראָגן פרייד־געדוויטלטע קינדער—
היינט איז — שמחת תורה!

ביי מיר, אין פאַרבאָרגענעם
הייליגן ווינקל, אין האַרץ,
אין קינדערישן קדשי־קדשים,
בליט דאָס הייליגע גליק
מיט הייליגן וויי־רויך לייכט פאַרנעפּלט...

כ׳זע!
צעפלאָסן גאָלד, א שטראָם צעפלאָסן גאָלד
זיינען אירע לאָקן — —
פאַר אירע בליקן בלייבן זיך די פלאַמען
פון פאַקעל און הבדלות —
ווי א פלאַמענדיגער מאָן אין פעלד
איבער אלע זאַנגען שיסט
מיין ליב אַרויס,
איבער אלע קעפּ!

— — — — — — — — — — — — — — —

.7

ע, ניין, כלי־זמר, שפּילן,
עטוואָס וואַקלט זיך דער עולם—
פורים־שפּילער, שטעלצן־גייער,
אלערליי שלח־מנות טרעגער
ווימלען רעכטס און לינקס.

הער, אינגעלע,
שטעל דיך, אָרים אינגעלע
פון אחשורוש שפּיל!
נאַ דיר, נאַ, א צענערל,
טרעט מיר נאָר דיין מאַסקע אָפּ
מיט דער רויטער נאָז...

— דאָס בין איך, מלכּה׳לע,
שרעק זיך נישט...
גענעץ דיך נאָר,
זע, ווי גוט איך שפּיל...

— — — — — — — — — — — — — —

.8

עס מישן זיך די שאָטן דורך...
אָך, ווי שטיל דער עולם טרעט,
ווי גייסטערהאַפט עס קלינגט:
צדקה תּציל ממות...

וויין נישט, קינד...
זע, איך וועל דיר טאַטע זיין,
מאַמע זיין...

.9

שטיל האָט דורכגעשוועבט די נאַכט,
און שוועבנדיג,
א פענצטער נאָך א פענצטער פאַרלאָשן...

א פּאַר׳חלומ׳ט זילבער־גרוי
שוועבט, קוים־קוים הערעוודיג,
איבער׳ן סקווער...
אין די צווייגן
האָבן די מידע פויגעלעך
די קעפּלעך אונטער די פליגל

באַהאַלטן...
טס...
יעדעס אָרים גרעזל האָט זיין שלאָפגעטראַנק באַקומען --
זיין טראָפּן טוי...

אין פאַרחלום'ט זילבער־גרוי
טריפט די לבנה שטיל
איר ליכט אַריין...

אויף פייכטע, שטילע אָוונט־פליגל
שווימען די זכרונות אָן:
קינדער־טעג,
נעפּלדיגע קינדער־שאָטן.

.10

ביזט אַליין?
אין דער פינצטער אַליין?
איך האָב עס געוואוסט,
און דעריבער געקומען.

צינד נישט אָן קיין ליכט...
ניין, ניין!
זע מיך נישט, און גלויב,
אַז איך בין דער זעלבער—
וואָס אַמאָל...

נישט גערונצלט איז דער שטערן,
גראָ—איז קיין איינציגער האָר...
און דאָס הארץ איז ווי אַ מאָל—

זיי דו אויך אַזוי...
דו ביזט אַזוי? וואָס, ניין?
דאָ,
וואו מיר זיינען אַמאָל געזעסן,

און צום לעצטן מאָל...
גיב מיר דיין האַנט,
דיין ווייסע שמאָלע האַנט...

דו רויטלסט זיך?
איך זע נישט, קינד,
פילן פיל איך עס...
און—וואָס קלאַפּט אַזוי?
שלאָגט אַ זייגער וואו?
פּיקט א פויגעלע אָן שטייג?
אָדער דיין הארץ שלאָגט?
אָדער — מ י י נ ס?

.11

אין שאָטן פון אַלטן הויז,
שטייט אן אַלטע באַנק...
איך זיץ, זי — לעבן מיר.
איר ווייס קלייד בליצט מיר פאר די אויגן.
דער הייסער מאָן אין די שווארצע האָר...
און, ווי פון ווייטע, ווייטע וועלטן,
איר שטימע קלינגט:
—„איך וועל שוין לאַנג נישט לעבן..."
און אויף מיין האַנט טריפט
א טרער נאָך א טרער...

— — — — — — — — — — — — — —

.12

זייט געזונט!
טרוימען רופט מען נישט צוריק...
און פארהילכט א טאָן,
קען ער נישט איבערקלינגען...
צוויי מאָל פליט דער זעלבער שאָטן נישט אדורך!...

טרויער

1.

זיסע נאַכטיגאַל, נאָך וואָס?
נאָך וואָס זינגסטו?
וועמען קלינגסטו
פון קליינעם האַרץ אַרויס, וואָס גליט,
דיין ליבעס־ליד, דיין לעבנס־ליד? —
נאָך וואָס?
פאַר וועמען גיסטו דיינע טרעלן?
פאַר'ן נידריג־שטומען גראָז,
פאַר די גוסס'דיגע בלעטער,
טויבע מענטשן, שטאָלצע געטער?
וועמען שענקסטו דיינע פּערל,
דיינע טרעלן?

2.

און דו, וואַסער, נאָך וואָס קוועלן?
וועמען ניצט דיין ווילדער טאַנץ
אין אָוונט־גלאַנץ,
איבער שטיין און ביין?

נאָך וואָס נעקן?
נאָך וואָס וועקן?
נאָך וואָס רוישן, איבערשרעקן
וואַלד און טאָל
און דאָס מידע גראָז?

און דו, שטיל־באהאלטענע פלאַנץ,
פלאַנץ אָן נאָמען,
פלאַנץ אָן קראַפט,
נאַקעט און גאָל...

וועמען טויג דיין גאַנץ באַמיען,
נאָך וואָס ציען
פון דער ערד אַרויס דעם זאַפט
און פאַרשפּרייטן זאָמען?

.3

אין דער בלאָער שטילער הויך,
פון ליבעס־קוואַל און לעבנס־קוואַל
ציטערט בלייך
א הימליש אויג —
און עס ציטערט, און עס שוועבט,
און עס פליסט, און שפינט, און וועבט
פון הארץ אַרויס א גאָלדענער שטראַל — —
מען האָט דערפון א סך?
פון דעם אַלעם וועט נישט זיין —
אויף א הייזל — ניט א שטיין!
און קיין שינדל אויף א דאַך!
פאַר דעם, וואָס וואַנדערט אין דער פרעמד,
אָפּגעמאַטערט, נאַקעט און גאָל!
און קיין פאָדים אויף א העמד.
אויף תכריכים נישט צו מאָל!
און קיין קערנדל אויף ברויט,
קיין אַרבעס־שויט!

.4

ציטער, זיסע פלאַנצן־שוים!
פלאַם און פלאַטער, ווילדע רויז!

נאָר אייל דיך, אייל!
עס שטעקט זיך שוין א האַנט אַרויס
דיך אָפּצופּליקן!

זילבער־גלעקל, טייכל־מיין!
וואָס טאַנצסטו אין אָוונט־גלאַנץ אַליין...
זינג נאָר, קלינג נאָר, און דערצייל
אַלע סודות, וואָס דו האָסט —
נאָר געשווינד!
עס גייט דער ווינט,
ער אָטעמט קעלט, ער הויכט מיט פראָסט
ער וועט דיך דערשטיקן!

פאַרזיי וויפיל גאָלד דו האָסט,
שטערנדל־ריין, שטערנדל־פיין,
אין גאָלדענעם האַרץ!
נאָר היט דיך, היט,
א וואָלקן ציט,
גרימיג־שוואַרץ
און שלינגט דיך איין—
און א סוף פון אַלע גליקן!

.5

נאַכט, א הוילער בוים אין פעלד,
איינזאַם, שטום און בלינד!
און א קלאָג־ליד אויף דער וועלט
בלאָזט אויף אים דער ווינט!
און אויפ'ן בוים א שוואַרצע קראָ,
זיצט און לאַכט,
און דאָס אַלץ זאַפּט אין זיך איין
די גראָע נאַכט!